Insurance
so good, it's
#forgettable

jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

Vol. 10 • #49 (479) Friday September 2, '22 • ב"ה • פרייטאג שופטים, ו' אלול תשפ"ב לפ"ק

loop REALTY
845-388-1155
info@looprealtyinc.com
52 Bakertown Rd. Suit #419
נפתלי הירצקא לאנדא | הערש אלימלך ניגעדמאן
Residential | Commercial | Sales | Rentals

כדאי הוא מינוי הדיינים הכשרים להחיות את ישראל להושיבן על אדמתן:

# כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א דערהייבט כח ההוראה בקרב ק"ק קרית יואל מיטן ממנה זיין רייע פרישע מורי צדק לדון ולהורות אין אלע שכונות און געגענטער

בית הוראה
דקהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

**פרישע התמנות הייבט אויף מספר צו 12 דייני קהלתינו הק' צו פארפיגן לכל דורש ומבקש איבער אלע געגענטער אינעם עיר הגדולה לאלקים**

הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א; הרה"ג יעקב יודא ברוין שליט"א, דומ"ץ בית מאיר - שכונת סאסוב מאונטען; הרה"ג בערל ראזענבערגער שליט"א, דומ"ץ ישמח משה - שכונת סעקשאן 4; הרה"ג מנחם מענדל ווייס שליט"א, דומ"ץ טיב לבב - שכונת לעמבערג המורחבת; הרה"ג שמואל יעקב מייזעלס שליט"א, דומ"ץ בית מרדכי לייב - שכונת פארעסט די. ע. ווידער; הרה"ג מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א, מו"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו-קרית יואל; הרה"ג יואל ברוין שליט"א, דומ"ץ בית יעקב נחמי' - שכונת קארלסבורג-עצי תמרים; הרה"ג שלמה יונגער שליט"א, רב מפעל בנין עדי עד; הרה"ג שבתי קאהן שליט"א, מו"ץ.

**נייע מורי צדק:** הרה"ג יצחק בריזל שליט"א, מו"ץ; הרה"ג יואל אלימלך כהנא שליט"א, מו"ץ; הרה"ג משה זאב שווארץ שליט"א, מו"ץ

התמנות פארגעקומען ביים מסיבת לחיים פארגאנגענעם דינסטאג במעמד הדיינים והגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועלכע האט אויפגעטרעטן מיט דברות קודש און דברי הדרכה פאר די מורי צדק וועלכע וועלן שטיין אויפצוהייבן די תורה'דיגע הנהגה בתוככי העיר רבתי

**צדק צדק תרדוף: דערהייבונג פון כח התורה והוראה בקרב העיר הצדק ברענגט פרישע עפאכע אינערהאלב קרית יואל אוועקצושטעלן הנהגה עפ"י התורה תחת נשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א**

בכל עיר ועיר ובכל פלך ופלך:

## גרויס פרייד אין שטאט מיטן ערעפענונג דעם שב"ק שופטים נייע בית המדרש דקהל יטב לב אין שכונת בלומינגראוו קרית יואל פאר תושבי השכונה לשבתות ולימות החול צו קובע מקום זיין לתורה ולתפלה

**מעמד לחיים וחנוכת הבית פארן נייעם ביהמ"ד אויף מעריוואד גאס וועט פארקומען היינטיגן דאנערשטאג בראשות מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו שליט"א**

נייע ביהמ"ד אהערגעשטעלט מיט רחבות'דיגע היכל, חדרי תפלה, און עזרת נשים; ארבעט גייט אריין אין קראפט פאר די מקוה מפוארה לקדש ולטהר; ביהמ"ד וועט שטיין גרייט מיט אלע הצטרכות'ער ביזן פארענדיגונג פון די 2 מאסיווע פראיעקטן אויף די גרויסע בתי מדרשים אויף ביידע זייטן פונעם שכונה וועלכע מארשירן פאראויס מיט שנעלן גאלאפ אויף מעריוואד און דועלק לטובת תושבי השכונה זיך צו האלטן בדרך הסלולה פונעם מייסד העיר מרן רבינו הקוה"ט זי"ע



טיהר את עיר קרית יואל:

## פייערליכער מעמד 'ציקת הבורות' אפגעהאלטן דינסטאג העעל"ט פארן גיגאנטישער נייע מקוה 'טהרת מרדכי' אין 'בנין אליהו' אויף פארעסט זייט פון גרויסן ביהמ"ד בראשות מרן רבינו שליט"א והגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א ובמעמד דייני קהלתינו שליט"א, נדבני ומחזיקי קרן הבנינים

**הרבני הנכבד הנגיד ר' מרדכי גוטמאן הי"ו פטרון המקוה געגאסן מיט בניו החשובים הי"ו**

חשוב'ע מעלדונג:
אויב האט איר נאכנישט די איינטריט קאַרטלעך
ערלעדיגט די רעגיסטראציע ווי אמשנעלסטן!
דערמאָנונג!



**כ"ק הגה"צ גאב"ד יאַוואָזשנע שליט"א האַלט אָפּ קורצע באזוך אין קרית יואל**

**"קופת קול ששון" שע"י ביהמ"ד בית ברוך העכערט באַדייטנד די סכום הנתינה פאר מחותנים מתפללי ביהמ"ד**

**מסיבה לטובת "רב טוב" אין שטוב פון הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו ראה"ק קיט"ל 12**

**געניאַלע "צוזאמען - צאן קדשים" איינפיר באַגריסט דורך הונדערטער עלטערן פון תלמידות בית רחל**

כולל סאטמאר קרית יואל שטורמט אויף:

## בליאונג פון "סאטמאר קרית יואל" קומט צום אויסדרוק מיט ריזיגער "תקופת העולים"

כולל סאטמאר קרית יואל
תקופת העולים

דער שטאלץ פון די קהילה און די שטאט דערקלערט "א תקופת העולים" פון 3 חדשים, אלול תשרי און חשון תשפ"ג

בס"ד




# רפואה העלפליין'ס
# מאכטפולע רעזולטאַטן

צענדליגער ערפארענע קעיס-ווארקערס זענען זיך געטריי מוסר נפש און דעליווערן בעז"ה גליקליכע רעזולטאטן פאר חולי ישראל, פאר כלל ישראל!

## די מאַכטפולע "רעזולטאטן" רעדן פאר זיך אליינס – אַ "רעזולטאַט" פון כלל ישראל'ס האַרציגע שטיצע

## נאך חדשים לאנג זיך
## וואלגערן מיט יסורים

# דער גבאי בענטשט גומל!



דער מיטל-יאָריגער גבאי פעלט שוין חדשים לאַנג, זינט ער האט אנגעהויבן ליידן יסורים נוראים. **אבער די דאקטורים האבן נישט געקענט דיאגנאזירן דעם מיסטעריעזן מחלה עס צו קענען היילן.** אזוי האט זיך אנגעהויבן א חדשים-לאנגע קייט פון וואלגערנישן פון איין שפיטאל צום צווייטן.

ביז די פראפעסיאנאלע מעדיקל טיעם פון רפואה העלפליין האבן זיך אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן אינעם קעיס, **נאכגעפארשט און געמאכט גרינטליכע ריסוירטש אוועקגעבנדיג גאנצעטע טעג און נעכט**, ביז מ'האט באוויזן צו דיאגנאזירן און בעז"ה טרעפן דעם ריכטיגן שליח צו היילן.

**יעדע ריר פונעם קעיס האט רפואה העלפליין באגלייט ווי אייגענע משפחה**, ביזן זען ענדליך די "רעזולטאַטן"!

דער גבאי איז שוין ב"ה צוריק! דאָס גאַנצע ביהמ"ד פרייעט זיך מיט!

POWERING RESULTS FOR CHOLEI YISROEL
RESULTS
אומגלויבליכע רעזולטאטן פאר חולי ישראל

דינסטאג און מיטוואך תבוא
SEPTEMBER 13-14
CHARIDY.COM/**REFUAH** | 845.606.9222

friedcomedia.com

בעזהי"ת

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

**בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו**

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהורסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט:** ניו העיווען

**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס**

**קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד

*

יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י ACH.
נא לקרוא
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י O.J.C.
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

**1,772**
**משפחות אלמנות**
**3,242**
**יתומים (ילדים בבית)**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד תמוז תשפ"ב
**$34,796,240.00**

**סניף קרית יואל - עם הקמחא דפסחא**

| תש"פ | תשפ"א | תשפ"ב עד ר"ח תמוז |
|---|---|---|
| $843,303.00 | $1,015,733.00 | $1,315,380.00 |

**חשבון השנה**

| | |
|---|---|
| תמוז אב תשפ"א | $910,784.00 |
| אלול תשרי תשפ"ב | $1,826,492.00 |
| חשון - חצי טבת תשפ"ב | $1,379,714.00 |
| חצי טבת - אדר א' תשפ"ב | $1,472,695.00 |
| אדר ב' ניסן תשפ"ב (עם הקמחא דפסחא) | $4,830,458.00 |
| אייר סיון תשפ"ב | $1,781,181.00 |
| **ס"ה** | **$12,201,324.00** |

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

## זעקס און פערציגסטער פארזעצונג

**מכתב 0234 (Y01.027)**

לכבוד די חשוב'ע משפחת לויפער עמו"ש

מיינע ווערטער זענען צו ארים זיך צו באדאנקען פאר אייערע געוואלדיגע שווערע עבודת הקודש וואס איר פירט אן אויף אזא אויסערגעווענליכן ברייטער פארנעם פון קרן אלמנות ויתומים – ווי איר זענט מחי' איבער 1000 משפחות, אייער שכר איז אומשאצבאר. הקב"ה זאל אייך בענטשן, איר זאלט זיין געזונט און שטארק און קענען אנגיין מיט אייער ברייט פארצווייגטע עבודה.

נאר דער באשעפער קען אייך באצאלן, און ער זאל אייך טאקע באצאלן כפל כפליים, און איר זאלט זוכה זיין צו געזונט, נחת דקדושה, השפעות טובות וסייעתא דשמיא זאל אייך באגלייטן טריט און שריט.

וואונטשט פון טיפן הארצן

מרת .....

**מכתב 0235 (Y02.060)**

לכבוד הרב לויפער שליט"א

ארעם איז די שפראך ארויסצוברענגען אויף פאפיר מיין הכרת הטוב צו אייך, וואס איר שטעלט צו און באצאלט פאר מיר און פאר נאך הונדערטער אלמנות שיחיו פלייש און פיש אויף שבת ויו"ט. און לולב און אתרוג פאר סוכות, און מצות פאר פסח. און דורך אייך האבן מיר דערהויבענע און פרייליכע שבתים און ימים טובים און הרחבה בכלל מדי יום ביומו איר טוט דעם חסד "לאברהם" און מ'קען צו אייך זאגן אזוויי' השי"ת האט געזאגט פאר אברהם אבינו שכרך הרבה מאוד, מיין איידעם האט געמאכט א ר"ת אויף אייער שם טוב ווי' פאלגענד

**א**ברהם **ב**ן **ה**עניא **ר**ייך מיט **מ**צוות **ל**אנגע **ו**וירבלענדיגע **י**ארן **פ**רייליכע **ע**רליכע **ר**ייכע און א כתיבה וחתימה טובה.

איר זאלט קענען פאר לאנגע געזונטע און גליקליכע יארן מחי' זיין אידן. און דער זכות פון הייליגן סאטמארער רבי'ן ש"ב זי"ע וואס אייער ג-טזעליגער טאטע המנוח החסיד ר' שלום זצ"ל איז

געווען זיין גבאי צדקה זאלביישטיין פאר אייך און אייער חשוב'ע רביצין תחי' און פאר אייער גאנצע משפחה שיחי' צו האבן א שנה טובה ומתוקה, ושנת גאולה וישועה.

פון טיפן הארצן, הרבנית ..... אלמנות ..... זצ"ל

**מכתב 0236 (E03.040)**

לכבוד הרב לויפער שיחי'

עס איז שוין יעצט א וואך נאך יום טוב, אבער די הערליכע זכרונות פון זיין ארומגענומען מיט מיינע קינדער און אייניקלעך זענען נאך פריש. עס איז מיר א כבוד מיטצוטיילן די ווארימע געפיהלן מיט מענטשן וואס האבן מיר ערמעגליכט צו פראווען אין אזא וואונדערבארע אטמאספער ביי מיר אין שטוב.

כאטש מיינע קינדער פלעגן אמאל אויך קומען, בין איך אבער אלעמאל געשפאנט איבער די בילס. זייער געשפאנט! איך קען שפירן א געוואלדיגע דערלייכטערונג אינעם וועג וויאזוי איך טו פערזענליך אפרעכטן דעם יום טוב, וואוסענדיג אז א ריזיגער חלק פון די הוצאות ווערן געדעקט. דאס איז א מורא'דיגער געפיל!

דער לולב און אתרוג זענען אויך געווען א געוואלדיגע ברכה! מען האט עס זייער גוט אויסגענוצט!! יישר כח!!

א ריזיגן יישר כח פאר אייער נדבן אויך. זאל דער רבונו של עולם אראפ קוקן און זען די שמחה וואס די מתנה האט אריינגעברענגט דורך צוזאמברענגען עלטערן און קינדער אינאיינעם צו פראווען א יום טוב, און זאל ער אים באצאלן אז זיין זון זאל אויך זיין ארומגענומען מיט די ברכה פון זיינע אייגענע לעכטיגע קינדער.

זאל דער אייבירשטער אויסהערן אונזערע תפלות און אייך באצאלן מיט בריאות השלימות און הצלחה, איר זאלט קענען ווייטער אנפירן אייער עבודת הקודש!!

מרת .....

**מכתב 0237 (E03.036)**

לכבוד הרב לויפער, עד מאה ועשרים שנה

אוי ווי גוט איז צו מיר אונזער טאטע, דער רבונו של עולם, וואס האט אייך געשטעלט א שליח מיט אזא הערליכע ארגאניזאציע וואס פארטיילט עסנווארג לכבוד שבת. אויב נישט אייער ברייטהארציגקייט, ווי וואלט איך מיט מיינע צוויי טעכטער געווען?

איך האב נישט גענוג ווערטער אייך צו באדאנקען פאר דעם וואס איר טוט מיט מיר יעדע איינציגע וואך.

איך ווין פשוט פון ווייטאג און בושה אז איך דארף זיך ווענדן צו אייך נאך הילף, אבער איך האב נישט קיין ברירה. דער אייבירשטער זאל ווייטער משפיע זיין בהרחבה פאר אלע ברייטהארציגע נדבנים – געזונט, און אלעס וואס זיי דארפן, אויפן וועג וואס זיי דארפן און ווילן – משאלות לבנו לטובה.

יישר כח!

מרת .....

איך קען אייך נישט גענוג באדאנקען וואס איר טוט פאר מיר, נאר אונזער הייליגע טאטע אין הימל קען אייך צוריק באצאלן פון אלעם גוטן.

**מכתב 0238 (E10.021)**

הרב לויפער, נרו יאיר

ווערטער קענען נישט גענוג אויסדריקן מיין הכרת הטוב און דאנקבארקייט וואס איך האב פאר אייער ריזיגן חסד און כסדר'דיגע שטיצע. עס איז א געוואלדיגע הילף און עס טראגט גאר א גרויס געוויכט פאר מיר און מיינע קינדער.

איך דאנק אייך אויך פאר די הערליכע אתרוג און לולב מיט וואס איר האט אונז מהנה געווען לכבוד יום טוב.

דער רבונו של עולם זאל בענטשן אייך מיט אייער משפחה מיט לאנגע געזונטע יארן, און סייעתא דשמיא צו קענען ווייטער ממשיך זיין די עבודת הקודש.

מרת .....

| פרנס אלמנה ויתומים לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים - $300.00 לשבוע | $2,500.00 | $3,600.00 | $18,000.00 |
| משפחה גדולה - $200.00 לשבוע | $1,800.00 | $2,500.00 | $12,000.00 |
| משפחה רגילה - $150.00 לשבוע | $1,200.00 | $1,800.00 | $10,000.00 |
| משפחה בינוני - $120.00 לשבוע | $900.00 | $1,200.00 | $7,800.00 |
| משפחה - $100.00 לשבוע | $720.00 | $1,000.00 | $6,300.00 |
| משפחה קטנה - $75.00 לשבוע | $600.00 | $900.00 | $5,200.00 |

| מעמדות לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| מעמדות לשבוע - $26 בשר $26 דגים | $500.00 | $720.00 | $3,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר $18 דגים | $360.00 | $500.00 | $2,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר ודגים | $180.00 | $360.00 | $1,300.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר $18 דגים | $150.00 | $250.00 | $780.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר ודגים | $120.00 | $180.00 | $500.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $180,000.00 |
| פרנס השבת קודש $72,000.00 |
| פרנס היום $26,000.00 |

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

# הַשִּׂיבַת לְרֹאשָׁם עֲטֶרֶת פָּז

ברוך שהחיינו וקיימנו לזמן הזה כאשר זכינו בעז"ה להוסיף חילא לאורייתא ביתר שאת ועוז

## להגדיל ולהאדיר כח ההוראה
## בקרב קהלתינו הקדושה

**הגיע הזמן לומר שירה להני אריות שבחבורה, שעטרו להם עטרה**
**כתר תורה וכתר הוראה, להורות הלכה בישראל בקרב קהלתנו המעטירה**

[illegible]

| הרה"ג ר' משה זאב שווארץ שליט"א | הרה"ג ר' יואל אלימלך כהנא שליט"א | הרה"ג ר' יצחק בריזל שליט"א |
|---|---|---|
| בן הרה"ח ר' מרדכי שליט"א<br>חתן הרה"ח ר' רפאל ארי' כאלאף שליט"א | בהרה"ג שלום יעקב ישראל ישרון שליט"א<br>מספינקא אמשינוב<br>חתן הרה"ג שמואל אליעזר פריעדמאן שליט"א | בן כ"ק אדמו"ר מדושינסקא שליט"א<br>חתן הגה"צ אבד"ק בעדין שליט"א |

[illegible]

ונבחרו מקרב קהל ועדה בהורמנותא דמלכא ובברכת הקודש

**כבוד קדושת מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א**

להניף אותם תנופה לה' ולשרת בשם ה' בתוך המקודש

# מורי צדק בבית הוראה
## דקהלתינו הקדושה קהל יטב לב סאטמאר
**בעיר עוז לנו קרתא דשופרייא קרית יואל יצ"ו**

## אצל מסיבת לחיים והתמנות

שהתקיים ברוב פאר והדר ובשמחת התורה פק"ק קרית יואל יצ"ו
ביום ג' שנכפל בו כי טוב לסדר "שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך" תשפ"ב לפ"ק

**בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א**

קְהַל עֲדָתֵנוּ עֲלֵיכֶם יִסְמֹכוּ

לדון ולהורות לכל קהלא קדישא הדין, להורות להם את הדרך
ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון בדבר ה' זו הלכה, יורו וידינו כדת
של תורה, לְחֵן וּלְכָבוֹד צְבִי תִפְאָרָה, אִמְּתוֹ לָהֶם עֲטָרָה עֲטָרָה!

בשם כל קהל עדתינו ובשם כל תושבי עירינו הננו מברכים לשמתם בברכת התורה:

**אשריכם שלכך נבחרתם, יגדיל תורה ויאדיר, לשמחה ולגאון היא לנו!**

ברוך שהחיינו והגיענו, להגדיל ולרומם קרן התורה וההוראה!

[illegible]

הלא בה דברי המברכים ומעתירים ביקרא דאורייתא

**הנהלת הקהלה**

בס"ד

# גומרים

בלב מלא רגש והודאה אין מילים בפינו להודות ולהלל, עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך, בעמדינו אחרי ימי הצדקה וחסד שעברו עלינו בהצלחה מרובה ונפלאה למעלה מן המשוער וברוב רחמיו וחסדיו המרובים עלינו

נאספו ונקבצו מנדבות לבם הטוב של

## קרוב לעשרת אלפים בני ישראל

במשך ימי 'גומרים קאמפיין' בפרשת עקב העעל"ט

### הסכום אדיר ונשגב של

# $1,209,438.00

לטובת גמר בניית בנין החדש והמפואר העומדת על תילה בנויה בשטח ישיבתינו הקדושה

## ישיבה בית הילל

המתנוסס לשם ולתפארה בעיה"ת מאנסי יצ"ו

אשר על כן מתוך רגשי לבבינו נרימו קולינו ויחד כולם הודו ואמרו:

## שלומי אמוני ישראל

# יישר כוחכם!

בזכותכם זכינו לברך על המוגמר בבניית בנין החדש והמפואר
בזכותכם זכינו לגמור טלטולי הישיבה ופיזורי הנפש מהשנים שעברו
בזכותכם יזכו אלפי בחורי ישראל לתחנך מתוך הרחבה ע"ד אבותינו ורבותינו

## אשרי לכם! מה טוב חלקיכם! ומה נעים גורליכם!

ברכת התורה וזכות כח הרבצתה ילוה לכל התורמים והנדבנים, העוזרים והמסייעים, לעד ולנצח נצחים, אך טוב וחסד ירדפיכם כל ימי חייכם מתוך נחת דקדושה והרחבת הדעת, ולא ימוש התורה מפינו ומפי זרעינו עד עולם.

המברכים ומהללים ברוב ברכה ומזמור לתודה:

## הנהלת הישיבה     ועד קרן הבנין



בס"ד

דערמאָנונג!




חשוב'ע עלטערן:

# אויב האט איר נאָכנישט די איינטריט קאַרטלעך

## ערלעדיגט די רעגיסטראַציע ווי אמשנעלסטן!

# יעדע קינד אן אויסנאם וועט מוזן האבן א איינטריט קארטל!

## קינדער וואס וועלן נישט האבן קיין קארטל וועלן נישט קענען זיין מסודר אין א קלאס!!

איר ווילט עס סיי ווי ערלעדיגן, **ערלעדיגט עס יעצט!**

איך ערלעדיג עס "יעצט"

שיקט דורך די פאסט אויף
Mosdos Vyoel Moshe
POB 2027
Monroe NY 10949

רופט 24 שעה דעם 'אויטאמאטישן טעלעפאן סיסטעם'
845-378-4080

רופט צו רעדן פערזענליך צו אן איינגעשטעלטן
845-782-8800 #4

פעקסט אלע דאקומענטן מיט קרעדיט קארד
845-230-7679

אימעילט אלע דאקומענטן מיט קרעדיט קארד
reg@satmarkj.org

רעגיסטראַציע לאָקאַציע
**2 Zlotchev Way**
Entrance on Forest Rd
הארט נעבן בית מדרשינו בית מרדכי לייב

פון 9:00 צופרי
זונטאג פון 12:00
ביז 9:00 ביינאכט
פרייטאג ביז 1:00

די צענטראלע אפיס אויף ביוקענען איז געשלאסן פאר רעגיסטראציע

# ישיבה תורה ויראה ובית רחל
# ויואל משה ד'סאטמאר, קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רביה"ק זי"ע    בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


THE DAY FOR EVERY SALESMAN
95% SOLD OUT
TICKET SITE CLOSES MONDAY!
2022
SALES
SEMINAR
FEATURED SPEAKERS & HIGHLIGHTS
NESANEL GANTZ
Host of the Ami LunchBreak
Keynote Speaker:
WARREN GRESHES
Hall of Fame Speaker, Author of "the Best sales book ever"
MENACHEM HOFFMAN
CEO Ptex Group
SHMIEL STERN
CEO Compass
ELIEZER GROSS
From Aircrafts & Diamonds to Needles & Toys - He has sold them all!
SHLOMO FRIEDMAN
Partner and Director at Imperial Real Estate Agency
JOEL JEREMIAS
MICHAEL FROMOWITZ
ZISHE BABAD
REAL ESTATE Sidetrack
MODERATED BY:
BEN HONIG
URBO PROPERTY CARE
Brought to you by:
CAPGUIDE
Ami LUNCH BREAK Live!
Presented By
NESANEL GANTZ
IN THE COMFORT OF THE
Sleepy Hollow
HOTEL + CONFERENCE CENTER
455 S BROADWAY, TARRYTOWN, NY
WEDNESDAY SEP. 7TH, 2022
ד' כי תצא - י"א אלול
11:00 to 5:30
GOURMET FOOD • NETWORKING • BREAKOUT SESSIONS • Q&A SESSIONS
GRAB YOUR TICKET TODAY:
845.280.5005
THESALESSEMINAR.COM
POWERED BY:
SALESUP
PROJECT BY:
compass
ENDORSED BY:
Renance
PLATINUM SPONSORS:
BFG
ASTAR HOME CAPITAL
GOLD SPONSORS:
BESADNO
SILVER SPONSORS:
Fidelity
FluenTalk
STERLION Creations Inc.
URBO PROPERTY CARE


ושמחת בחגך והיית אך שמח
Where will you be this Sukkos?
CHOOSE LUXURY
Guestay
guestay.com
845.999.8452
YOM TOV WITHOUT THE HASSLE.
Close to shuls and kosher eateries.
Linen & towels. Fully equipped kosher kitchen.
Beautiful sukkahs on premises.
admarkny.com


בס"ד
אין עוד מלבדו
RAPID CARE
YOUR COMMUNITY URGENT CARE
COVID TESTING
No out of pocket cost
Schedule
Sunday - Friday:
4:00PM - 12:00AM
Saturday
12:00PM - 12:00AM
Our professional staff of top rated ER Doctors are ready to serve you to your utmost satisfaction!
Best of Health!
WALK IN!
NO appointments needed!
815 NY-208
South Blooming Grove (former Bank)
845.525.2000
The Blooming Grove Shuttle will drop off and pick up at the location on all routes
Blooming Grove Shuttle
845-637-1414


CORPORATE HEADQUARTERS
LIKE NO OTHER
NEXT LEVEL OF BUSINESS
INTRODUCING
STONEGATE Center
ROUTE 208 / 2 STONEGATE DRIVE, MONROE, NY 10950
NOW LEASING
Customized built to your style & needs
Large windows
Modern conference room
Airy roof deck
24 hour building access
Close to NYS-Thruway / 17M
Main road access - Route 208
Parking space galore
Supermarket in the building
Transportation shuttles
SUPERMARKET
2
STONEGATE
Center
CALL TO INQUIRE TODAY!
845.388.1900
info@BloomingRealty.com
Moche Halpern
718-930-1877
moche@bloomingrealty.com
Lazar Schvimmer
845-238-0247
lazar@bloomingrealty.com
Shia Lieberman
347-781-4545
shia@bloomingrealty.com
PROJECT BY: BLOOMING REALTY

# קרית יואל לעבט מיט געהויבענעם לעבטיגער שבת פרשת ראה - ר"ח אלול בצל הקודש פון אבינו רועינו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל. - די שטאט קרית יואל האָט מיטגעלעבט אַ גאָר געהויבענעם שבת פרשת ראה, ראש חודש אלול, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס התרוממות הנפש, במחיצת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

כנהוג בכל שנה ושנה איז דער רבי שליט"א אַרויסגעקומען פּראַוועט דעם שבת, אין דער וואָך פון דער יאָרצייט פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, ווי די טעג ווערן אויסגענוצט זיך אומצוקוקן אויף די הייליגע קהילה און מוסדות הק', ולהרחיב וגבולי הקדושה בדרך שהורה לנו מייסד ומחולל אתרא קדישא הדין.

במשך פון די טעג פון ווען דער רבי שליט"א איז אָנגעקומען קיין קרית יואל, האט זיך באשיינפערליך געשפירט דעם בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה. ווען דער באַזוך פון רבי'ן שליט"א ברענגט אַריין, אין בוכשטעבליכן זין פון וואָרט, אַ חיות דקדושה און אַ שמחת הנפש אין די טויזנטער תושבים.

די אכסניא פון רבי'ן שליט"א איז געווען ווי אַלעמאָל בבית הרבני הנגיד מו"ה ר' מענדל שווימער הי"ו ראה"ק דקהל יטב לב וחבר הנהלת המוסדות בקרית יואל, וועלכע איז אין נאָנטן שכינות צום ביהמ"ד הגדול.

דער געהויבענער שבת איז געפּראַוועט געוואָרן אין גרויסן בית המדרש, וועלכע איז ספּעציעל איינגערישט געוואָרן מיט אַלע נויטיגע הצטרכות לכבוד שבת ולכבוד הנאספים, צו קענען אַקאָמאָדירן דעם ריזן ציבור הבאים להסתופף בצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

די עסקני הקהילה ובפרט דער איבערגעגעבענער מענעדזשער ר' שלמה צבי ווייס הי"ו האָבן במיטב כוחם ואונם אַהערגעשטעלט דעם פּראַכטפולן שב"ק, מיט די הילף פון די חשוב'ע עסקנים הדגולים, און די חשוב'ע גבאי ביהמ"ד והנהלת הקהילה וואָס האָבן געאַרבעט געטריי צו קענען אויפנעמען דעם ריזיגן ציבור דורכאויס דעם גאַנצן שבת.

באַלד נאָכ'ן זמן הדלקת הנרות ערב שבת האָט זיך אָנגעהויבן זען אויף די גאַסן פון קרית יואל דער שטראָם פון אידן וואָס זענען אַראָפּ דאַווענען אין בית המדרש הגדול, דער תל תלפיות שהכל פונים אליו, מיטצוהאַלטן די תפילות מיט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, און דאָס ביהמ"ד איז טאַקע געווען איבערגעפולט פון איין ברעג ביז צו די אַנדערע, כולם נקבצו ובאו לך, פול געפּאַקט פון דעם גרויסן ציבור מסלתה ומשמנה פון די עיר רבתי עם קרית יואל. חשוב'ע זקני תלמידי וחסידי מרן רביה"ק זי"ע, רבני ודייני העיר, בעה"ב חשובים, מרביצי תורה ואברכי הכולל ובחורי הישיבות, וואָס האָבן אָנגעפולט דאָס ביהמ"ד עד אפס מקום.

ווי נאָר דער רבי שליט"א האָט זיך באַוויזן אין ביהמ"ד האָט זיך דער גאַנצער ציבור אויפגעהויבן מיט אַ יראת הכבוד און באַלד איז מען אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם וואַרימען און ערנסטן תפלת מנחה ווען דער רבי שליט"א איז דער שליח ציבור אָנהויבנדיג "הודו לה' כי טוב" מיט גרויס התרגשות, וועלכע האָט נאָכגעפאָלגט אַ גאַנצן דאַווענען מיט גרויס דערהויבנקייט.

מיט קבלת שבת לפני התיבה איז מכובד געוואָרן האברך החשוב מו"ה יואל בר"ג פאלאטשעק הי"ו.

נאָכ'ן דאַווענען האָט דער ריזיגער ציבור אָנגעהויבן גיין אין די רייע זאָגן גוט שבת פאַר'ן רבי'ן שליט"א. דאָס דורכגיין גוט-שבת זאָגן האָט גענומען אַ לענגערע צייט. עס האָט זיך אויך אָנגעזען אַ שטראָם פון פילע תושבי קרית יואל און הרבנים הגאונים שליט"א וועלכע זענען געקומען פון אַנדערע בתי מדרשים זאָגן גוט שבת פאַר'ן רבי'ן שליט"א.

*

ביים שלחן הטהור איז דער היכל ביהמ"ד הגדול געווען פול געפּאַקט פון חסידים ואנשי מעשה, בעלי בתים, אינגעלייט ופרחי בחורי חמד, זקנים עם נערים, אין שפּיץ פון הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א, רבני ודייני העיר, זענען זיך צוזאַמענגעקומען מיטצוהאַלטן און מיטלעבן דעם זה השלחן אשר לפני ה', וואָס כ"ק מרן רבינו שליט"א פּראַוועט אין קרית יואל.

דאָס בית המדרש איז געווען אויסגעזעצט עד אפס מקום, און אויף די צוויי זייטן לענגאויס דעם ביהמ"ד האָט זיך געצויגן די הויכשטאָקיגע פּאַרענטשעס וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן דורך די בחורים תלמידי ישיבותינו הק'.

דער רבי שליט"א איז אַריינגעקומען צום טיש מעוטף בטליתו און אָנגעהויבן זינגען די זמירות לשב"ק, וואָס האָט אָפּגעקלינגען גאָר ווייט ווען די הונדערטער חסידים זינגען מיט אַ ברען די וואַרימע זמירות און האַלטן מיט דאָס קידוש-מאַכן, וואָס האָט אַריינגעצויגן דעם ציבור אין אַ התרוממות הנפש.

במשך די גאַנצע צייט האָט געווירבלט מיט אידן, נישט בלויז דער ציבור חסידים ואנשי מעשה, נאָר אויך אויפ'ן פני המזרח, אויפ'ן לאַנגן אויבנאָן האָט זיך אָנגעזען דאָס באַטייליגונג פון די חשוב'ע רבנים פון שטאָט, מרביצי תורה ומורי צדק שליט"א.

מיט'ן זמר "כל מקדש" האָט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ אבד"ק טאָלטשווא שליט"א, און מיט'ן זמר "מנוחה ושמחה" הרה"ג ר' מרדכי דוד יוראוויטש שליט"א, מו"ץ בקהלתינו הק'. דאַן האָט דער רבי שליט"א געזאָגט דברי תורה מעניני הפרשה, עפ"י דרך אבותיו הק' געבויט אויף די מדרשים און מאמרי חז"ל מיט הערליכע הקדמות פון די ספרים הקדושים און פון ספרי דבי רב פון מרן רביה"ק זי"ע, באַגלייט מיט בליציגע רעיונות און הערליכע בחינות על פרשת השבוע.

נאָך די וואַרימע דברי תורה והתעוררות האָט דער רבי שליט"א מכבד געווען מיט'ן זינגען דעם זמר "י"ה אכסוף" הרב הגאון רבי מענדל ווייס שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב דקהלתינו הק', מיט'ן זמר "קה רבון" הרב הגאון רבי בערל ראָזענבערגער שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה דקהלתינו הק', און מיט'ן זמר "לקל אשר שבת" הרה"ח ר' אהרן דוד רובינשטיין שליט"א פון מאנסי.

מיט ברכת המזון האָט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגאון הצדיק הדומ"ץ שליט"א.

אויך איז געווען די שמחת השלום זכר פון בן הנולד למז"ט אצל האברך מו"ה שלמה הערש ב"ר אברהם נתן נטע פעלדמאן נ"י.

צום סוף פונעם טיש איז מכובד געוואָרן הרה"ח ר' יודא הערש געלב הי"ו מיט'ן זינגען "אז ביום השביעי", און דערנאָך, שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט, האָבן הונדערטער אידן באַגלייט דעם רבי'ן שליט"א ביז צו דער אכסניא.

*

שבת אינדערפרי פאַר'ן דאַווענען האָבן זיך צונויפגעזאַמלט הונדערטער תינוקות של בית רבן צו חברת תהלים, וועלכע ווערט אָנגעפירט דורך די חשוב'ע גבאים ועסקנים וואָס געבן זיך אַוועק במשך דעם גאַנצן יאָר יעדן שבת קודש, וואו די צאן קדשים זאָגן מיט אַזאַ ערליכקייט תהלים, און זענען משפיע ישועות ורפואות און השפעות טובות מיט דעם גרויסן כח פון הבל פיהם שאין בהם חטא.

די וואָך איז דער רבי שליט"א געקומען מיטהאַלטן דעם שיינעם מעמד פון אמירת תהלים בזמן שהתשב"ר מצפצפין בקולם, און דער רבי שליט"א האָט מיטגעזאָגט עטליכע קאַפּיטלעך תהלים אינאיינעם מיט די צאן קדשים, מיט גרויס התרגשות, וועלכע האָט געלאָזט אַ טיפן דער רבי שליט"א איז באַגריסט געוואָרן דורך מוה"ר יודא בעריש לויפער הי"ו מגדולי העסקנים פון די חברת תהלים, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט צו די הונדערטער תשב"ר דאָס געהויבנקייט פון די מאָמענטן ווען מען האָט די זכי' אַז דער רבי שליט"א איז ספּעציעל געקומען זיך משתתף זיין מיט די תפילות פון די קינדערלעך, וואָס ווערט געזאָגט שבת אינדערפרי און וועט בלי ספק משפיע זיין השפעות טובות פאַר'ן גאַנצן כלל ישראל.

*

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני' שב"ק אינדערפרי צום דאַווענען האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט אַ ריזיגער ציבור תושבי העיר און הונדערטער אידן אין ביהמ"ד הגדול מיטצוהאַלטן די תפילות ברוב עם הדרת מלך בראשות דעם רבי'ן שליט"א.

מיט פסוקי דזמרה איז מכובד געוואָרן האברך מו"ה זיידא ישראל חיים פאלאטשעק הי"ו. צו תפילת שחרית האָט דער רבי שליט"א יורד געווען לפני התיבה אָנהויבנדיג בקול מעורר און השתפכות הנפש פון "עד הנה" וועלכע האָט אַריינגעצויגן דעם גאַנצן בית המדרש אין דערהויבענע געפילן.

ביי קריאת התורה זענען מכובד געוואָרן ווי פאָלגענד: הוצאה והכנסה – הרבני הנגיד ר' ישראל גאָלדבערגער הי"ו וועלכער האָט פאַרגעזאָגט די פסוקי יחוד; מיט'ן צווייטן ספר איז מכובד געווארן מוה"ר וואלף פאלאטשעק הי"ו; כהן – הרה"ג ר' שבתי הכהן קאהן שליט"א מו"ץ בקהל יטב לב; לוי – האברך מוה"ר וואלף בער לאווי הי"ו (וועלכער האָט געהאַט יאָרצייט נאָך זיין טאַטן הרה"ח ר' ישראל ע"ה); שלישי – החתן ני"ו בן מוה"ר געציל פאלאטשעק הי"ו; רביעי – הגה"צ רבי ליפא טייטלבוים שליט"א בן כ"ק אדמו"ר שליט"א; חמישי – מוה"ר געציל פאלאטשעק הי"ו, גבאי ביהמ"ד; שישי – דער רבי שליט"א; שביעי – מוה"ר משה אלי' פאלאטשעק הי"ו.

דערנאָך זענען פאַרטיילט געוואָרן עליות לתורה פאר נגידים ותומכים פאר קהלתינו הק': הרה"ח ר' מענדל שווימער הי"ו, ראה"ק; מוה"ר ר' אהרן דוד פאלאטשעק הי"ו; מוה"ר ר' יוסף שלמה גרינפעלד הי"ו.

אחרון – מוה"ר אהרן נחום קרויס הי"ו; מפטיר – הגה"צ הדומ"ץ שליט"א.

מיט הגבה אויפ'ן ערשטן ספר איז מכובד געוואָרן מוה"ר שמואל אהרן לאנדא הי"ו; מיט גלילה מוה"ר אהרן יודא בערקאוויטש הי"ו. מיט הגבה אויפ'ן צווייטן ספר איז מכובד

געוואָרן מוה"ר שמשון קרויס הי"ו; מיט גלילה מוה"ר יואל שמילאוויטש הי"ו.

מיט תפילת המוספין איז מכובד געוואָרן הגה"צ הדומ"ץ שליט"א, לרגל די יארצייט פון מר אביו הרה"ג רבי חיים אברהם ראזענפעלד ז"ל, דומ"ץ אנטווערפן

נאָכ'ן דאַווענען איז דער רבי אריבער צו קידושא רבא אין שטוב פון הרבני הנגיד ר' ישראל גאָלדבערגער הי"ו. און דערנאך איז דער רבי צוריקגעקומען אין ביהמ"ד און באשיינט די קידוש לרגל די באווארפן פון החתן ני"ו בן מו"ה געציל פאלאטשעק הי"ו.

די סעודה דעתיקא קדישא האָט דער רבי שליט"א געפּראַוועט בבית האכסניא אין שטוב פונעם חשוב'ן ראה"ק הרה"ח ר' מענדל שווימער שליט"א, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה לצעירים.

די בחורים האבן אלע אינאיינעם מכבד געווען דעם שבת מיט הערליכע זמירות ותשבחות פון וואס דער רבי שליט"א האט געהאט א געוואלדיגע קורת רוח און הנאה און געוויזן עטליכע מאל אז מען זאל ממשיך זיין.

מיט'ן זמר "ברוך ד' יום" איז מכובד געוואָרן דער מנהל הרה"ג ר' ישראל דוד רוטנער שליט"א און מיט "ברוך קל עליון" הרה"ג ר' אליעזר פריעדמאַן שליט"א, ר"מ בישיבה.

דערנאָך האָט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברי תורה אויף די פרשת השבוע, ביי וועלכן דער רבי האָט ארויסגעברענגט אז שטייענדיג יעצט בימי אלול זאל מען זען זיך צו צופלייסן און חזר'ן די לימודים פון א גאַנץ יאָר.

מיט ברכת המזון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הרה"צ ר' ליפא שליט"א.

*

אינעם היכל הביהמ"ד הגדול וועלכע איז שוין געווען מייסטערהאַפט אויסגעשטעלט פאַרן גרויסן סעודת רעוא דרעוין צו שלש סעודות, זענען אין די נאָכמיטאָג שטונדן געזעסן און געלערנט פילע בעה"ב אינגעלייט און בחורים וועלכע האָבן אויסגענוצט די צייט אויף לימוד התורה.

פרקי אבות האָט פאָרגעלערנט דעם שבת נאָכמיטאָג הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד בית מדרכי לייב, וועלכער האָט געהאַלטן דעם עולם געשפּאַנט מיט זיינע בליציגע געדאַנקען וואָס ער האָט אַריינגעטייטש מיט הערליכע בחינות און שיינע געדאַנקען זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט דברי מוסר והתעוררות, וכולם עשו אזניהם כאפרכסת צו די טרעפליכע דברי מוסר ודברים ערבים ומתוקים.

*

צו דער באַשטימטער צייט צו תפלת מנחה איז דער רבי שליט"א ערשינען אין ביהמ"ד. דער בעל תפילה ביי מנחה איז געווען מוה"ר הערשל שלעזינגער הי"ו. ביי קריאת התורה איז געווען דער בעל קורא קבוע הרה"ח מוה"ר יחזקאל גליק שליט"א שו"ב.

מיט כהן איז מכובד געוואָרן הרה"ח ר' יודא הערש געלב הי"ו; לוי - הרה"צ רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א; שלישי - הרה"ח ר' שלמה בצלאל וויינבערגער הי"ו; גלילה, הרב הערשל בוכינגער שליט"א פון מאנסי.

אינדערצווישן זענען די פלעצער ביי די פילע רייעס בענק ביים טיש און די אויפגעשטעלטע פּאַרענטשעס פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם ריזן ציבור אין ביהמ"ד, וואָס איז במשך די גאַנצע צייט געוואָרן פולער און געפּאַקטער מיט'ן פלייץ פון הונדערטער תושבי קרית יואל, וועלכע זענען געקומען זיך אָנשליסן אין די געהויבענע מאָמענטן צווישן אַזויפיל ערליכע אידן אין דעם הייליגן זמן רעוא דרעוין.

עס איז שווער אויסצומאָלן פאַר איינעם וואָס האָט דאָס נישט בייגעוואוינט, דעם ערהאַבן בילד פון דעם הערליכן מעמד ביי שלש סעודות, ווען דער רבי שליט"א זיצט אַרומגענומען מיט'ן גאַנצן ציבור און דער היכל הביהמ"ד רינגס אַרום מיט די פילע הונדערטער בחורים, און עס ווערט געפּראַוועט דער געהויבענער שלש סעודות מיט אַזאַ זעלטענעם התרוממות.

נאָכדעם וואָס דער רבי שליט"א האָט פאַרטיילט די שיריים, האָט דער רבי שליט"א אָנגעהויבן מיט התעוררות די זמירות. דער רבי שליט"א האָט אָנגעהויבן מיט גרויס דביקות דעם זמר בני היכלא ווען דער גאַנצער איבערגעפולטער ביהמ"ד זינגט נאך מיט גרויס השתוקקות.

נאָך יעדע פיסקא ווערט שטיל און דער רבי שליט"א הייבט אָן דאָס קומענדיגע שטיקל בקול רגש, דאָס בית המדרש הילכט אָפּ מיט די קולות פון די וואַרימע שלש סעודות זמירות וואָס ווערט געזינגען דורך אַזאַ ריזן ציבור בלעיה"ר מיט אַ וואַרעם געפיל און אינערליכע התלהבות, און אַזוי אויך די פסוקי יחוד וקבלת עומ"ש וואָס דער רבי שליט"א זאָגט פאָר, ויענו כל העם יחדיו מיט גרויס התרגשות, בקול אדיר וואָס האָט אָפּגעהילכט אויף גאָר ווייט.

מיט'ן זמר "אודה" האָט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרבני הנגיד מוה"ר מענדל שווימער הי"ו ראה"ק, און מען האָט געזונגען דעם באַקאַנטן נענועים ניגון לבית סיגוט, וואָס מען פירט זיך צו זינגן ביים פיוט היה עם פיפיות. דערנאָך איז הרה"ח מוה"ר משה פריעדמאן הי"ו חבר הנהלת הקהילה מכובד געוואָרן מיט שיר המעלות וואָס האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן מיט גרויס שמחה.

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין ביהמ"ד ווען דער רבי שליט"א האָט אָנגעהויבן די דברי תורה בקול מעורר זיך שטעלנדיג אויף עטליכע דקדוקים אין די פרשה און איבער עטליכע מדרשים, און אַ לענגערע צייט מעורר געווען אין די דברי תורה וויאַזוי מ'דאַרף אויסנוצן דעם חודש אלול די ימי הרחמים והרצון. מיט'ן זינגען ידיד נפש איז מכובד געוואָרן הרב החסיד מוה"ר יחזקאל גליק שליט"א שו"ב.

נאָך מעריב האָט דער רבי שליט"א געמאַכט הבדלה אין ביהמ"ד וואו דער ציבור האָט זיך אַרומגעשטעלט ביים טיש מיטהאַלטן די הבדלה און אמירת ויתן לך, באַגלייט כנהוג פון ניגונים וואָס זענען געזינגען געוואָרן דורך די פרחי בחורי חמד.

דערמיט האָט זיך געשלאָסן דער התרוממות'דיגער שבת קודש פ' ראה ראש חודש אלול, וואָס דער רבי שליט"א האָט געפּראַוועט בתוככי קרית יואל, און האָט מבואו ועד צאתו געדינט פאַר אַ קוואַל פון חיזוק פאַר תושבי קרית יואל וועלכע קלאַמערן זיך אין זיינע הייליגע דרכים תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

*

אַריינטרעטנדיג אין די טעג פון חודש אלול הבעל"ט האָבן תושבי קרית יואל אויסגענוצט די געלעגנהייט במשך די גאַנצע וואָך לברך ולהתברך בפו"פ ביים רבי'ן שליט"א, לקראת ימי הרחמים והרצון הממשמשים ובאים.

עקסטער זענען אויסגענוצט געוואָרן די טעג פאַר די ראשי הקהילה והמוסדות פון קרית יואל וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן גאָר וויכטיגע אסיפות מיט'ן רבי'ן שליט"א בראש, וואו עס זענען אויפגעברענגט געוואָרן ענינים העומדים על הפרק איבער די פאַרצווייגטע אונטערנעמונגען בהרחבת גבולי הקדושה אין די ראַמען פון די קהילה און די מוסדות, און עס זענען אויסגעשמועסט געוואָרן וויכטיגע דעטאַלן להגדיל תורה ולהאדירה.

**בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה**

קרית יואל
וואכנשריפט
KJ WEEKLY

P.O. Box 113 • Monroe NY 10949 • Tel. 845-774-6234
Fax: 845-501-0246 • E-Mail: ads@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

**די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.**

**מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.**

## אינהאלט

| | |
|---|---|
| לוח הלימודים - זכרו | 35 |
| משמרת חומתינו | 42 |
| געזעהן און געהערט | 46 |
| זמני בית הוראה לעיר קרית יואל | 48 |
| המוסדות | 52 |
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 53 |
| אַ בליק אויף די נייעס פון קרית יואל רבתי | 58 |
| די תפיסה ווענט דערציילן | 68 |
| אלו ואלו | 71 |
| ואלה תולדת יצחק - הגה"ק מרן גאב"ד ירושלים זצוק"ל | 74 |
| דער כח פון תפילה - הרה"ג דומ"ץ טאהש קר"י שליט"א | 78 |
| זיבעציג יאר פון דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל תשי"ב | 84 |
| פון נאַצישן יאָמערטאָל<br>אַ סעריע רירנדיגע זכרונות פון הגאון האדיר רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל אב"ד מאָנטרעאָל, איבער די מלחמה יאָרן | 84 |
| שהשמחה במעונם | 86 |

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, 15 Van Buren Dr. #311 Monroe NY 10950.

# גייסטרייכע ביקורי קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אין אַלע אָפּטיילונגען פון די הייליגע מוסדות אין קרית יואל

## הילדים אשר חנן אלקים - אלפי תשב"ר אין דער תלמוד תורה און אין בית רחל זענען מקבל פני כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א און הערן דבר ה' בהדר מיט דערהויבענע דברי מוסר והדרכה - דביר קדשו הביאנו!

ווי אַלע יאָרן האָבן די טויזנטער צאן קדשים, תינוקות של בית רבן, איינערהאלב דעם פּרעכטיגן נעץ פון די הייליגע מוסדות אין קרית יואל, געהאַט די זכי' אַז כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז זיי געקומען באזוכן דורכאויס די וואך פון התחלת חודש אלול, וואו דער רבי האָט געזאגט דברי תורה וחיזוק פאר די טייערע תלמידים אריינגעבלאזנדיג אַ חיזוק אין די קינדער אנצוגיין מיט זייער גוטער התנהגות, בלימוד התורה ועבודת התפילה.

והימים ימי ביכורי ענוים! אט די חיזוק באזוכן פון רבי'ן שליט"א ווערן יאר יערליך פארוואנדלט אין א קוואל פון חיזוק און אינספּיראציע פאר די אלפי תינוקות של בית רבן און יום טוב'דיגע מאמענטן פאר רבנן ותלמידיהון.

פאלגענד וועלן מיר אויף אַ כראָנאָלאגישן אופן שילדערן די הערליכע באַזוכן פון רבינו שליט"א אינערהאלב די סאַטמאַרער מוסדות, וועלכע האבן אלע געטראגן מיט זיך אַן אייגנארטיגע כאַראַקטער פון תענוג ונחת דקדושה ועונג עילאה.

---

**זונטאָג שופטים; כתות ז' ח' ט':**

---

די דערהויבענע סעריע פון ביקורי קודש האָט זיך אָנגעהויבן די וואך זונטאג פרשת שופטים, ב' דראש חודש אלול, ווען רבינו שליט"א איז ערשינען בהדרו צו תפלת שחרית אין דעם היכל בית המדרש ברך משה בתוככי בנין הת"ת, אינאיינעם מיט די אַריבער **500** תלמידים פון כתות ז' ח' ט' בליעה"ר בהנהלת הרה"ג ר' שמעון שמואל שווארטץ שליט"א.

בעפאָר'ן דאַווענען האט דער רבי תפילין געלייגט פאר הבחור הבר מצוה בן מו"ה מנחם אלי' גראָס הי"ו.

דאָס גאנצע דאַווענען איז אַדורך מיט געוואלדיגע התעוררות במחיצתו פון רבי'ן שליט"א, און דאָס נאָכזאָגן "ברוך הוא וברוך שמו" מיט די "אמן'ס" האָט איינפאך בוקע רקיעים געווען. באזונדער האט זיך געשפירט דאס התרגשות ווען דער רבי שליט"א איז צוגעגאַנגען צו "הלל" לפני התיבה, ברוב עם הדרת מלך, ותהי המקום לחרדת אלקים בשעת די ניגונים ביי "הודו ה'" און ביי "אנא ה'" וואס די הונדערטער קינדער האָבן געזונגען מיט אזויפיל הארציגע תמימות און חן דקדושה.

נאָכ'ן דאַווענען און זאָגן לדוד ה' אורי האָט דער רבי געבלאָזן שופר און איז דערנאָך צוגעפאָרן צום ביהמ"ד הגדול וואו דער רבי איז געווען סנדק ביי דעם ברית לבן הנולד ביי מו"ה שלמה הערש ב"ר אברהם פעלדמאַן הי"ו. דער רבי האָט זיך אויך באַטייליגט ביי דעם סעודת ברית וואו ער האָט אָנגעוואונטשן די בעלי שמחה.

אינצווישן האָבן די קינדער טועם געווען פּת שחרית, און דאַן פריידיג ערווארטעט דאס ערשיינונג כ"ק מרן רבינו שליט"א אין בית המדרש. דער רבי שליט"א איז ערשינען אויפ'ן ספּעציעל צוגעגרייטן בימת הכבוד ווען די קינדער זינגען פאַסיגע ווארימע ניגוני ימים נוראים, שטייענדיג אין דעם גרויסן טאָג פון ראש חודש אלול, וואָס איז די התחלת ימי הרחמים והרצון.

דער מנהל רוחני, הרה"ג רבי שמעון שמואל שווארטץ שליט"א האָט מקבל פנים געווען דעם רבי'ן, ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע זכי' וואס די תלמידים האבן ווען דער רבי איז זיך מטריח אראפצוקומען צו די תלמידים, וואָס עינו וליבו כאן כל הימים אין יעדן הינזיכט ברוחניות ובגשמיות.

דערביי האָט דער מנהל איבערגעגעבן אַ גריס פאַר'ן רבי'ן פון די געוואלדיגע התעלות וואס די תלמידים האבן אין תורה ויראת שמים און מידות טובות, טראָץ די ביטערע נסיונות וואס בוזשעווען אויפ'ן גאַס, ווערט ב"ה נתחנך אזא לגיון של מלך על במתי התורה והיראה בדרך אבותינו ורבותינו.

ס'איז געווען אַ הערליכע מחזה ווען די קינדער האָבן האַרציג אַראָפּגעזינגען שיינע חרוזים, גראמען איבער זייער שטאָלץ און חשיבות זייענדיג תלמידים פון דעם הייליגן רבי'נס מוסדות אין דער שטאָט קרית יואל, וואָס רביה"ק זי"ע האָט אויפגעשטעלט במסירת נפש.

באַזונדער האט דער מנהל שליט"א זיך באדאנקט פארן באַגאַבטן אַדמיניסטראַטאָר פון די מוסדות, הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער שליט"א, וועלכער איז אָנוועזנד געווען אינאיינעם מיט די חברי הנהלה, ערוועענדיג מעשי תקפו וגברתו שטייענדיג בראש אין יעדן הינזיכט פון די מוסדות ברוחניות פונקט ווי בגשמיות מיט

## דברי ברכה והדרכה וואס כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט משמיע געווען פאר די טויזענטער תלמידות בית רחל קרית יואל

### פארגאנגענעם מיטוואך ראה

ס'איז א געוואלדיגע הנאה און א שמחה צו הערן אזעלכע חשובע גריסן, פון די חשוב'ע תלמידות וואס שטייגן, און געדענקען אז מען ווערט נתחנך אין א מוסד, פון רביה"ק זיעוכ"י, וואס נעכטן איז געווען די יארצייט, וואס ער האט אוועקגעשטעלט אונזער הייליגע מוסדות, מיט די הדרכה וויאזוי ער האט אוועקגעשטעלט, וואס מען דארף לערנען מיט די קינדער, וואס עס דארף זיין דער ציל, עס זאל אויפוואקסען ערליכע אידישע טעכטער, וואס זאלן קענען פירן ערליכע אידישע שטיבער, שטיבער וואס עס איז דא אן השראת השכינה, ווי ס'רועט די שכינה הקדושה, שטיבער פון קדושה, שטיבער פון טהרה, וואס איז געבויעט אויף אמונה און בטחון אין בוכ"ע.

מען דארף געדענקען, אז דאס אלעס איז נישט נאר ווען מען איז אין בית חינוך, די תכלית איז אז אפילו ווען מען גייט ארויס פון די ווענט פון די בית רחל, זאל מען מיטנעמען מיט זיך די ערליכקייט, די צניעות, די אופן וויאזוי א אידישע טאכטער דארף גיין אנגעטון, צו געדענקן אין אלע זמנים, שבתים ימים טובים, ביי שמחות, ביי חתונות, דארף מען גיין מיט די זעלבע מדריגה פון צניעות, ס'זאל זיך דערקענען אז דאס איז א תלמידה וואס לערנט אין הייליגען רבי'נס מוסדות, מיט די צורה וואס ער האט אוועקגעשטעלט ווי אזוי א אידישע טאכטער דארף אויסזען, עס זאל זיך דערקענען, עס זאל אראפשרייען, אז דאס איז א תלמידה פון בית רחל.

און אוודאי און אוודאי, די אפגעהיטענקייט וואס מען דארף האבן אין די גרויסע נסיונות, וואס אונז שטיי מיר אויס אין די זמן פאר ביאת המשיח, די גרויסע נסיונות פון די אלע כלים, וואס זיי ברענגען אריין אלעם בייזן פון די דרויסענדיגע גאס, דער רבי זי"ע האט אוועקגעשטעלט ס'זאל זיך דערקענען אויף אונז אז מיר אידן זענען אפגעשיידט פון די דרויסענדיגע גאס, ווי דער רבי ז"ל האט כמה פעמים געזאגט, אז ער איז נישט אין אמעריקע!

מען דארף געדענקען ובפרט די חשוב'ע תלמידות דא, וואס האבן די זכיה צו וואוינען אין קרית יואל, די הייליגע שטעטל וואס דער רבי זי"ע האט אוועקגעשטעלט טאקע פאר דעם, מען זאל זיין אפגעשיידט פון די שטאט, ווי מען איז מער אויסגעמישט מיט די גוים, און מען קען נישט זיין אזוי אפגעהיטן, עטס האטס א זכיה, עטס וואקסטס אויף אין די הייליגע שטאט.

זאל דער אייבערשטער העלפן עטס זאלטס דאס מיטנעמען מיט זיך, אכט געבן נישט ארייַנצוברענגען די גוי'אישע גאס, און נישט אפילו די אזוי געראָפענע אידישע גאס, אבער ס'איז נישט אוועקגעשטעלט מיט די קדושה, מיט די טהרה, מיט די אמונה, וואס אונז האב מיר די זכיה אז מען קען אויפוואקסן אויף דעם וועג. זאל דער אייבערשטער העלפן, עטס זאלטס טאקע קענען ווייטער ממשיך זיין, און דער זכות פונעם הייליגן רבי'ן זיעוכ"י זאל באגלייטן יעדן איינעם, אלע תלמידות, אלע מחנכות, אלע מנהלת'ער, וואס זיי לייגן אריין אזעלכע געוואלדיגע גרויסע כוחות, צו קענען אריינברענגען אין ענק ערליכקייט און צניעות, און די יסודות ווי אזוי א אידישע טאכטער דארף אויסקוקן, זאל דער אייבערשטער טאקע העלפן פאר זיי, זיי זאלן האבן סייעתא דשמיא אין זייער הייליגע ארבעט, די זכות פונעם רבי'ן זאל זיי באגלייטן, זיי זאלן זוכה זיין צו זעהן נחת ביי זייערע אייגענע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, ערליכע אידישע דורות מיט אלע השפעות טובות.

מען שטייט שוין ממש פאר ראש חודש אלול, מען גייט ארויס פונעם יאר, יעדער איינער זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטש יאר, אלע תפילות פון אידישע קינדער זאל נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מיר זאלן נאך זוכה זיין היי יאר, וואס פונקט אזוי ווי אין מצרים שטייט בזכות נשים צדקניות נגאלו, אין זכות פון ערליכע אידישע טעכטער איז מען ארויסגעגאנגען פון מצרים, דאס זעלבע די ארויסגיין פון דעם גלות וועט אויך זיין אין זכות פון ערליכע אידישע טעכטער, וואס גייען אנגעטון בצניעות מיט א ערליכקייט, זאל מיר זוכה זיין, עס זאל שוין זיין היי יאר דאס יאר וואס כלל ישראל ווארט דערויף, מיר זאל מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

אַזויפיל געטריישאַפט.

און דאַן, בנוכחות פון רבי'ן, האט דער מנהל שליט"א איבערגעגעבן אַז די עלטערע תלמידים פון כתה ט' האָבן דאָס יאָר, בנוסף צו די סכומים אדירים וואס זיי זאַמלען נאָך צדקה לטובת הישיבה ווי יאר יערליך, האבן זיי זיך אנגעשטרענגט און געשאפן די פאנטאסטישע סומע פון $18,000 דאלער, לטובת די הרחבת גבולי קדושה פון די מוסדות הק'.

אויפ'ן אָרט האָבן צוויי חשוב'ע תלמידים פון כתה ט' איבערגעגעבן די גרויסע סומע לידיו פונעם רבי'ן שליט"א, וואָס דער רבי האָט איבערגענומען מיט אַ קענטיגע קורת רוח און הנאה דקדושה, און דאָס באַלד איבערגעגעבן פאַר'ן אַדמיניסטראַטאָר, אַז ס'זאָל טאַקע גענוצט ווערן פאַר די הייליגע מוסדות.

מיט א הדרת קודש האט מען דערנאך געהאט די זכי' צו הערן די ווארימע דברות קודש ודברי תורה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א וואס האט מאריך געווען בדברי אגדה והתחזקות פאר די תינוקות של בית רבן, לדעת את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

דער רבי שליט"א האט געזאגט א ווארימען שמועס פאר די תינוקות של בית רבן בענינא דיומא, זאָגנדיג אַז אין דעם היינטיגן טאָג, מיט 66 יאר צוריק, א' שופטים תשט"ז, איז פאָרגעקומען די חנוכת הבית פון מחנה רב טוב אין נעפּאנעק, וואו רבינו הק' זי"ע האָט משמיע געווען וואונדערליכע דברות קודש מיט די יסודות וויאזוי צו קובע זיין אידישקייט אין אמעריקע זיך צו האלטן מיט א מסירת נפש צו די מסורת האבות.

דאן האט דער רבי אַרויסגעברענגט פאר די קינדער וויאַזוי מען דאַרף דערקענען אויף אַ תלמיד וועלכער ווערט נתגדל אין סאַטמאַר, אַז ער איז טאַקע אַ תלמיד פון הייליגן רבי'ן זי"ע, סיי מיט די התנהגות, די לבוש, און די גאַנצע הלוך ילך, נישט ח"ו צו ווערן נאָכגעשלעפּט מיט די ווינטן פון דער גאַס, און זיך פירן ערליך, מיט ריינע אויגן און מויל, צו לערנען תורה בקדושה ובטהרה.

מיט א צוגעלאזענע שפּראַך האָט דער רבי מעורר געווען די צעירי הצאן זיך צו שטאַרקן אַצינד סוף יאָר ווען מען נעמט צאַם די לימודים פון דעם גאַנצן יאָר, צו קענען שניידן די פּירות, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, און האַרציג געוואונטשן זיי זאָלן אַלע זוכה זיין אויסצוואַקסן תלמידי חכמים און יראי ה', און אַז זייערע עלטערן און זיידעס און באַבעס זאָלן זען פון זיי אַסאַך נחת דקדושה.

דער רבי שליט"א האָט דאַן געטרונקען לחיים, און געוואונטשן די מנהלים און מלמדים הצלחה וסייעתא דשמיא אין זייער עבודת הקודש. דערנאך איז יעדעס קינד באַזונדער אַדורך אין אַ מוסטערהאַפטן סדר, אויסגערופן געוואָרן לויט זייערע כיתות, און דורכגעגאַנגען ביים רבי'ן אל מול פני הקודש, וועלכער האָט יעדן איינעם געגעבן א געבענטשטע מטבע לשמירה ולהצלחה.

## מאָנטאָג שופטים; כיתות ד' ה' ו':

מאנטאג שופטים, אין די פאַרמיטאָג שטונדן, איז רבינו שליט"א אַריבערגעקומען צו דעם ריזיגן בנין הת"ת, וואו ס'איז אָפּגעראכטן געוואָרן עטליכע באזונדערע מעמדי קבלת פנים, פאר די סניפים פון כתות ד' ה' ו', און פאר די סניפים פון כתות א' ב' ג'.

צוערשט איז דער רבי שליט"א אַריין אין בית המדרש ברך משה, וואו די הונדערטער קינדער בליעה"ר, פון כתות ד' ה' און ו', זענען געווען מוסטערהאפטיג אויסגעזעצט און אויסגע'שורה'ט אַן ערהאַבן בילד פון וואָס מ'האט זיך אויף אַן אמת שווער געקענט זעטיגן. און ווען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז ערשינען אין זאל האָבן אלע אינאיינעם ספּאָנטאַן זיך אויפגעשטעלט און מקבל פנים געווען דעם רבי'ן מיט געזאנג.

דער מלמד מומחה, הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א, האָט מייסטערהאפטיג אנגעפירט די ניגונים וואָס די קינדער האָבן געזינגען מיט גרויס געפיל לכבוד התורה. דערנאָך האָט דער מנהל רוחני, הרה"ג ר' ישראל מאיר ראזענבערג שליט"א באגריסט דעם רבי'ן שליט"א מיט טרעפליכע ווערטער, דערמאַנענדיג שבחם ותהלתם פון די טייערע תלמידים, תלמידיו הקרוים בנים. באזונדער האט דער מנהל שליט"א ארויסגעהויבן די געטרייע הילף און מיטאַרבעט פון די הנהלה גשמיות צו פארזיכערן די מאַקסימאַלסטע צופרידנהייט פון די מלמדים וכלי קודש.

די לעכטיגע תינוקות של בית רבן בליעה"ר האבן זיך דערנאָך צוגעהערט צו די דרינגליכע דברות קודש פון כ"ק אדמו"ר שליט"א, וואס האט ארומגערעדט הערליכע דברי הדרכה והתעוררות וויאַזוי אַ סאַטמאַרער תלמיד דארף געדענקן זיך צו אויפפירן, ערליך און הייליג, און זיין אָנגעטון מיט די הייליגע חסידי'שע טראַגע, נישט ווערן נאָכגעשלעפּט נאָך די גוי'אישע מאָדעס, און נישט בלויז ווען מען איז צווישן די ווענט פון דער תלמוד תורה, נאר דאס זעלבע אויך ווען מען איז אינדערהיים אדער אין די גאס, דארף זיין קענטיג אז דאָס איז א קינד וואס לערנט תורה, מען ברויך זיך אויפפירן מיט מדות טובות און יראת שמים אומעטום, כדי שיתקדש שם שמים על ידיכם.

דער רבי שליט"א האט געגעבן ברכת קדשו אַז די אַלע קינדער זאָלן אויסוואַקסן תלמידי חכמים און ערליכע אידן, און געוואונטשן ברכות לרוב פאר די גאנצע שטאב פון מלמדים מנהלים און מרביצי תורה לראות ברכה בפרי עמלם כל הימים.

דערנאָך האָט דער רבי במשך אַ לאַנגע צייט געטיילט די ספּעציעל געגאָסענע מטבעות קודש, וואָס ער האָט אויפ'ן אָרט געבענטשט בברכת קדשו. יעדע יארגאנג איז אריבער באַזונדער כבקרת רועה עדרו, ווען בשעת מעשה זינגען די איבריגע קינדער ווארעמע און לעבעדיגע ניגונים לרגל המאורע.

## סניף כיתות א' ב' ג':

אין די שפּעטערע פּאַרמיטאָג שטונדן איז פאָרגעקומען דער הערליכער קבלת פּנים דורך די יונגערע קינדער פון כתות א', ב' און ג' אין היכל ביהמ"ד ברך משה, וואו דער געטרייער מלמד מומחה, הר"ר אביגדור מערמעלשטיין שליט"א האָט געזינגען מיט די קינדערלעך שיינע ניגונים און חרוזים אויף אידיש, וואָס דער רבי שליט"א האָט מיטגעהאַלטן מיט אַ קענטיגע התרגשות און קורת רוח.

בשם די כלי קודש האָט דער באגאבטער מלמד מומחה, הר"ר ישראל יוסף ווייס שליט"א, מקבל פנים געווען דעם רבי'ן, און ארויסגעברענגט ווי שטארק די קינדער קוקן שוין ארויס אויף דעם גרויסן באַזוך.

אין אַ רירנדן מאָמענט האָט ער דאַן איבערגעגעבן פאַר'ן רבינו שליט"א אן ענוועלאָפּ מיט די הערליכע תרומת הקודש וואָס די טייערע קינדערלעך האָבן געזאַמלט, פּרוטה פּרוטה מצטרפת, פאר דעם גרויסן "פדיונינו" קאַמפּיין, למען מפעל הכביר "שקל הטהור", ווילנדיג אויך זיין אַ טייל פון די הייליגע אונטערנעמונג וואָס דער ראש גולת אריאל ומגן חינוך הטהור פירט אָן מיט אַזאַ קידוש שם שמים מסוף העולם ועד סופו.

דער רבי שליט"א האָט איבערגענומען דאָס געלט וואָס די יונגע קינדערלעך האָבן צונויפגעקליבן פון קלענערע נתינות, און מיט אַ קול מלא התרגשות האָט ער אָנגעוואונטשן די לעכטיגע קינדער אַז זיי זאָלן טאַקע געבענטשט ווערן מיט אַלע השפעות, צו שטייגן על במתי התורה והיראה, און ברענגען אַסאַך נחת דקדושה פאר זייערע עלטערן און מחנכים.

נאָכ'ן טרינקן לחיים און מאציל זיין ברכתו הטהורה פאר אַלע מנהלים, מלמדים וכלי קודש, האָט דער רבי אויפ'ן אָרט געבענטשט די ספּעציעל - געגאָסענע מטבעות קודש, וואָס צוליב דעם ריבוי עם פון אַזויפיל הונדערטער קינדער בליעה"ר, איז געווען שווער אַז דער רבי זאל דאָס פּערזענליך אויסטיילן און ער האָט דאָס דעריבער איבערגעגעבן פאר יעדן מלמד אַז זיי זאָלן דאָס פאַרטיילן בשליחותו.

## סניף נורסערי קינדערגארטן:

די רייע פון ביקורי קודש ביי די ילדי תשב"ר האט נאכגעפאלגט ווען דער רבי איז אַראָפּגעגאַנגען צום גרויסן עס- זאל וואו עס האָבן אים אָפּגעוואַרט די הונדערטער צאן קדשים פון די אפטיילונגען פון נוירסערי און קינדערגאַרטן. די יונגע קינדער זענען שיין צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם מנהל שליט"א מיט הערליכע ניגונים וואָס זיי האָבן אַנטפאַנגען דעם רבי'ן שליט"א און דערנאָך וואַרימע ניגונים פון "והערב נא", מיט אַ געוואַלדיגן חן.

רבינו שליט"א האָט משמיע געווען דברי ברכה און פאַרטיילט לחיים פאר די עוסקים במלאכת הקודש, וועלכע טוען אַזוי הערליך אַנטוויקלען די קינדער צו שטייגן און בליען. דאַן זענען די קינדערלעך אַריבער איינציגווייז נעמען ממתקים מידיו פון רבי'ן שליט"א.

## מיטוואָך פרשת ראה; בית רחל:

אויך צווישן די ווענט פון דער "בית רחל

# געהויבענע טעג פאר תלמידי וחסידי סאטמאר בארה"ק מיט'ן ביקור כבוד פון הגה"צ מורינו שליט"א

### הערליכע מאורעות ווערן אפגעראכטן אין די טעג בראשות דעם רב שליט"א

הכנסת ספר תורה / געהויבענער שבת קודש / מסיבת לחיים מינו מנהל וחברי הנהלת המוסדות / מסיבה נהדרה ומפוארה לטובת הישיבה גדולה אין קוממיות / באזוך אין ישיבה אין קוממיות / און נאָך

דרבינו יואל מ'סאַטמאַר" האָט מען דעם פאַרלאָפענעם מיטוואך פרשת ראה העעל"ט, געהאַט די זכי' אז רבינו שליט"א איז אַריבערגעקומען באַזוכן בהדרו.

צוערשט האָבן די הונדערטער תלמידות שתחי' מקבל פנים געווען הרבנית הצדיקת תליט"א וועלכע איז געקומען אין באגלייטונג פון די חשוב'ע מנהלות און די געשעצטע "לעידיס אקזולערי" מיטאַרבעטער.

די רעבצין איז ערשינען אינעם גרויסן שפיל הויז אין די זאלן פון "עטרת מייזעלס", וואו אַלע תלמידות זענען געווען פאַרזאַמלט און ס'איז אהערגעשטעלט געווארן א הערליכע פראגראם. מען האָט געזינגען פאַסיגע ניגונים און גראמען וואס האבן געשילדערט די שטאלץ און זכי' וואס מיר האבן צו זיין א חלק פון דעם לגיון של מלך און דערנאָך האָבן עטליכע תלמידות פאָרגעשטעלט אַ שיינע שפּיל פון אַ מעשה ביי רביה"ק זי"ע, פון וועלכע די חשוב'ע געסט האָבן שטאַרק גענאָסן.

## דער געהויבענער ביקור הקודש אין דער בית רחל

שפעטער אין טאג האָבן די עלטערע תלמידות, וועלכע זענען פלאַצירט אינעם בנין אויף י.ד. גאלדבערגער דרייוו זיך פאַרזאַמלט אין דעם שפיל - הויז, וואו רבינו שליט"א איז ערשינען במלוא הדרו אין באגלייטונג פון די משמשים בקודש, די מנהלים, די חשוב'ע הנהלת המוסדות, און אַן ענגע צאָל פון גרעסערע נדיבים און תומכים, ובמיוחד דער לעגענדאַרער בונה ומקים עולמות של תורה, הרבני החסיד המרומם מו"ה ישראל דוב גאָלדבערגער שליט"א, נדבן בניני מוסדותינו הק', אינאיינעם מיט זיין געטרייע עקרת הבית, אשת חיל עטרת בעלה מרת הענדל מרים שתחי'.

דער רבי מיט די פמליא זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר, וואו דער מנהל בית רחל, הרה"ג ר' נחמן זיגעלמאן שליט"א האָט מקבל פנים געווען און דערביי איבערגעגעבן אַ דערהויבענעם גרוס פון די תלמידות בית רחל וועלכע צייכענען זיך אויס אין צניעות, מדות טובות, און שטייען ווייט פון די אַלע כלים טמאים. דער מנהל האָט ערוועגט די געטרייע אַרבעט פון די מחנכות תחי' וואָס לייגן אַריין אַזויפיל כוחות, טעג און נעכט, פאר די הצלחה פון דעם בית רחל.

גלייכצייטיג האָט דער מנהל שליט"א דערמאַנט שבחו ותהלתו פון הרבני החסיד מו"ה מענדל שווימער שליט"א, ראה"ק דקהלתינו הק', וועלכער איז געווען אָנוועזנד, און איז שוין לאַנגע יאָרן עומד מיט אַזאַ נאמנות לימין פון די הייליגע מוסדות, זייענדיג דער שליח נאמן פון רבינו בעל ברך משה זצ"ל וועלכער האָט אים באַאויפטראַגט צו עפענען און אַרויסהעלפן די מוסדות הק', אַ חזקה וואָס ער האַלט אן ביתר שאת ועוז עד היום הזה, כה יתן ה' וכה יוסיף.

באַזונדער איז אַרויסגעהויבן געוואָרן אַ ברכת הכרת הטוב פאַר'ן אדמיניסטראטאר, הרה"ח רבי משה אלי' עסטרייכער הי"ו, וואָס זינט די "יחדשהו" עפּאָכע האָט די בית רחל זיך באַשיינפּערליך געהויבן עשר מעלות רמות, ווען יעדע פאַרלאַנג לתועלת החינוך, ווערט באַלד געענטפערט בסבר פנים יפות מיט אַ געטריישאַפט.

ואחרון חביב האָט דער מנהל באַגריסט דעם נדבן הבנין, הרבני החסיד המרומם מו"ה ישראל גאָלדבערגער שליט"א ובני ביתו, באַטאָנענדיג אַז אויף אים קען ריכטיג געזאָגט ווערן דער פסוק "חכם לב יקח מצות", מיט אַזאַ אויסטערלישע אינוועסטמענט ווען ער האָט געקויפט דעם זכות פון די הייליגע בנינים וואָס ווערט נזקף לזכותו לדורות עולם, מיט אַזויפיל זכותים עד אין לשער.

אַ הייליגע ציטער האָט זיך געשפּירט אין דער לופטן ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט משמיע געווען קורצע דברי ברכה, זאָגנדיג אַז מען שטייט נאָך אין דעם טאָג נאָך די יומא דהילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע, דער מייסד פון אונזערע הייליגע מוסדות, עס איז דעריבער אונזער אחריות און אונזער זכי' צו ווערן אָנגערופן אַ סאַטמאַרע תלמידה, וואָס פאָדערט פון יעדן זיך צו אויפפירן און גיין אַזוי געקליידעט, אפילו אינדרויסן פון די בית רחל וועגט, אַז מען זאָל אייביג דערקענען אַז דאָס איז אַ סאַטמאַרער תלמידה.

דער רבי שליט"א האָט אָנגעוואונטשן מקירות לבו פאר די תלמידות און די מחנכות מיט ברכות לרוב און געוואונטשן אַ כתיבה וחתימה טובה.

דער רבי איז אריין אויף אַ ווײַלע אין דעם אָפיס פונעם מנהל שליט"א, ווען אין דער קורצער צייט האָבן די טויזענטער תלמידות קע"ה זיך אויסגע'שורה'ט אויפן גאס אין א מייסטערהאפטיגע אָרדענונג, פאָרנט פון דעם בנין בית רחל, לענגאויס די גאַנצע באַרג פון אונטן ביז אויבן.

עס האָט געהערט אן אויסטערלישע יראת הכבוד ווען דער רבי שליט"א, אינאיינעם מיט די פמליא הנכבדה, זענען ערשינען און אָנגעהויבן אראפשפאצירן דעם גאַנצן באַרג, און די תלמידות האָבן אַלע געהאַט די זכי' צו כאַפּן אַ בליק בהדרת קודש.

אנקומענדיג אונטן האט אפגעווארט א פרישע איבערראַשנדע מחנה אלוקים ווען די הונדערטער יונגערע תלמידות, וועלכע זענען פלאצירט אין דעם בנין אויף 509 פאַרעסט, האבן אפגעווארט דעם רבי'ן שליט"א, שטייענדיג אַרום דעם בנין, וואו דער רבי האָט אויך אַריבערשפּאַצירט און מאציל געווען מברכותיו הטהורות.

דערמיט האָט זיך געשלאָסן די דערהויבענע ביקורי קודש וואָס האָט איבערגעלאָזט אן אייביגע השפּעה אויף די טויזנטער גידולי קודש תלמידי ותלמידות מוסדותינו הק'. גם כי יזקין לא יסור מהם.

**דביר קדשו הביאנו!**

למען קדושת ירושלים לא נחשה!

# שטורמישע פראטעסט פון אברכי ק"ק סאטמאר ירושלים קעגן בוי ארבעט פאר די 'רכבת הקלה' באן אין בר אילן געגנט

## דעם מאנטאג אווענט ב' אלול תשפ"ב בראשות הגה"צ אבד"ק סאטמאר ירושלים שליט"א







ברוך המקדש שמו ברבים - ויואל משה אמת ותורתו אמת

# מאניפיסטאַציע און קידוש ה' מיט מיליאָן דאָלאַר חלוקה פון מפעל הכביר 'שקל הטהור' פאַר אַלע מוסדות חינוך הטהור על טהרת הקודש באה"ק בעצם יומא דהילולא פון כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

## קול חוצב להבות אש פון מגן חינוך הטהור בארה"ק כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א געהערט דורך לייוו הוק-אַפּ, מיט וויכטיגע יסודות און חיזוק פאַר די מוסרי נפש די מנהלי מוסדות עטה"ק

- ס'איז אַ חיוב צו חזר'ן די יסודות פון מרן רביה"ק זי"ע אַז מרשעים יצא רשע, מ'קען נישט בויען תורה מיט געלט פון משנאי ה', מ'דאַרף האָבן מסירות נפש אז דער פך שמן טהור זאָל זיין ריין תורה בקדושה וטהרה
- דער רבי זי"ע געפינט זיךביים מעמד, דאָס איז די גרעסטע נחת רוח פאַר נשמתו הקדושה, ער זעט "כי לא תשכח מפי זרעו" ס'איז געבליבן א כח פון מסירות נפש אידן וואָס האלטן דער חינוך הטהור
- אשריכם גיבורי החיל, מה טוב חלקכם אַז איר זענט זוכה לקדש שם שמים ברבים, וואויל איז דער חלק פון די שותפים לדבר מצוה פון חוץ לארץ וואָס שיקן גרויסע סכומים, ס'איז אַ זכיה צו זיין שותפים
- ולמען אחי ורעי אדברה נא, ס'שטייט "אז נדברו וגו'", און ווייטער זאגט דער פסוק "ויקשב ה' וישמע", מ'דארף אויסנוצן דער זמן מתפלל צו זיין מ'זאָל ווייטער קענען אנגיין מיט די מסירות נפש פאַר טהרת הקודש
- המתפלל בעד חבירו הוא נענה תחילה, ליידער זענען אידן בכל מקומות מושבותיהם צריכים לאותו דבר בענין חינוך הבנים, די רשעים ווילן מבטל זיין דער חינוך הטהור און מוסיף זיין לימודי חול, מ'דארף מתפלל זיין מ'זאָל קענען ממשיך זיין דער הייליגער חינוך, ותטה לב המלכות ותגזור עלינו גזירות טובות
- מ'האלט נאָך אינמיטן די שלושים ימי אבל פון מרא דארעא ישראל דער גרויסער גאון וצדיק דער ירושלימ'ער רב וואס האָט מעמיד געווען הדת על תילה ער האָט געפירט דער מלחמת קודש קעגן אלע פירצות און בפרט חינוך הטהור ער האָט מחזק געווען די קרן הצלה פאַר ימים טובים, מ'דארף רחמי שמים צו קענען ממשיך זיין אין זיינע דרכים

**על כן יאמר בספר מלחמות ה':** דבר מלחמת חינוך הטהור געהערט דורך הרב הגאון רבי גבריאל נויפעלד שליט"א דומ"ץ העדה החרדית און הרב הגאון רבי שלמה מינצבערג שליט"א מנהיג קהל תפארת ירושלים

**ה' עמכם גיבורי החיל:** דברי חיזוק פאר מנהלים געהערט פון הרה"ח המפואר ר' אפרים שטערן שליט"א מראשי הנהלת העדה החרדית וחבר ועד שקל הטהור בארה"ק

**ויראה פדיונינו עד ערב:** מחזה נהדר בקודש ווען הגה"צ מורינו שליט"א פארטיילט מיליאן דאָלאַר פאַר די מנהלי המוסדות בשליחות אביו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אויספירליכער באריכט וועט נאָכפאָלגן אי"ה



טייל פון די מוסרי נפש מנהלים עטה"ק ביים מעמד החלוקה פון שקל הטהור



מנהלי המוסדות ביים אריבערגיין אפנעמען די תמיכה פון הגה"צ מורינו שליט"א בשליחת אביו כ"ק מרן רבינו שליט"א מייסד המפעל

# Loop Corner

## COMMERCIAL

### ACRES

For Rent

Stunning offices on 2'nd floor

### RT. 17M

For Rent

7,500 sq. ft. Retail/office, Create a space according to your own needs! Luxurious -state of the art building, irresistible!

### LAKE STREET


For Rent

2900 sq. ft. Professional and brand new for retail or offices!

### ORRS MILLS

For Rent

Grab Deal! Lots of offices in Blooming grove!

### CORPORATE DR.

For Rent

Office available in professional building. Next to Woodbury Commons!

### MORDCHE SCHER

Fully Rented!!

4,600 sq. ft. space avail. Great for retail or offices!

### 1021 RT. 32

For Rent

Beautiful area with many offices

### MERON

For Sale

Store space for sale!

Great Investment opportunity!

**208 Corner Mountain Rd.** Offices, great location! — Rent

**Route 17M** Few nice office suites in a professional building! — Rent

**Kerestier** 1,200 square feet. Unfinished basement, very nice! — Rent

**Garfield** - Huge store space! — Rent

**Lemberg** - Offices. Great price, won't last long! — Rent

**Lemberg** - Offices. Excellent price, big rooms! — Rent

**Schunnemunk** - Many spacious offices! — Rent

**Taitch** - Nice office! — Rent

**Hamburg Way** - Very comfortable offices! — Rent

**Satmar Dr.** - Office in great location! — Rent

**Quickway Rd.** - Unfinished space for offices! — Rent

**SVM** - Basement space offices or playgroup! — Rent

**Frankfurt** - Office suite available, Great deal! — Rent

**200 NY 32** 4 room office suite, approx. 350 sq. ft! — Rent

**Apple Hill (Country Hollow)** Many beautiful upgraded walk-in offices! — Rent

## INVESTMENT

### WARD ST. MONTGOMERY

Under Contract!!

Updated 3 family house Ward St. Montgomery NY. Purchase 339k. Rental income $3300 Monthly

### 128 N MONTGOMERY ST WALDEN , NY

For Sale

Upgraded 2 family house Rental income $2900 Monthly

*Real Estate*
## quote

If you don't like where you are, move. You are not a tree.

*Real Estate*
## market

Home price growth continues to slow down. Increasing evidence shows the housing market is finally settling down.

*Real Estate*
## tips

If you're buying your first home, you probably don't have the budget for your dream home, but you can make it yours along the way and build equity in the process.

# LOOP WEEKLY LISTING

## RESIDENTIAL

### PRAG




5 room apartment in stunning condition, currently occupied w/ tenant & rent income!

### ACRES




5 room apartment, with tenant and rent income!

### AUSTRA




4 Austra Pkwy #304 Schines Vayoel Moshe

### WOODBURY JUNCTION




Brand new private house with beautiful grounds! One time opportunity

### GETZIL BERGER




Beautiful condition! 9 room apt. Very airy & spacious!

### OLD COUNTRY ROAD




8 room newly renovated private house! Brand new condition!

### PINE HILLS




7 room private house in a stunning condition!

### CENTER HILL




32 Center Hill Dr. Monroe NY 10950

### CORRINE CT.




8 Corrine Monroe NY 10950

**Schines Vayoel Moshe** Sale
4 room basement apartment

**Koznitz** Sale
Gorgeous 9 room apartment in prime location

**Shchines Vayoel Moshe** Sale
Many 5 room apartments avail. - Great for investments!

**Strelisk** Sale
7 room apartment w/ elevator+ 3 occupied offices as income! Great investment opportunity!

**Austra** - 6 room apartment + attic! Stunning view! Sale

**Prag** - Gorgeous 9 room apartment, center location! Rent

**Shchines Vayoel Moshe** - Spacious 8 room apartment Rent

**Austra** Rent
Gorgeous 8 room apartment (Short term lease)

**Austra** Rent
Beautiful 8 room apartment available on the 2nd floor

**Meron** - 5 room apartment - still under construction! Rent

**Mountain View** Rent
8 room private house w/ stunning grounds

**Siget** - Newly renovated spacious 4 room apartment Rent

**Beer Sheva** Rent
6 room apartment available with a 2 year lease

**Austra** Rent
6 room apartment available on 4'th floor, stunning view!

**Pine Hills / Bloominggrove** Rent
Beautiful 3 room apartment!

**Beer Sheva** - 6 room aprtment on 3'rd floor Rent

**Shchinas Vayoel Moshe** Rent
5 room apartments on Austra & Beer Sheva!
Only a few left!!

**Lizensk** - 5 room apt. on 1'st floor - Sec. 8 preferred Rent

**Acres** - Beautiful 3 room furnished apartment Rent

**Getzil berger** - 3&4 room apartments available Rent

**Shchinas Vayoel Moshe** Rent
Many 4 room apartments, ideal for offices, playgroups etc.!!

loop REALTY

Lic: #10311209368

Residential | Commercial | Sales | Rentals

נפתלי הירצקא לאנדא
הערש אלימלך ניעדערמאן

**Upstate:** 845-388-1155
**Brooklyn:** 718-925-2262

תְּרוֹמַמְנָה קַרְנוֹת צַדִּיק:

# מאַכטפולע הרחבת גבולי הקודשה אין "קרית יואל רבתי" זעצט פאָר מיט קראַפט; יום טוב'דיגער טאָג מיט אויפנאַמע פון 3 פרישע מורי הוראה און יציקת הבורות פון נייע פרעכטיגע מקוה אין ביהמ"ד הגדול

"קהל יטב לב קרית יואל" אין בו אלא חידושו:

## בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה זיוה והדרה: בהשתתפות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק:

# קרית יואל'ס אומפאַרגלייכבאַרער "כח הוראה" פאַרשטאַרקט מיט אויפנאַמע פון "3 פרישע מורי הוראה" ביים מעמד התמנות

## פרישע כוחות ההוראה אין קרית יואל רבתי עם וועלן זיין עומד לשרת בשם ה' לדון ולהורות אינעם באַרימטן "בית הוראה" דקרית יואל

אין אַ פרישער גאָר פייערליכער ווייטגרייכנדער אַנטוויקלונג אין די פריחת קהל הקודש אין קרית יואל, איז ב"ה צושטאַנד געקומען אַן אויסערגעוועגליכע הרחבת גבולי ההוראה בעירנו, מיט'ן "מעמד התמנות מורי צדק", אינערהאלב דעם באַרימטן "בית הוראה דקהל יטב לב קרית יואל".

ווי באַקאַנט איז כהיום די בית הוראה דער סאַמע הויפט הוראה־צענטער אין די הייליגע שטאָט קרית יואל, וואָס שטייט 24 שעה אין טאָג פתוח לרווחה צו ענטפערן שאלות פון אלפי תושבי העיר בכל מקצועות ההלכה, אַלעס דורך דיינים ומורי הוראה פון פה ק"ק קרית יואל, המאירים את העיר בתורה ובהוראה, און לאור זה האָט זיך אָנגעזען דאָס נחיצות צו פאַרשטאַרקן די ראַמען, ווען כל העם ניצב עליהם מבוקר ועד הערב, און ס'פאָדערט זיך פרישע כוחות להורות הוראה לאלפי תושבי העיר.

ובכן, ביום זה מכובד מכל ימים, בזמן שהצדיק בעיר, האָט מען זוכה געווען צו די גליקליכע מינוט, ווען בהורמנותא דמלכא האָט מען דערביי געקרוינט 3 נייע מורי הוראה מומחים, בקרב קהלתינו הק' אין קרית יואל, תלמידי חכמים מופלגים, בעלי תריסי במשנה ובגמרא, משנתם סדורה בפיהם וועלכע זענען נסמך געוואָרן דורך גדולי ההוראה לדון ולהורות ה"ה הרה"ג **רבי יצחק בריזל** שליט"א; הרה"ג **רבי משה זאב שווארץ** שליט"א; הרה"ג **רבי יואל אלימלך כהנא** שליט"א

ביים ערהאַבענעם מסיבת לחיים האט אויפגעטרעטן הגאון **רבי שלמה יונגער** שליט"א דומ"ץ טאָהש ורב דמפעל בנין עדי עד דקהלתינו הק', וועלכער האָט אַרויסגעהויבן די וואונדערליכע ערדייכונג פון אונזער הייליגע קהלה און די מורא'דיגע אויפטועו אינערהאַלב דעם "כח ההוראה", און מעיד געווען אויף די דריי נייע מורי הוראה שראויים המה לאותו איצטלא, נאכדעם וואס ער האט זיי פערזענליך פארהערט לתהות על קנקנם, ויורו יורו לתפארת ק"ק קרית יואל!

הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א האָט משמיע געווען דברות קודש און דאַן געוואונטשן ברכותיו הטהורות פאַר די נייע דיינים, שענקענדיג פאר זיי כח ועוז לעמוד לשרת בשם ה', להגדיל כח ההוראה ולהאדירה.

די נייעס באַדייט גאָר א ווייטגרייכנדע דורכברוך פאַר די גאַנצע שטאָט קרית יואל, וועלכע זענען אָנגעבינדן און אָנגעוויזן אין דעם אומפאַרגלייכבאַרן "כח ההוראה" המבצבץ ויוצא פון קהלתינו הקדושה און דעם "בית הוראה" וואָס עיני כל בית קרית יואל נשואות אלי'!

**שמשם יצא הוראה לקרית יואל!**

### קרית יואל קוועלט און שטאָלצירט מיט אומגלויבליכע הרחבת הגבולים ימה וקדמה צפונה ונגבה:

# 8 מאַסיווע אָנגייענדע "בתי מדרשים פראָיעקטן" אין ק"ק קרית יואל פּראָגרעסירן העפּטיג בכל פנות העיר רבתי עם וגלילותי'

**דינסטאָג, יום ג' שופטים, לסדר "בְּיוֹם הַקָּהָל", איז פאָרגעקומען אַ ריי פרײדיגע פונדאַמענטאַלע הרחבת הגבולים אַנטוויקלונגען אין די הייליגע שטאָט קרית יואל, בזמן שהצדיק בעיר, הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א, להגדיל העיר ולהאדירה**

בזמן שהצדיק בעיר, אין די יעצטיגע טעג ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א געפינט זיך בתוככי קרית מלך רב, אתרא דמר, אתרא קדישא קרית יואל רבתי יצ"ו, איז אַרויפגעברענגט געוואָרן צום אויבערפלאַך — און די ראשי הקהלה האָבן פערזענליך איבערגעגעבן אַ לעבעדיגן רעפּעראט פאַר רבינו שליט"א — די אָנגייענדע אומגלויבליכע פאָרשריט פון די 8 מאַסיווע פּראָגרעסירנדע פּראָיעקטן וואָס זענען אַצינד אין דער פולסטער פּאַרע להרחיב גבולי ק"ק קרית יואל!

**1. ביהמ"ד הגדול "בנין אליהו"**, וואו די ארבעט זעצט פאָר מיט אייפער און ברען, שפּאַנענדיג טאָג־טעגליך מיט מאַסיווע פאָרשריט, לבנות ולכונן הבית הגדול לה', דער גאַנצער פרישער בנין איז שוין אַרומגעדעקט געוואָרן און אַצינד האָט מען געגאָסן די בורות הטבילה, און מ'רוקט זיך פאָראויס אין א בליץ־שנעלקייט לגמור המלאכה בעזר ה' און דאַן פאָרזעצן ווייטער ביתר שאת ועוז!

**2. ביהמ"ד הגדול שכונת ויואל משה "בית יקותיאל"**, וואו ס'פּראָגרעסירט שוין אצינד די העפטיגע גראָב־אַרבעט אויפ'ן נייעם שטח פונעם מלכות'דיגן ביהמ"ד הגדול וואָס אַנטשפּרעכט צו זיין דער רוחניות'דיגער פּראַכט פון גאַנץ שכונת ויואל משה — א מאַיעסטעטישער ריזיגער בנין !

**3. צייטווייליגער ביהמ"ד שכונת "ויואל משה"**, די אַרבעט זעצט פאָר טאָג־טעגליך צו פאַרענדיגן דעם פּראָוויזאָרישן ביהמ"ד און די מקוה מפוארה, וואָס גייט זיך עפענען אין די קומענדיגע עטליכע וואָכן בעז"ה, און וועט שטיין אין דינסט פונעם ציבור בכל ימות השנה, ערב בוקר וצהרים, לתורה ולתפלה!

**4. ביהמ"ד החדש שכונת "בלומינגראָוו"-מעריוואָלד**, עס זעצט פאָר טעגליך די פיבערהאפטיגע ארבעט אויפ'ן נייעם גרויסן מלכות'דיגן ביהמ"ד וואס ווערט געבויעט מיט א שנעלן גאלאפ צום פרייד פון אלע תושבי השכונה, וגדול יהי' כבוד הבית הזה!

**5. ביהמ"ד החדש שכונת "בלומינגראָוו" - דועלק**, ווערט שוין געענדיגט די פרעימינג ארבעט אויף די אינטערשטע שטאק, וואו עס ווערט אהערגעשטעלט א מקוה טהרה, און שטיבלעך, און מ'גרייט זיך אט אט ארויפצוציען די העכערע שטאקן לשם ולתפארת לנצח על מלאכת בית ה'!

**6. צייטווייליגער ביהמ"ד שכונת "בלומינגראָוו"**, ווערט אצינד פולקאם פאַרענדיגט דער צייטווייליגער ביהמ"ד, אויף די מעריוואָלד גאס, וואס וועט בעז"ה געעפענט ווערן אויף דעם שבת קודש הבעל"ט, אַז אנ"ש זאָלן שוין קענען קובע מקום זיין לתפלתם ולתורתם!

**7. ביהמ"ד "בית כהנא"**, וואס איז ב"ה וואונדערליך אויסגעשטיגן אלס תל תלפיות ענדיגט מען די מעכטיגע גאָר קאָסטבאַרע פראיעקט פון די ריזן "פארקינג לאט" אונטער'ן ביהמ"ד וואס די הנהלת הקהלה האט אונטערגענומען צום השלמה פונעם מאַיעסטעטישן בנין, וואס ווערט באגריסט אין די גאנצע שטאט!

**8. ביהמ"ד "ישמח משה"**, ווערט צוגעענדיגט די לעצטע בוי־פּיטשוועקעס צו עפענען דעם הערליכן שפּאָגל־נייעם הערליכן "עזרת נשים", וואָס וועט דינען אלס "בית שני" בימות החול, צו אַקאָמאָדירן די פילע מנינים תפלת שחרית, מנחה־מעריב בימות החול, אויסשטייגנדיג אלס "מנינים צענטער" פאר דער גאַנצער אומגעגענט!

**שמונ"ה קבעו שיר ורננים! גרעניצלאָזע פרייד הילט איין רבבות אנ"ש די בכל אתר ואתר ובפרט באתרא דמר, אתרא קדישא קרית יואל יצ"ו וכל גלילותי' אשר סביבותי', אויף די באַשיינפערליכע הרחבת גבולי הקדושה אויפבליה עפּאָכע, בנוסף צו פילע אַנדערע מאַסיווע פּראָיעקטן און די בנינים אדירים וואָס בויען זיך דורך די הייליגע "מוסדות אימפעריע אין קרית יואל" וואָס טוען פאָרזעצן אין די יעצטיגע טעג בעוז וברמה, ואחרי כן יקרא לך עיר הצדק קרי' נאמנה**

רוּחַ הַקֹּדֶשׁ מְבַשַּׂרְתָּן כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ!!!

---

וְאִם יַרְחִיב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת גְּבֻלְךָ:

## פרישע פאַזע אין דראַמאַטישער אויפבוי און פאַרברייטערונג פון ביהמ"ד הגדול ביי פייערליכער מעמד יציקת הבורות אין פרעכטיגער "מקוה טהרת מרדכי"

### בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, רבני ודייני קהלתינו הק'

באַטייליגט דורכ'ן באַרימטן נדיב המפורסם, וועלט-באַרימטער טהרה-פילאַנטראָפּ בק"ק סאטמאר, הנגיד הרה"ח ר' מרדכי גוטמאן הי"ו, נדיב המקוה

דינסטאָג אין די פאַרמיטאָג שטונדן איז פאָרגעקומען אַ פייערליכער מעמד יציקת הבורות ביי די **מקוה המפוארה החדשה ביים ביהמ"ד הגדול דק"ק יטב לב ד'סאטמאר קרית יואל** — וואו די מאַסיווע בוי־אַרבעט להרחיב את גבולי הקדושה ולכונן בית גדול רם ונשא זעצט פאָר אין א בליץ־שנעלקייט — וואו עס האָט זיך באַטייליגט דער באַרימטער סאַטמאַרער טהרה־פילאַנטראָפּ, הנגיד המפורסם הרה"ח ר' **מרדכי גוטמאַן** הי"ו ובניו החשובים, אינאיינעם מיט די חברי הנהלת הקהלה, בייזאמען מיט די הונדערטער **"נדיבי קרן הבנינים"** אברכי ק"ק קרית יואל.

מיט אַ התרגשות דקדושה האָט כ"ק מרן רבינו שליט"א געגאסן די יציקה אין די בורות הטבילה, נאָכגעפאָלגט פון **הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, דייני קהלתינו הקדושה**, דער נדבן המרומם הרה"ח **ר' מרדכי** שליט"א, די נדיבי **"קרן הבנינים"** — הונדערטער יונגעלייט וועלכע טוען בלבבם ובנפשם אַנטיילנעמען מיט ריזן סכומים אין אַלע גבולי הקדושה פּראָיעקטן — נכבדי פארי אנ"ש וזקני קהלתינו, און דאַן האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ פייערליכער טאנץ **"אמר רבי עקיבא"** מיט אַ הייסע תפלה אויפ'ן בליץ־שנעלן **"השלם זה הבנין"** ברוב פאר והדר.

דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ התרגשות'דיגער מסיבת לחיים באכסניית הקודש של כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואו רבינו שליט"א האָט גאָר שטאַרק אַרויסגעהויבן עוצם זכותו פונעם פילאַנטראָפּישן נדיב וועלכער האָט זוכה געווען צו זיין דער ראש וראשון לדבר שבקדושה מיט'ן מנדב זיין די מקוה המפוארה טהרת מרדכי אין ביהמ"ד הגדול, און אַצינד ווען מ'טוט אויסברייטערן דעם בית האדיר לה' פי כמה, איז הוא הגבר זכה לו, וואָס האָט ווידעראַמאָל פּותח געווען את ידו הגדולה און מנדב געווען אַן אַסטראָנאָמישע נדבה להגדיל טהר"ה ולהאדירה, ותשואות חן חן לו. **ורוח הקוד"ש אומרת כן ירבה!**

וְהַלִּשְׁכָּה אֲשֶׁר לַשֹּׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת:

# פראַכטפולע ערגענצונג פון קרית יואל'ס שפּאַגל-נייע "לשכת בית הוראה" אשר משם תצא הוראה בד' חלקי שלחן ערוך להעיר רבתי וכל גלילותי' הייבט פריש כח ההוראה אין הייליגע שטאָט צו העכסטע ספערן

כה תאמר לבית יעקב — פּאָזיטיווע דורכברוך אינעם כח ההוראה:

**באַזונדערע "נשים אַריינגאַנג און וואַרט-צימער" צו אַקאָמאָדירן קרית יואל'ער נשים צדקניות שטראָמענדיג אָנצופרעגן די קלאָרע הלכה און הוראה ביי די שטאָטישע מורי הוראה**

וְכָל הָעָם נִצָּב עָלֶיךָ מִן בֹּקֶר עַד עָרֶב

**12 שטונדן נאָכאַנאַנד, פון 10:00 אינדערפרי ביז 10:00 ביינאַכט, זיצן די קרית יואל'ער מורי הוראה מומחים, דיינים מופלגים, אינעם לשכת בית הוראה, וואו די טויערן זענען אָפן ברייט פאר טויזנטער תושבי העיר לכל דורש ושואל**

**גאַנצע 24 שטונדן ווערן שאלות געענטפערט אויף הוראה ליין וואו די מורי הוראה ענטפערן מיט אַ קלאָרקייט את המעשה אשר יעשון**

קרית יואל. — אין דער זעלבער צייט וואָס מ'הערט די גאר פּאזיטיווע נייעס און רוחניות'דיגע אנטוויקלונג אין אונזער הייליגע שטאָט קרית יואל רבתי איבער די פארשטארקונג אין די רייען פונעם כח ההוראה מיט די אויפנאמע פון די דריי פרישע דיינים מומחים, מורי הוראה מופלגים, וועלכע וועלן עומד זיין לשרת אינעם בית הוראה דקהלתינו הקדושה, קהל יטב לב קרית יואל, איז אַ שפרודלדיגער נחת צו מעלדן און באַריכטן איבער די גאָר באַדייטנדע דורכברוך מיט די פולקאָמע ערגענצונג פון קרית יואל'ס "לשכת בית הוראה", מיט פראַכט און נאָבעלקייט.

## ממנו תצא הוראה להעיר קרית יואל רבתי עם!

ווען מ'שפּאַנט אַריין און מ'כאַפּט אַ בליק אין די "ד' אמות של הלכה" פון דער נייער פרעכטיגער לשכת בית ההוראה, אויסגעשטאַט און איינגערישט מיט אַזאַ כבוד התורה, באַצירט מיט אָנגעלאָדענטע ספרים־שענק מיט טויזנטער ספרי היסוד בהלכה אין ד' חלקי שלחן ערוך, שפּירט זיך אַ הרגש הלב אַז המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש היא! פון דעם רוחניות'דיגן ווינקל, פון דעם צימערל, פון דער לשכה, גייט אַרויס דער כח ההוראה, דער כח ההלכה, דער כח התורה, פאַר די גאַנצע שטאָט קרית יואל רבתי!

## ס'איז אַ ריכטיגע התרוממות קרן התורה, א התרוממות קרן ההוראה!

די איינפעדימונג פון דער נייער לשכת בית הוראה דקרית יואל הייבט אָן אַ פרישע עפּאָכע, צו דערמעגליכן יעדן איינוואוינער אין די הייליגע שטאָט קרית יואל, זקנים עם נערים, אנשים ונשים, צו קענען צוקומען במשך דעם גאַנצן טאָג, מבוקר ועד הערב אין בוכשטעבליכן זינען פון וואָרט, פנים אל פנים, צו א מורה הוראה מומחה, אַ דיין מופלג מיט'ן "ערליכן כח הוראה" וואָס שטייט גרייט צו ענטפערן יעדע סאָרט שאלה וואָס מאכט זיך נאָר בכל תחומי החיים; אורח חיים, יורה דעה, שבת, יום טוב, פסח, ימים נוראים, אַלעס מיט אַ רואיגקייט און אַ קלאָרקייט!

## הרחיבי מקום לשכת"ך: פון ביהמ"ד הגדול צו דער נייער אכסני' של הוראה

דער כח ההוראה איז מאז ומתמיד געווען אַ פריאָריטעט פון די הייליגע קרית יואל'ער קהלה, און במשך די אַלע יאָרן האָט די בית



**הערליכער לשכת בית הוראה**
**אשר ממנו תצא תורה והוראה לעיר קרית יואל**

הוראה פונקציאָנירט אינערהאלב דעם ביהמ"ד הגדול. אָבער דאָס זיך געפינען אין אַזאַ צענטער, ברענגט דאָס מיט זיך אַ באַגרעניצונג, אַז ס'שווער צוצוקומען אינמיטן טאָג; ס'איז אין סאַמע מיטן פון אַ שפרודלדיגער בית היוצר וואו מ'פאַרמאָגט נישט די פּריוואַטקייט, און אַזוי אויך איז זייער שווער געווען אַז נשים צדקניות זאָלן קענען צוקומען במשכ'ן טאָג צו קענען פרעגן אַ שאלה.

מיט די אַלגעמיינע אויפוואַכונג פון די הייליגע קהלה, איז געקומען די ריי אויך אויף די בית הוראה, און די הנהלת הקהלה האָט משקיע געווען אָן אַ שיעור כוחות עצומות, להגדיל כח ההוראה ולהאדירה; סיי "אינערליך", מיט'ן אוועקשטעלן דעם יסודות'דיגן סטרוקטור מיט די דיינים ומורי הוראה, ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל, דאָס סמעטענע פון קרית יואל'ס תלמידי חכמים, אויסשטייגנדע אדירי התורה, וועלכע האָבן זיך משלים געווען בהוראה בתוככי מבצר כוללינו, און זענען נסמך געוואָרן לדון ולהורות.

דאַן, אינעם פראַקטישן זין, האָט מען אָנגעהויבן אינוועסטירן און קאנצעטרירן געלט, מח כח און מחשבה, צוצושטעלן אַ הערליכע נייע בית הוראה, וואָס זאָל זיין צוגענגליך, אויף א גוטער לאקאציע, שיין איינגערישט, מיט אלע באקוועמליכקייטן, סיי פאר די דיינים און סיי פאר די שואלים, אז מ'זאל קענען מיט א רואיגקייט און מיט א געשמאק אנפרעגן דעם דבר ה' זו הלכה.

## שהחיינו וקיימנו: די פרעכטיגע נייע לשכת בית הוראה

אַצינד, נאָך אַ געוואַלדיגע אינוועסטירונג פון כוחות און דמי"ם תרתי משמע — ווען מ'האָט מיט קאָפּ און מח אויספּלאַנירט און ויסגעאַרבעט דעם לשכת הוראה, אַז ס'זאָל ערפילן דעם צוועק, סיי די לשכה גופא, די אריינגענג, די וואַרט־צימערן, און אלע ארומיגע

טעכנישע דעטאַלן אויפ'ן שענסטן און בעסטן פאַרנעם — שטייט עס שוין ב"ה כליל ביפי' ובהדרה, און די דיינים ומורי הוראה זיצן שוין דאָרט פאַקטיש און דער ציבור שטראָמט לשאול את דבר ה', פון צופרי ביז ביינאַכט!

די לאָקאַציע גופא איז ב"ה זייער סטראַטעגיש אויסגערעכנט, מיט אַ פּריוואַטער שטילער אַריינגאַנג, אַז מ'קען זיין אַלעמאָל באַקוועם און רואיג אַריינצוקומען, אָן דאַרפן אַדורכגיין אַ רשות הרבים מיט א טומל. נאָר אַלעס גייט צו מיט דער העכסטער מאָס פּריוואַטקייט, ואין לך יפה מן הצניעות, וואָס שענקט פאַר די שואלים אַ רואיגקייט און הרחבת הדעת.

הערליך, פּראַקטיש און באַ'טעמ'ט האָט מען איינגעריכטעט דעם לשכת ההוראה גופא, מיט יעדע סאָרט באַקוועמליכקייט פאַר די מורי הוראה, אַז זיי זאָלן האָבן די "שמעתתא בעי צילותא", אַ רואיגע הרחבה, מיט אַלע אַרומיגע טעכנישע פּרטים פאַרזאָרגט מיט אַ רחבות.

די אכסני' של הוראה איז אויסגעשטאַט געוואָרן מיט אַ טייערן אוצר הספרים אין די ווערד פון טויזנטער דאָלאַרן, אַנטהאַלטנדיג "אַלע" וויכטיגע ספרי הוראה, שלחן ערוך ונושאי כלים, שאלות ותשובות, ספרי הפּוסקים, אַלעס פון די נייעסטע מהדורות, הערליך מסודר אין שפּאָגל-נייע ספרים־שאַפעס, אַז די דיינים זאָלן אַלעס קענען האָבן צו די האַנט, על כל שאלה שלא תבוא, אין ד' חלקי שלחן ערוך.

## מן הבוקר ועד הערב, אין בוכשטעבליכן זינען פון וואָרט

"צוועלף שטונדן", פון צען אינדערפרי ביז צען ביינאַכט, איז קרית יואל'ס שפּאָגל־נייע לשכת הוראה אָפן ברייט, ווען מ'קען פיזיש צוקומען צו אַ דיין לענגאויס דעם גאַנצן טאָג!

מ'האָט אויפגענומען אַן ענערגישן עומד על הפקודים, וואָס באַגלייט די בית הוראה, צו פארזיכערן אז דער סדר לויפט סיסטעמאַטיש, און ווירקליך יעדע שעה פון טאג, נאכאנאנד און אָן אָפּשטעל, ווען נאר אימער א מענטש וויל אריינקומען, וועט ער אַלעמאָל טרעפן א מורה הוראה וואס איז גרייט פאַר אים, אויסצוהערן און ענטפערן, בסבר פנים יפות.

דאָס איז בנוסף צו דעם 24 שטונדן הוראה־ליין — וואָס ווי שוין פּראָמינענט געמאָלדן מיט עטליכע וואָכן צוריק — איז דאָס אויסגעשטיגן אַלס אַן אומגעהויערער אַדרעס פאַר די טויזנטער תושבי העיר, ווען רונדע דעם זייגער קען מען צוקומען טעלעפאָניש צו אַ דיין, פון די מורי הוראה דקהלתינו אין קרית יואל, וואָס ענטפערט סיי וועלכע שאלה בהלכה!

און דאָס איז אויך אין צוגאָב צו די שעות ההוראה פּריוואַט ביי די דייני ומורי הוראה דקהלתינו, און אין די בתי מדרשים דקהלתינו וואו די דיינים זענען עומדים לשרת בשם ה', מיט אזא געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, צו סערווירן דעם ציבור, וואָס רירט זיך נישט אַוועק פונעם דבר ה' זו הלכה, וואָס קומט אַרויס פון די הייליגע קהלה!

## יפה בעתו ובזמנו: איינגעפעדימט אין דער ריכטיגער מינוט

ס'איז אַ באַזונדערע סייעתא דשמיא אַז דער שפּאָגל-נייער לשכת הוראה איז גרייט געוואָרן יעצט אין בעפאָרגרייטונג צום חודש תשרי, וואָס אָט די תקופה פון די ימים טובים איז אַ יערליכער היכפּונקט ווען דער בית הוראה ווערט פאַרפלייצט פון "טויזנטער שאלות" ווען אידישע קינדער ווילן וויסן כדת מה לעשות אין יעדן הינזיכט; סיי בנוגע די הלכות ימים טובים, ראש השנה, פאַסטן יום הקדוש, אָפּגערעדט פון סוכות, ד' מינים, אא"וו, וואָס יעדער ריר איז פאַרוויקלט מיט אַזויפיל תילי תילים פון הלכות גבירתות.

אַצינד קען מען "אַלעמאָל" פשוטו כמשמעו צוקומען דעם לשכת הוראה, וואָס שטייט גרייט פאַר אנשי שלומינו חברי קהלתינו הקי', דורך דיינים מומחים צו ענטפערן פונקטליך יעדן שואל די הלכה ברורה, ווען דער פסוק "וכל העם ניצב עליך מבוקר ועד הערב, לדעת חוקי האלקים ואת תורותיו" פאַרווירקליכט זיך במלוא מובן המילה, וואָס די אויפטו דערפון פאַר'ן ציבור און פאר די אלפי תושבי העיר הגדולה קרית יואל איז עד להפליא ממש.

וברם יזכרו לטובה ולברכה, עס מוז אַרויסגעהויבן ווערן די אומגעהויערע כוחות און באַמיאונגען פון די געטרייע חברי הנהלת בית הוראה, אנשי חיל, גבורי כח, עושים ומעשים, הר"ר מאיר יעקב שווארץ הי"ו, הר"ר אשר יחזקאל שווארץ הי"ו, הר"ר יואל בלום הי"ו, ועליהם דער יושב ראש הנהלת בית הוראה, הרה"ג ר' משה יואל מאשקאוויטש שליט"א, וועלכע זענען עומדים על המשמרת מיט אַזאַ מסי"נ'דיגע געטריישאַפט להרם קרן ההוראה, צו פארזיכערן אז אלעס קלאפט אויפן בעסטן אופן, תשואות חן חן להם ושכרם הרבה מאוד על פי פעלם.

אָט אַזוי! פּראָיעקט נאָך פּראָיעקט, דורכברוך נאָך דורכברוך, אַנטוויקלונג נאָך אַנטוויקלונג, שפּאַנט מען אין קרית יואל מחיל אל חיל!

וואָס בלייבט איבער פאַר די טויזנטער איינוואוינער, דיירי קרתא דשופריא, די העכער 7,000 משפחות העיר, היראים והחרדים לדבר ה', מדקדקים בקלה כבחמורה? בלויז צו קוועלן פון נחת, זיך דערקוויקן פון הנאה, זיך מתענג צו זיין פון חדוה דקדושה, ווי די הייליגע קהלה פון קרית יואל רבתי שפּאַנט מחיל אל חיל, דורכברוך נאָך דורכברוך, אַלעס אינערליך, פעסט־אויסגעבויעט, קראַנט, דויערהאַפטיג, צו סערווירן דעם ציבור אויף יעדן געביט, און הייבן די הייליגע שטאָט צו די העכסטע ספערן!

די טויזנטער אנ"ש, חברי ק"ק סאטמאר קרית יואל, וועלכע קלאַמערן זיך דייקא צום "ערליכן אויסגעטרעטענעם כח הוראה" קענען נישט גענוג אַרויסברענגען זייער צופרידנהייט און שמחה, אַז מ'האָט אַזוי באַדייטנד באַוויזן צו פאַרפעסטיגן און צעמענטירן דעם כח ההוראה פון די הייליגע שטאָט קרית יואל, און תושבי העיר קענען כהיום "אייביג" צוקומען צו אַ דיין וואָס פּסקנ'ט ערליך און אויסגעהאלטן, מיט די השקפה טהורה וברורה — אַזוי ווי רביה"ק זי"ע האָט פאַר אונז אויסגעטרעטן און כ"ק מרן רבינו שליט"א לערנט אונז — און מ'קען זיין רואיג, סמוך ובטוח לבבם, אַז מ'ווייסט געווי לדעת את המעשה אשר יעשון!

ס'איז אַ שטאָלץ פאַר די שטאָט קרית יואל, אַז מ'איז אַזוי מרחיב די גבולי התורה וההוראה, און יעדער פאַרצייכענט זיך דעם אַדרעס פון דער נייער לשכה, דער אַדרעס פון הוראה, וואָס מיט דעם דוכברוך איבערצייגט זיך ווידעראַמאָל באַשיינפּערליך "עד היכן הדברים מגיעים", ווי ווייטגרייכענד און קראַנט עס זענען די יסודות'דיגע אויפטוען אינערהאַלב די הייליגע קהלה, ווי בכל צעד ובכל שעל טוט מען פאַרברייטערן, מרחיב זיין, פאַרשטאַרקן, אינערליך, פונדאַמענטאַל, פאַרשענערן די סערוויסעס, ברוחניות ובגשמיות, און אָפּגערעדט בויען און מרחיב זיין די גבולי הקדושה ביתר שאת וביתר עז, ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה אין אונזער הייליגע שטאָט, יפה נוף משוש כל הארץ, עיר עוז לנו קרתא דשופריא קרית יואל רבתי עם, לשם ולתפארת ולתהלה.

**אִם אֶת הַדָּבָר הַזֶּה תַּעֲשֶׂה וְיָכָלְתָּ עֲמֹד — גַּם כָּל־הָעָם הַזֶּה עַל מְקֹמוֹ יָבֹא! — קרית יואל'ס לשכת הוראה — דער צענטער פון הוראה והלכה אין קרית יואל רבתי!**





ברייטער לאָבי און וואַרט צימער

### כה תאמר לבית יעקב - ותלך לדרוש את ה'

## באַזונדערע "וואַרט צימער" פאַר די נשים צדקניות

אַן אויסערגעוועגליכער דורכברוך איז ב"ה באוויזן געווארן מיט דעם וואס מ'האָט אַהערגעשטעלט דאָ אין דעם נייעם לשכת הוראה אַ ספּעציעלע זייטיגע אריינגאנג און באַזונדערע וואַרט־צימער פאַר די נשים צדקניות, אַז זיי זאָלן קענען צוקומען צו א דיין ומורה הוראה בכל עת ובכל שעה.

עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן מיט אַסאַך מחשבה, אין באַראַטונג מיט די חשוב'ע דיינים שליט"א, אַז ס'זאָל זיין אויסגעאַרבעט אויפ'ן בעסטן אופן, הלכה'דיג און באַקוועם, אַז די חשוב'ע קרית יואל'ער נשים צדקניות זאָלן קענען שטענדיג צוקומען אָנצופרעגן שאלות סיי ווען אין טאָג.

עס איז כדאי אָנצומערקן, אז כדי צו פארזיכערן אז דער דיין וועט באַלד זיין גרייט צוצוקומען איז ראַטזאַם פאַר די נשים צדקניות אַריינצורופן עטליכע מינוט פאַר'ן קומען צום צענטראַלן הוראה־ליין, אַזוי אַרום זאָל מען קענען גראָד צוקומען צום דיין, פרעגן די שאלות און באַקומען קלאָרע תשובות אויפ'ן פּלאץ, שנעל און גיך, אָן דאַרפן פאַרברענגען איבריגע וואַרט־צייט.







וואכנשריפט

זכרו
תורת משה
קרית יואל

בעוד שבוע אחד ותלמודם בידם

# הונדערטער לומדי מס׳ מנחות במסגרת חבורת זכרו לערנען און חזר׳ן בהתמדה רבה זיך גרייטענדיג צו די ערשטע בחינה קומענדיגן זונטאג תבא הבעל״ט

וועט פארקומען אויף די ערשטע 11 בלאט פון די מס׳

## ערשטמאליגע חידוש!!

בנוסף צו די געווענטליכע בחינה ווי ביז היינט, וועט געגעבן ווערן א 2׳טע אפציע צו נעמען די בחינה אויף א אופן ווי מען וועט נאר דארפן בוחר זיין צווישן 3 אויסוואלן די ריכטיגע תשובה אויף די שאלה אַנשטאָט צו דאַרפן אַריינשרייבן תשובה פאַר די וואס ס׳קומט זיי אן שווער צו שרייבן

פאר די וואס נעמען די סארט בחינה בויגן וועט געגעבן ווערן האלב פון די געוועגליכע סכום התשלומין פאר די בחינות

# האט איר שוין אמאל געשפירט דעם גליק?

פון ענפערן א בחינה בכתב אויף 24 בלאט גמרא - אין 24 מינוט

טויזנטער אידן שפירן דאס יעדן חודש!



דאס גליק איז אומבאשרייבליך!

פרובירט דאס אויס

זכרו
תורת משה
קרית יואל

בחינה הראשונה מסכת מנחות יום א׳ תבא הבעל״ט

דער יום הבחינה איז טוב׳דיגער טאג!

בס״ד

כולל בעלי בתים
משכן אליעזר

לע״נ ר׳ אליעזר בן ר׳ שלמה ע״ה
ולע״נ ליבא בת ר׳ שלמה ע״ה
ולע״נ הרה״ג ר׳ אהרן בן ר׳ שלמה ז״ל
ולע״נ רחל בת ר׳ לוי הכהן ע״ה
הונצח ע״י בנם/חתנם הרה״ח ר׳ חיים צבי לייפזידער הי״ו וזוגתו תחי׳

שיעורים בהרבה מקצועות התורה באמצע היום

שע״י עמוד התורה דקיט״ל סאטמאר, קרית יואל

# מחיל אל חיל!

שמחים אנו להודיע למע״כ אנשי שלומינו
**פארי קהלתינו בעלי בתים החשובים**
שבעז״ה ממשיכין ביתר שאת ויתר עז במסגרת כוללינו

תלי״ת אחר שזכינו לסיים מסכת תמורה
ברוב עמל ויגיעה רבה בתורה

# מתחילין מסכת ראש השנה

שנלמד ע״י האי מרביץ תורה המפורסם לשם ולתהלה
בשיעוריו הנפלאים בטוב טעם ודעת
הרה״ג ר׳ **משה יעקב גליק** שליט״א

במסגרת כוללינו

## כולל בעלי בתים משכן אליעזר

שיעורים תמידין כסדרן
משעה 12:00 עד 2:00 לפנצ״ה
**בביהמ״ד מנחת אהרן דיפו**

מאז החלו, אל מקומו שואף זורח כמה וכמה בעלי בתים נכבדים, אשר קובעים עצמם שפה בתורת ה׳ עם שיעורים נחמדים בגמרא והלכה וחו״ר וספרי מוסר

בואו והתענגו מזיו ה׳!
ועולמך תראה בחייך!

הנהלת כולל משכן אליעזר

והרחמן הוא יברך את בעל הבית הזה

ובהאי שעתא נעלה על נס,
ידידנו הנכבד האי איש החסד
והמעש הרבני היקר,
הרה״ח מוה״ר
**חיים צבי לייפזידער**
שליט״א
הוא הגבר הקים עולה של תורה בגופו ובמאודו, וקבע את ביהמ״ד מנחת אהרן לאכסניא של תורה,
והוא העומד לימין הכולל מיום הווסדה, ועושה ומעשה שבל יחסר המזג.
ותהי משכורתו שלימה מעם ה׳ אלקי ישראל.

בס"ד

אן איסגעפרואוטעטער מהלך,
וועלכע האט שוין געברענגט
פאר פילע ביזנעסלייט,
כלי קודש, און בני תורה צו
אנטוויקלען א אמת'ער קשר
צו זיך אליינס צו פארשטיין
דעם אייגענעם נפש, בויען א
נאענטער אפנהארציגער קשר
מיט די ב"ב און משפחה, ועל
כולם ווערן נאענט צו השי"ת
און טרעפן דעם וועג וויאזוי
צו טוהן זיין רצון מיט א
צופרידנקייט, רואיגקייט און
שמחת החיים.



איך דארפט מער נישט זוכן...

# דער אוצר ליגט ביי אייך!

צו הערן א פריוויט אדער איינצושרייבן רופט מחובר האטליין:

**718.618.5256**

YESSAGE • 845.774.4069

די קומענדיגע קבוצה הייבט זיך אן

**מיטוואך כי תצא**
אין מאנסי

**מאנטאג כי תבא**
אין בארא פארק

**איינמאל א וואך במשך 13 וואכן**

אנגעפירט דורך

**הרב אהרן גראסמאן**

לאנגיעריגער עקספיריענס וועלכער האט בס"ד געהאלפן הונדערטער

**מחובר**

הרב אהרן גראסמאן
מנהל המכון

צו מיר | צו מיין משפחה | צו השי"ת

# תושבי קרית יטב לב וועלן שטראָמען מיט וואַרעמסטע שטיצע לטובת די הייליגע צדקה פון "רבי מאיר בעל הנס כולל שומרי החומות"




## קומענדיגן מאָנטאָג ביים דינער "אונזער מסורה" אין זאַל פון עטרת פעסיל לאה בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א חבר נשיאות הכולל

## קאָמבינירט מיט "עצרת הספד" לזכרו פון כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל נשיא כוללינו

מיט התרגשות'דיגע געפילן גרייטן זיך די תושבי עיר "קרית יטב לב" אַרויסצוצייגן די וואַרעמסטע שטיצע לטובת די הייליגע צדקה פון "כולל שומרי החומות" ביים מעמד הדינער "אונזער מסורה" וואָס וועט אי"ה אָפּגעראָכטן ווערן קומענדיגן מאָנטאָג, ב' פרשת כי תצא, אין זאַל פון "עטרת פעסיל לאה" ביי וועלכן מען וועט האָבן די זכי' אין ברען פון די הכנות צו די ימים הנוראים מחזק צו זיין די אור-אַלטע מסוגל'דיגע צדקה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס".

דער "כולל שומרי החומות דינער" איז יאָר-יערליך א געשעעניש וואָס רופט אַרויס א שטאַרקן רגש און געפיל ביים ציבור אנ"ש, צו קומען מחזק זיין די הייליגע צדקה אויף וואָס מיר האָבן אַלע די מסורה דור אחר דור, דאָס צו שטיצן און מחזק זיין, און יעדער שפירט פאר א זכי' צו קענען אָנהאַלטן "אונזער מסורה" ווי מען האָט דאָס צוגעזען ביי אונזערע עלטערן און אור-עלטערן ביז אַסאַך דורות צוריק.

דער מעמד וועט אי"ה זיין באַשיינט מיט דער פערזענליכער השתתפות פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א חבר נשיאות כוללינו, וועלכער וועט - כמדי שנה בשנה - ערשיינען בשערי העיר, און וועט באַשיינען דעם מעמד הדינער, ביי וועלכן דער רבי שליט"א וועט משמיע זיין דברות קודש איבער דעם גרויסן חיוב פון החזקת כולל שומרי החומות.

### עדות נאמנה: הרה"ג רבי יחזקאל ווייס שליט"א

ביים מעמד וועט מען האָבן דעם כבוד צו הערן די דברי פי חכם חן פון דעם באַרימטן פה מפיק מרגליות הרב הגאון המפו' רבי יחזקאל ווייס שליט"א, ר"מ ישיבת פאפא מאנסי, וועלכער וועט האַלטן געשפּאַנט דעם ציבור מיט זיינע טייערע פערל ווערטער, איבער דאָס גרויסקייט פון החזקת צדקת רבי מאיר בעל הנס.

דער נואם הכבוד רבי יחזקאל שליט"א איז נודע בשערים מיט זיין לשון לימודים פון וואָס די תושבי העיר האָבן שוין נהנה געווען בעבר, און איז באַזונדער באַקאַנט מיט זיין וואַרעמען רגש פאר די הייליגע צדקה פון כולל שומרי החומות, פון וועלכן ער רעדט כסדר מיט אַזאַ שטאַרקן

### באַרימטע "געבענטשטע מטבע" פון הגה"ק גאב"ד ירושלים זצ"ל וועט פאַרטיילט ווערן

דער עצרת הספד לזכרו פונעם ירושלימ'ער רב זצוק"ל ביים צענטראַלן דינער לטובת כוללינו הק', וועט ספּעציעל ברענגן צום אויסדרוק דעם קשר אמיץ וחזק וואָס דער ירושלימ'ער רב האָט געהאַט צו כולל שומרי החומות, ווען עס וועט דערביי עקסטער פאַרטיילט ווערן פאַר די מתנדבים בעם די באַרימטע "מטבע קודש" וואָס איז געבענטשט געוואָרן דורכ'ן ירושלימ'ער רב זצ"ל מיט דרייצן יאָר צוריק מיט גאָר וואַרעמע ברכות, און די געציילטע פאַרבליבענע מטבעות וועט פאַרטיילט ווערן פאַר נדיבים בעם מיטן מינימאַלן סכום פון $360 לטובת כולל שומרי החומות.

ביים ציבור בעלי בתים און ערוואַקסענע אברכים, ליגט נאָך גוט אין זכרון דער היסטאָרישער מאָמענט בשנת תשס"ט, ווען דער מרא דארעא קדישא כ"ק מרן גאב"ד ירושלים זצ"ל איז געקרוינט געוואָרן אַלס "נשיא כולל שומרי החומות" צוזאַמען מיט ריעו וידינ"פ הגאון האדיר בעל שבט הלוי זצ"ל. עס ליגט נאָך אין זכרון דער מעמד הדינער וואָס איז יענעם יאָר אָפּגעראָכטן געוואָרן אין וויליאַמסבורג, צו וועלכן דער ירושלימ'ער רב איז פערזענליך געקומען צו פאָרן לרגל המעמד, און דאַן במעמד רבבות ישראל איבערגענומען דעם כתר הנשיאות פון דעם הייליגן מוסד.

לטובת די הייליגע צדקה זענען די צוויי געהויבענע געקרוינטע נשיאי הכולל, דער ירושלימ'ער רב און דער בעל שבט הלוי, זצ"ל, אַרויס מגדרם און האָבן גענומען א ריזיגן הויפן פון ספּעציעל געגאָסענע "מטבעות" וואָס זיי האָבן געבענטשט מיט גאָר וואַרעמע ברכות, און געוואונטשן אַז די אַלע וואָס וועלן טראָגן די מטבע, זאלן זיין געבענטשט מיט אַלע גוטע ברכות, און זוכה זיין כסדר צו זיין באַגלייט מיט די הייליגע סגולה פון "אלקא דמאיר עננו".

בשעתו האָט די מטבע אַרויסגערופן א ספּעציעלן התרגשות ביים יהדות ניו יאָרק, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן שיינע סכומים לטובת די הייליגע צדקה, כדי זוכה זיין צו באַקומען איינס פון די מטבעות קודש.

בשעתו איז פאַרבליבן א מספר מצומצם פון די מטבעות וואָס איז נאָך פאַרבליבן אינעם אָפיס פון כולל שומרי החומות, און יחידי סגולה וואָס האָבן געוואוסט דערפון, האָבן זיך משתדל געווען צו באַקומען איינס פון די מטבעות. אַצינד איז באַשטימט געוואָרן, אַז לרגל דעם מעמד הדינער וואָס ווערט אָפּגעראָכטן צוזאַמען מיטן עצרת הספד לזכרו פונעם ירושלימ'ער רב זצ"ל, וועלן די פאַרבליבענע מטבעות פאַרטיילט ווערן פאַר די נדבנים מיטן סכום פון לכה"פ $360, וכל הקודם זכה.

עס איז זיכער אַז די וואַרעמע ברכות וואָס די צוויי גדולי הדור האָבן געבענטשט די מטבעות, וועט באַגלייטן די מתנדבים בעם מיט א סל מלא ברכות ה'.

## עצרת הספד לזכרו פון כ"ק הגה"ק גאב"ד ירושלים זצ"ל וועט אָפּגעראָכטן ווערן ביים מעמד הדינער

דער מעמד הדינער וועט אי"ה זיין קאָמבינירט מיטן "עצרת הספד" וואָס קהל יטב לב בקרית יטב לב, פאַררופט למלאות השלשים נאָכ'ן הסתלקות פונעם פאר הדור והדרו הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל נשיא כולל שומרי החומות, וואָס איז נסתלק געוואָרן עטליכע וואָכן צוריק, הצדיק אבד לדורו אבד, וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'.

דער ירושלימ'ער רב זצ"ל איז געווען נודע בשערים מיט זיין גדלות בכל המכמנים, און ווי מען האָט שוין אַסאַך געהערט אין די לעצטע וואָכן פון פרשת גדולותו אין אַלע ענינים. ובפרט האָט דער רב זצ"ל לוחם געווען מלחמתה של ירושלים עיה"ק, און איז געשטאַנען על משמרתו משמרת הקודש, צו היטן אויף די חומות ירושלים בעוז ובגבורה, ממשיך צו זיין דעם מלחמה לה' בעמלק מדור דור, ווי עס איז אַלע יאָרן אָנגעפירט געוואָרן דורך די גדולי רבני ירושלים ובראשם מרן רביה"ק זי"ע גאב"ד ירושלים.

מיט א ספּעציעלן קשר איז דער ירושלימ'ער רב זצ"ל געווען מקושר צו די הייליגע צדקה פון כולל שומרי החומות, וואָס זייענדיג אין ירושלים, האָט דער רב מיטגעהאַלטן פונדערנאָענט די פעולות חובקות זרועות עולם וואָס דער כולל טוט אויף פאַר די בני ציון היקרים, ומוחזקת הוא לו מאבותיו האָט דער ירושלימ'ער רב מיטגענומען מיט זיך דעם ברען פאר כולל שומרי החומות פון זיינע יוגענט-יאָרן, ווי ער האָט דאָס צוגעזען ביי זיינע געהויבענע עלטערן, ובפרט ביי זיין גרויסן רבי'ן הגאון רבי שלמה בוימגארטן זצ"ל נשיא הכולל באייראָפּע.

אַזוי האָט דער רב אַלץ גערעדט מיט אַזאַ ברען פון כולל שומרי החומות, און ביי די מסיבות לטובת כוללינו ביי וועלכן ער האָט באַשיינט, האָט ער גערעדט מיט אַזאַ וואַרעמקייט איבער דעם חיוב וואָס ליגט אויף יעדן יחיד אָנצוהאַלטן דעם מסורת אבותינו ורבותינו צו שטיצן כולל שומרי החומות.

ודבר בעתו טאַקע ביים דינער לטובת דעם הייליגן כולל, מעלה צו זיין על נס פעולות צדיק לחיים, און צו הערן די דברי הספד להסתלקותו של צדיק, ווי עס וועט אַרויסגעברענגט ווערן דורך די חשוב'ע בעלי דרשנים ובראשם דורך יבלחט"א ידינ"פ כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א חבר נשיאות הכולל.

באַזונדער וועט מען הערן דעם אוצר מיט זכרונות פונעם ירושלימ'ער רב, וואָס וועט איבערגעגעבן ווערן דורך ב"ח הרה"ח ר' משה הערש לעבאָוויטש הי"ו, וועלכער וועט איבערגעבן פאַרשידענע ערשטהאַנטיגע ענינים וואָס ער האָט אַליינס צוגעזען ביים ירושלימ'ער רב זצ"ל.

ירושלים תתן קולה.

ברען און געפיל וואָס ברענגט אַרויס דעם חיוב פון אָנהאַלטן די אַמאָליגע מסורה פון החזקת כולל שומרי החומות.

ועכשיו ביותר וועט דער נואם הכבוד שליט"א איבערגעבן ביי דער געלעגענהייט דברי עדות נאמנה פון וואָס ער האָט אַליינס צוגעזען די מאַסיווע פעולות פון כולל שומרי החומות, ביי זיין באַזוך אין ארה"ק מיט א צייט צוריק, ווי ער האָט אויך באַזוכט אין עטליכע אָפּטיילונגען פונעם כולל. אַצינד ביים דינער וועט רבי יחזקאל מיטטיילן מיטן ציבור פאַרשידענע התפעלות'דיגע איינדרוקן ממה שראו עיניו במשך דעם געהויבענעם באַזוך.

## נזר גבאי קודש: המחנך הדגול מוה"ר יואל טייטלבוים שליט"א

מיט א ספעציעלע ערוואַרטונג גרייט מען זיך ביים דינער אויפצונעמען די פילצאָליגע ידידים און גוטע פריינד פון המחנך הדגול לשונו עט סופר מהיר הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א מחנך נפלא במוסדותינו הק', וועלכער וועט ביים דינער איבערנעמען דעם נזר "גבאי קודש" במעמד ידידיו ובני משפחתו פון נאָענט און ווייט, וואָס וועלן זיך באַטייליגן לכבודו.

דער חשוב'ער מקבל הפרס הר"ר יואל שליט"א איז באַקאַנט מיט זיין עבודת הקודש אַלס מחנך ילדי תשב"ר און האָט זוכה געווען שוין מעמיד צו זיין פילצאָליגע תלמידים, גייענדיג בדרכיו פון זיינע געהויבענע עלטערן וואָס האָבן לאַנגע יאָרן אָנגעהאַלטן דעם עבודת הקודש פון חינוך תשב"ר, און באַזונדער שטייט ר' יואל צו מיט א געוואַלדיגן וואַרעמקייט צו די הייליגע צדקה פון כולל שומרי החומות, סיי בגוף און סיי במעש, זייענדיג שטענדיג גרייט אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר מעגליך.

ומוחזקת הוא לו מאבותיו האָט ר' יואל מקובל דעם ברען פאר כולל שומרי החומות פון זיין געהויבענעם זיידן דער באַרימטער איש חסיד משרידי דור הישן הרה"ח ר' אליעזר חיים טייטלבוים ז"ל, וועלכער האָט עד זקנה ושיבה אָנגעהאַלטן זיינע פעולות פאר כולל שומרי החומות, פאַר וועלכן ער איז טעגליך אַרומגעגאַנגען מיט א פושקע-זעקל, און געשאַפן במשך השנים ריזיגע סכומים לטובת די אלפי עניי ארה"ק.

תורה מחזרת אחר אכסניא שלה, וועט מען אַצינד איבערגעבן דעם נזר הפרס פאר נכדו הר"ר יואל שליט"א ביי וועלכן עס איז ערוואַרטעט א גרויסער ציבור וואָס וועט קומען זיך באַטייליגן לכבודו.

# פראַכטפולע סעטס ספרים ממשנתו ופרקי תולדות פון מרן רביה"ק זי"ע וועט פאַרטיילט פאר נדיבים בעם

## ספר "ימי מלך" פאַר'ן סכום פון 720$ - אנטיק לעדערנע סעט "זמירות דברי יואל" פאַר'ן סכום פון 1800$

די נדיבים בעם מיט באַשטימטע סכומים ביים מעמד הדינער, וועלן באַקומען צוגעטיילט ספּעציעלע מתנות, לאות הוקרה פאר זייערע וואַרעמע נדבות לטובת די הייליגע צדקה פון צדקת רבי מאיר בעל הנס.

די נדיבים בעם מיטן סכום פון $720 וועלן אין צוגאָב צו דעם "מטבע קודש" אויך באַקומען צוגעטיילט דעם סעט פון דעם ניי-ערשינענע ספרים "ימי מלך" וואָס איז אצינד אַרויסגעקומען לאור עולם מיט א הפלא'דיגן מקיפ'דיגן תמצית פון די פּרקי תולדות פון מרן רביה"ק זי"ע נשיא כולל שומרי החומות, מסודר אויף דעם גאָר צוגענגליכן פאַרנעם, די פּרקי תולדות פון ימי השנה במשך שנות חייו פון רבי'ן זי"ע, אַרויסגעגעבן לאור עולם דורך דעם באַרימטן ידען ות"ח הרה"ג רבי שמואל אהרן חנני' טענענבוים שליט"א.

דער ספר האָט זיך קונה שם געווען ביי חובבי ספרים בכלל, ובפרט ביי אנ"ש תלמידי וחסידי סאַטמאַר, וועלכע קענען נישט גענוג אָפּוואונדערן די הפלא'דיגע אַרבעט, און פון יעדן הערט מען דאָס זעלבע, אַז לא נראה כבושם הזה, ודבר בעתו צו פאַרטיילן די ספרים ביים דינער, ווען בין הפרקים טרעפט מען די אַלע דאַטומען ווען עס איז מער געקומען צום אויסדרוק דער קשר פון רבי'ן זי"ע צו די הייליגע צדקה פון "כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס".

עקסטער וועט פאַר די נדיבים בעם מיטן סכום פון $1,800, פאַרטיילט ווערן א אנטיק לעדערנע סעט "זמירות דברי יואל" וואָס וועט זיין די פּאַסיגסטע מתנה לטובת די נדיבים בעם, וואָס האַלטן אָן דעם הייליגן קשר צו מרן רביה"ק זי"ע וואָס האָט אַלע יאָרן זיך אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאר די ערליכע מוסדות אין ארץ ישראל, ובפרט פאר "כולל שומרי החומות" דער איינציגסטער מוסד וואָס דער רבי האָט נישט אַליינס מייסד געווען, און האָט געדינט אַלס "נשיא" פון די הייליגע צדקה, ומדי שנה בשנה האָט דער רבי באַשיינט די דינערס לטובת כולל שומרי החומות, ביי וועלכן דער רבי האָט משמיע געווען דברות קודש, ודבר בעתו דאָס צו פאַרטיילן אַלס מתנה פאר די נתינות לטובת הכולל.

# ספעציעלע געשאַנק פאר אַלע תורמים פון $50 און העכער; היסטאָרישע רעקאָרדירונגען פון גדולי הרבנים הגאוה"צ זצ"ל מיט פייערדיגע אויפטריטן פאר אונזער הייליגע מסורה ביי די אַמאָליגע "כולל שומרי החומות" דינער'ס

אין שוואונג פון דעם ספעציעלן און ערשטמאָליגן "אונזער מסורה" קאַמפּיין בתוככי עירינו קרית יטב לב, ווערט באַזונדער אויפגענומען מיט סאטיספיקאציע די מעלדונג איבער דעם העכסט-אייגנאַרטיגן געשאַנק, די הערליכע מנחת מזכרת, וואָס איז אַזוי פּאַסיג און געאייגנט צו ווערן פאַרטיילט פאר די הונדערטער "ממשיכי המסורת", די גליקליכע שותפים און תורמים פאר אונזער הייליגע מסורת אבותינו בידינו, צדקת רבי מאיר בעל הנס מדור דור.

עס איז די רעדע פון אַ גאָר - היסטאָרישע קאָלעקציע וואָס ווערט אַצינד צום ערשטן מאָל פארעפענטליכט און פאַרטיילט, וואו עס ווערט פּרעזענטירט צענדליגער אויסצוגן פון הייליגע און פייערדיגע רייד, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן במקהלות עם רב, ביי די יערליכע דינערס לטובת דעם הייליגן כולל, דורך די גדולים וצדיקים אשר מפיהם אנו חיים, די רבנים גאונים ומנהיגי ישראל פון דעם דור הקודם, וועלכע האָבן ביי די דרשות זיך אויסגעגאָסן זייערע פּערזענליכע רגשי הלב רעדנדיג פון אונזער שייכות און "מסורה" צום הייליגן כולל.

## אַ געשאַנק וואָס ברענגט צוריק דעם גלאָררייכן אַמאָל

אַצינד, מיט אַזויפיל יאָרן שפּעטער, ווערט ווירקליך געגעבן די געלעגנהייט אַז אויך דער יונגערער דור, אידן וועלכע האָבן אַ געפיל צו די פּאַרצייטישע הוד קידומים, זאָלן קענען דאָס לעבעדיג מיטהאַלטן און שפּירן דורך די נאָסטאַלגישע רעקאָרדירונגען, וואָס איז פאַכמאַניש אויסגעשטעלט געוואָרן, עס זאָל פאַרמאָגן בלויז קורצע ציטאַטן פון די דרשות, וואָס טוט אַריינברענגען דעם צוהערער אין אַ וועלט פון אַמאָל, אַ ריינע וועלט פון מסורת אבותינו און צדקת רבותינו הק'.

צווישן אַנדערע ווערט געהערט אַ קורצע העתק דברות קודש פון רביה"ק זצוק"ל נשיא כוללנו, ביים לעצטן דינער וואו ער האָט זיך משתתף געווען בחיים חיותו ווינטער שנת תשכ"ח לפ"ק, און אַזוי אויך אויסצוגן פון העכסט באַלערנדע און היסטאָרישע דרשות פון נאָענט צו פערציג רבנים גאונים וצדיקים מדור העבר, די מנהיגי עדת ישורון וועלכע האָבן איבערגעפלאַנצט דאָס פאַרצייטישע אידישקייט פון דער אַלטער היים, "אונזער מסורה", דאָ על אדמת אַמעריקע, און זיי האָבן געזען אין "כולל שומרי החומות" אַ גאַראַנטי און אַ חיוב צו פאָרזעצן דאָס וואָס אבותינו ורבותינו הק' האָבן אונז געלערנט.

דער מנחת מזכרת אַנטהאַלט צום ביישפּיל די ווערטער פון אזעלכע רבנים ומנהיגי עדת ישורון ווי הגאונים והצדיקים רבינו בעל ברך משה זצ"ל; הגה"צ דער מאטערסדארפער רב זצ"ל; הגה"צ דער פאפא רב זצ"ל; הגה"צ דער וויענער רב זצ"ל; הגה"צ ביקסאדער רב זצ"ל; הגה"צ נייטרא רב זצ"ל; הגה"צ רבי משה ביק זצ"ל מעזעביז'ער רב; הגאון ירושלימ'ער רב בעל מנחת יצחק זצ"ל; הגה"צ ירושלימ'ער רב רמ"א פריינד זצ"ל; הגאונים חברי הבד"ץ העדה החרדית זצ"ל; הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל; און נאָך אַ לענגערע ליסטע פון עיני העדה, דער גאַנצער מזרח וואַנט פון די זקני שארית הפליטה, וואָס זייערע הייליגע ווערטער גליען און ברענען מיט דעם וואַרימקייט פאר אונזער הייליגע מסורה, מיד ולדורות.

אַלס הוספה איז אויך צוגעלייגט געוואָרן עטליכע אינטערסאנטע אויפטריטן פון פאַרצייטישע אישי הציבור וועלכע האָבן בשעתו אויפגעטרעטן ביים דינער, צווישן זיי הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל משב"ק פקיד ואמרכל הכולל; הרה"ח ר' אלכסנדר סענדר דייטש ז"ל חבר הנהלת הכולל; הרה"ח רבי עקיבא'לע גאַנץ ז"ל יו"ר הגבאים בק"י; הרה"ח ר' שלמה יעקב געלבמאַן ז"ל מח"ס מושיען של ישראל; און נאָך אַ רייע פון אנשים חשובים פון דעם דור הקודם, גבאי ועסקני הכולל.

ס'איז קיין צווייפל אַז דער מנחת מזכרת אַנטשפּרעכט אַ פאַרזיכערטע הנאה און קורת רוח פאר אידן מיט אַ געפיל און אַן אינטערעסע פאַר "אונזער מסורה". הערנדיג די רעקאָרדירונגען וועט זיין אַ רוחניות'דיגע פאַרגעניגן און אַ ריכטיגע געשאַנק פאר די טייערע תורמים ושותפים אין דעם היי - יאָריגן דינער אין דער עיר גדולה לאלוקים קרית יטב לב.

*

דער מעמד אַנטשפּרעכט צו זיין גאָר א געהויבענער און גייסטרייכער, און עס איז זיכער דער ציבור וועט אויסנוצן די געלעגענהייט צו קומען מחזק זיין די הייליגע צדקה ביד רחבה ורוח נדיבה, דערביי זוכה זיין צו די הייליגע סגולה פון אלקא דמאיר עננו.



אַזויפיל נשמות קענען ח"ו דעם
סעפטעמבער פאַרברענט ווערן
מיט'ן אַריין גיין אין פובליק-סקול צום נייעם סקול-יאָר

ספאנסערט אן עלעמענטרי קינד $100 לחודש

ספאנסערט אן ערוואקסן קינד $150 לחודש

ראַטע וועט
פובליק סקול הייבט זיך שוין כמעט אן

NECHOMAS YISROEL
נחמת ישראל

718.851.0340
1338 41 Street Brooklyn, NY 11218
nechomasyisroel@yeshivanet.com

ב"ה

# מוסדות סאטמאר קרית יואל

נתיסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## ברכת מזל טוב

מ ילין אין בפינו די מלהביע, בזמירות לו נריע, שמו במחול יהלל ז
ז ה היום נשמחה ונגילה, בשמן ששון ומעטה תהלה, בשירים נערו ג
ל ו תהלה נאוה, בידידות כנה ועבותות אהבה, להנחיל כסא כבו ד
א יחולינו להאירה, בשירה, להאי גברא יקירא, שפר קדמך להחז יא
ט כון וקשוט למעבד, כולו אומר חן וכבוד, פאר המעלות לשבחא ראו י
ב רוך הוא ומעשיו להתפאר, לדבר שבקדושה לבו ער, בעוז וגבורת א
א והב חסד וגדולים מעשיו, עוז והדר פעליו, פניו מסבירות אהב ה

הומים רגשי לבבינו, בעת שהגיע זמן שמחתינו, בבית מע"כ ידידינו, דא היא שירתא, לעילא מן כל ברכתא,
ברכת מזל טוב להאי גברא יקירא, איש חי ורב פעלים, נודע בפעולותיו, למען תורת ה' ומצוותיו,
הרבני הנגיד היקר, האי גברא כגוברין, יקר שבעירוכין, שבחיו מי ימלל, לב זהב טוב ומטיב

מוה"ר

# משה מאיר טייטלבוים

הי"ו

נזר נדיבי ותומכי המוסדות ברוח נדיבה

**הוא הגבר האי גברא יקירא חונן ונותן עושה ומעשה, לבו בוער כאש וראש וראשון לכל דבר שבקדושה למורשתו הרוחני של מרן רבינו הקדוש זי"ע, ומיקירי התומכים בגוף ובמאוד, ובפרטיות עומד הכון מאז ומקדם במסירת נאמנה להצלחת קהלתינו ומוסדותינו הקדושים בקרית מלך רב קרית יואל**

בדין הוא שיטול שכרו, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא!

לשמוח יחד אתך בשמחתך הגדולה, הגדיל ה' לעשות לתהלה

# שמחת אירוסי בנו למזל טוב

עב"ג הב' החתן המופלג בתוי"ש כמר **יוסף שאול** הי"ו
בן הרה"ג המפואר, זית רענן יפה פרי תואר, רבי **יואל פאשקעס** שליט"א, מו"ץ בקהלתינו הק' - וומסב"ג

והובה נעימה עלינו בכבוד חמיו, עטרת זקנים, ה"ה הרבני הנגיד המרומם, ותיק וחסיד, **הוא הגבר האי גברא יקירא אשר מיום התחדשות מוסדותינו הק' בקרית יואל מאז ועד עתה עומד כבריח התיכון ועמוד התווך**, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, אוהב חסד ורודף צדקה נזר תמכין דאורייתא, אוצר בלום, כולם משבחים ומפארים

# מוה"ר יוסף פנחס סטרולאוויטש הי"ו

**חבר הנהלת המוסדות**

וצרופה בזה מיט ברכותינו מעומק הלב צרופות ושלוחות, תזכה לרוות רב נחת, כגפן פורי' ופורחת, אושר ועושר במעונך לעד ולנצח, יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים, בכל שר יפנה ישכיל ויצליח במישרים, ונחת ירווה מלוא חפניים, בנים ובני בנים כשתילי זיתים, לנוב בשיבה דשנים ורעננים, עדי נזכה במהרה לישועת עולמים, בב"א.

כה דברי מוקיריך, מכירי חסדך וטובתיך, השמחים בשמחתיך

**משה אלי' עסטרייכער**
כשם הנהלת המוסדות

**שלום דוב יאזשעף**
יו"ר ועד הפועל

**מרדכי יצחק אייזיק וואלטער**
בשם ועד קרן הבנין





וואכנשריפט קרית יואל

בס"ד

עת לפרוע
אם לא עכשיו, אימתי?
אלול תשפ"ב
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

# צאלט אייער באלאנס יעצט
עס איז דאך
דער עת לפרוע!

# גאווינט



• איר גייט אריין אינעם גורל דורך האבן א 0 באלאנס
• אדער מיטן צאלן $100 אויפ'ן חשבון
• מיט יעדע צוגאב פון $100 אויפ'ן חשבון אדער קרעדיט האט איר נאך א שאנס!

**ווערד פון $1,500**
ביי די בארימטע

Livio
furniture

כולל
סאטמאר קרית יואל

בְּרִיךְ רַחֲמָנָא דִּיהַב
אוֹרְיָאן תְּלִיתָאִי

שבחין נסדר קדם נותן התורה, בגיל וחדוה לשור בסוד קדושים רבה, נגביר מילין וגם ברכות יעטה מורה, קדם הני אריות שבחבורה וגאוני הוראה, רבות בשנים עמלו וטרחו
בעסק אורייתא, באהלה של תורה הוגים בדנח
ובשקעתא, מיגיעת התורה לכתר הוראה הגיעו ביקר ורבותא, בלחמה של תורה שבעו ורוו כאוצר חביב, יקרים הם מפנינים גדלו בשם טוב, משיבים שפה לנאמנים מאיר נתיב

האי ברכה המשולשת בתורה, נודעים בשערים המצוינים בהלכה, אהובים למעלה ונחמדים למטה, עוסקים ביגיעת התורה בין כותלי כוללינו המעטירה, כבוד חכמים ינחלו בכתר הוראה

הרב הגאון רבי
**יצחק בריזל**
שליט"א
בן כ"ק אדמו"ר מדזשירקא שליט"א
וחתן הגה"צ אבד"ק בעהוש שליט"א

הרב הגאון רבי
**יואל אלימלך כהנא**
שליט"א
בן הרה"ג ר' יעקב שליט"א
חתן הרה"ג ר' שמואל אליעזר פריעדמאן שליט"א

הרב הגאון רבי
**משה זאב שווארץ**
שליט"א
בן הרה"ח ר' מרדכי הי"ו
וחתן הרה"ח ר' רפאל ארי' סאלאף הי"ו

לרגל עלותם בכס הוראה, נבחרו ונתעטרו
ע"י כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א לשרת בקודש בתור
# מורי הוראה
בקרב בית הוראה דקהלתינו הק'
בעיר המעטירה קרית יואל רבתי יצ"ו

כְּדַאי הוּא מְנוּי הַדַּיָּנִין הַכְּשֵׁרִים
מה נכבד היום בהאי סדרא דקגרים, לסדר "שופטים תתן לך בכל שעריך... ושפטו את העם משפט צדק" יום גדול ליהודים, כח הוראה תוך עם סגולה להרחיב ולהרים, בהני אבנים מאירות מופלגים בתורה ויראה
**אחרי שנות עמלם בתנככי כוללינו המפוארה, כתר הילומים על ראשם יצור לחן ולתהלה**

יקום פורקן מן שמיא חנא וחסדא, לכו בכחכם זה בסיעתא ממרומים בכל צעד ושעל, להרביץ תורה בישראל לאורך ימים ושנים טובים מתוך שמחה ונחת והרחבת הדעת, להרמת קרן התורה והוראה דקהלתינו הק', עדי נזכה לביאת מלכא משיחא ומלכנו בראשינו

בברכת התורה
**אברהם שלום שווארץ**, מנכ"ל
בשם
**הנהלת הכולל | חמש מאות רבנן ותלמודיהון**

# כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א פראַוועט געהויבענעם שבת פאַר די יומא דהילולא פון אביו כ"ק אדמו"ר הרה"ק מספינקא זצ"ל

קרית יואל. - תלמידי וחסידי ספינקא האבן מיט גרויס געהויבנקייט מיטגעהאַלטן דעם שיינעם שבת פרשת עקב, דעם "יומא דנשמתא" שבת פאַר די הילולא קדישא פון דעם גרויסן צדיק ופועל ישועות בקרב הארץ, כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק מספינקא זצוק"ל, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן בראשות בנו כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי דספינקא שליט"א.

דער געהויבענער שבת ערב הילולא איז געפּראוועט געוואָרן אין בית המדרש דקהל תולדות צבי ד'ספינקא, וועלכע איז ספּעציעל צוגעשטעלט געוואָרן מיט אַלע נויטיגע הצטרכות'ן לכבוד שבת קודש ולכבוד הנאספים, און דער גאנצער שבת איז געווען אַ חטיבה אחת פון התרוממות הנפש.

עס האָבן זיך אָנגעזען אנשים מכובדים, עלטערע אידן בעלי בתים און יונגעלייט ספּינקער חסידים וועלכע זענען געקומען מיטהאַלטן דעם געהויבענעם שב"ק, וואָס איז געווען ווי די הקדמה צום יומא דהילולא און האָט אַריינגעבלאָזן אַ גייסט פון התרוממות דקדושה און חיות רוחנית צווישן די ספּינקער חסידים, און אויפגעבלאָזן אַ פלאַם פייער זיך צו האַלטן ווייטער אינאיינעם און שטרעבן ווייטער מגדל צו זיין די קינדער און אייניקלעך אויפ'ן דרך פונעם גרויסן בעל ההילולא הרה"ק מספּינקא זי"ע.

פרייטאָג צונאַכטס זענען חסידים פון איבער די גאנצע שטאט זיך צונויפגעקומען צום עריכת שולחן הטהור פון ספּינקער רבי'ן שליט"א בהיכל בית המדרש.

די מיטאָג-טיש האָט דער רבי שליט"א געפּראַוועט אינאיינעם מיט בחורי אנ"ש, אין שפּיץ פון די קינדער הרבנים הגאונים שליט"א.

שבת נאָכמיטאָג אַ שעה פאַר מנחה מען געהערט א שיעור אין פרקי אבות דורך הרה"צ רבי יואל זוסמאן הורוויץ שליט"א, רב דביהמ"ד תולדות צבי ספינקא אין ב"פ, בנו חביבו פון ספּינקער רבי'ן שליט"א, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט אַרומגערעדט מגדולת קדושתו וצדקתו פון זיין גרויסן זיידן זי"ע, וועלכער האָט משפיע געווען יראה וחסידות וקדושה ופרישות, פאַר אַזויפיל אידן וואָס האָבן זיך מתחמם געווען לאורו הטהור.

דער הויכפּונקט פונעם געהויבענעם שבת איז געווען דער זמן פון שלש סעודות בעת רעוא דרעוין, וואָס ווי באַוואוסט איז דאָס געווען אַ געהויבענער זמן ביים בעל ההילולא זצוק"ל. דער גאַנצער ציבור האָט געזונגען די התעוררות'דיגע זמירות מיט גרויס דביקות און מיט אַ וואַרעמע שטימונג. מיט אַ פייערדיגע שטימע האָט דער רבי שליט"א פאָרגעזאָגט די פסוקי קבלת עול מלכות שמים, וואָס איז נאָכגעזאָגט געוואָרן דורכ'ן גאַנצן עולם מיט אַ מורא'דיגע התעוררות.

אַ ערנסטקייט האָט געהערשט אין בית המדרש ווען דער רבי שליט"א האָט אָנגעהויבן די דברי מוסר והתחזקות, מיט הקדמות פון אביו הרה"ק מספינקא זי"ע, פון וועלכע ער האָט געצויגן די מסקנות צו וואַרעמע דברי יראה ומוסר לקראת ימי הרחמים והרצון, ובפרט אין אונזער דור שפל וואָס ס'איז ליידער נסתם כל חזון, איז די איינציגסטע עצה עוסק צו זיין בתורתן של ראשונים, מזכיר צו זיין און איבערצולערנען די דיבורים פון די פריערדיגע צדיקים, ובפרט פונעם גרויסן בעל ההילולא זי"ע, וואָס דורכדעם וועט פאַר אונז פאַררעכנט ווערן ווי ער לעבט, און זיין גרויסער כח וועט צוהעלפן צו קענען נתקדש ונתטהר ווערן בתשובה שלימה.

שפּעט נאָכ'ן זמן יציאת השבת איז דער גאַנצער עולם נאָכאַמאָל דורך דעם רבי'ן שליט"א לברך ולהתברך, נאָכ'ן דורכלעבן דעם גייסטרייכן שב"ק אין איין קייט פון רוחניות און געהויבנקייט.





*

דינסטאָג נאַכט אור ליום ז"ך מנ"א נאָך מעריב איז געפּראַוועט געוואָרן אַ גרויסארטיגער מסיבת לחיים אין היכל הבית המדרש, מיט די באַטייליגונג פון תלמידים וחסידים פון קרית יואל און אומעטום.

אַן ערנסטקייט האָט געהערשט ווען דער רבי שליט"א האָט משמיע געווען דברות קודש והתעוררות במשנתו פון אביו הקדוש זי"ע, ביי וועלכן ער האָט אַרויסגעברענגט ליכטיגע זכרונות פון דעם צדיק תמים ונשגב, די לעצטיגע יאָרן בהלו נרו על ראשו, וועלכער האָט באַלויכטן די וועלט מיט זיין קדושה. דער רבי שליט"א האָט מעורר געווען אויף פאַרשידענע ענינים הצריכים תיקון, און בפרט אַצינד ווען מ'גייט שוין אַריין אין די ימי הרחמים והרצון און מ'קוקט אַרויס אויף ישועות ורפואות, חננו ועננו וכו' עשה עמנו צדקה וחסד והושיענו. די פילצאָליגע פאַרזאַמלטע זענען געזעסן מיט גרויס שפּאַנונג און זיך צוגעהערט מיט אַן אוזן קשבת צו די פייערדיגע דברי מוסר והתחזקות, וואָס האָט געדינט כמים קרים על נפש עיפה פאר די פילע צוהערער.

דער ריזיגער עולם איז זיך צוגאַנגען מיט אַ גערירטע שטימונג פון די סעודת הילולא און מיט מוט און אַנטשלאָסנקייט אויף ווייטער זיך צו האַלטן צום דרך ותורת בעל ההילולא זי"ע, זיין זכות זאָל אויף אונז אַלע מגין זיין בכל מילי דמיטב.

*

צומאָרגנס מיטוואָך אינדערפרי האָט דער רבי שליט"א געדאַוונט שחרית אין היכל הישיבה "תורת צבי ד'ספינקא". פאר שחרית האבן די חשוב'ע בחורים אינאיינעם מיט'ן רבי'ן שליט"א אדורכגעלערנט, צוטיילט אויף א ספעציעלן סדר, גאנץ מסכת חגיגה, די "עולם הבא מסכת" פונעם בעל ההילולא. ביים מסיבת לחיים נאכן דאווענען האט מען געפראוועט דעם סיום מסכת.

נאָכמיטאָג איז מען אַרויסגעפאָרן אינאיינעם מיט אַ גרויסע קבוצה חסידים, צום ציון הק' אין ניו דזשוירזי, שופך שיח צו זיין לה' בזכותו פונעם בעל ההילולא, דער מקום וואו אידן זענען זיך שופך שיח לה' בזכות של בעל ההילולא, וצדיקים במיתתם קרויים חיים. דער רבי שליט"א האָט פאָרגעזאָגט תהלים לפני התיבה מיט גרויס התעוררות, און געזאָגט די תפילה קודם התפילה פון הרה"ק בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע.

נאָכדעם האָט דער רבי שליט"א אויפגעטרעטן מיט דברי כיבושין וואָס איז געווען גאָר אַ התעוררות'דיגער מעמד, און בכיות נוראות האָבן זיך געגאָסן ביים פאַרזאַמלטן ציבור. דער רבי שליט"א האָט מעורר רחמים געווען און מתפלל געווען ביים ציון הקדוש פון זיין גרויסן טאַטן, ער זאָל איינרייסן בשמי מעל שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולות עמו בית ישראל, אידן זאָלן שוין אויפגעראָכטן ווערן בגאולת הכלל והפרט ברוחניות ובגשמיות. די פייערדיגע ווערטער האָבן געלאָזט אַ געוואַלדיגע התעוררות ביי די צוהערער און זענען יעדן אַריין אין די ביינער. דערנאָך האָט דער רבי שליט"א אַ לענגערע צייט געליינט קוויטלעך.

פון דאָרט איז דער ספינקער רבי שליט"א געפאָרן קיין וויליאַמסבורג וואו עס איז געפּראַוועט געוואָרן דער צענטראַלער סעודת הילולא בבית מדרשו.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

# תושבי קרית יטב לב לעבן מיט געהויבענע שמחה'דיגע מאמענטן ביי מעמד נשגב "סיום מסכת זבחים - והתחלת מסכת מנחות" אין ראמען פון חבורת זכרו אין שפיץ פון מייסד העיר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה: געפראוועט געווארן אויף א פראכטפולן פארנעם ברוב פאר והדר פארגאנגענעם דינסטאג פ' עקב אין מאיעסטעטישן "רעים פעלעס" זאלן בשכינות העיר



קרית יטב לב. - "בטוב הלומדי"ם תעלוץ קריה" "אשרי עין ראתה שמחת עירינו". אה, ווי נעמט מען די פענע אין די האנט אביסל אראפצוגעבן די געהויבענע פייערליכע מאמענטן וואס דער סאטמארער שטאט "קרית יטב לב" האט מיטגעלעבט! הדרא דלא אפשר למפרט בשפותא! ס'איז פשוט נישטא די שפראך וואס זאל קענען עטוואס ארויסברענגען די אויסטערלישע שמחה וחדות התורה, און די שטענדיגע אהבה אחוה ורעות וואס האט אצינד ארויסגעשטראצט אויפן העכסטן פארנעם, ווען די הונדערטער תושבי העיר רבתי זענען געזיצן אינאיינעם בשבת אחים זיך צו פרייען בשמחת התורה, שטייענדיג ביי אזא פריידיגן מאמענט ווען רוב רובא פונעם שטאט האבן זוכה געווען צו זיין פון די חתני התורה לברך על המוגמר פונעם שווערן ערשטן "קדשים מסכת" דעם פארצווייגטן עבודה קשה שבמקדש מס' זבחים.

ווי שיין איז געווען דאס בילד ווען דאס גאנצער שטאט - וועלכער איז דער קרוין פונעם ק"ק סאטמאר איבער די גארער וועלט ווען יעדנ'ס אויגן איז געוואנדן צו די קריה נאמנה, און קוקן ארויס אויף איר הצלחה מרובה - כולם אהובים וברורים האבן זיך צונויפגעזאמעלט תחת קורת גג אחד צו א סעודה גדולה עבידנא יומא טבא לרבנן, פאר די חתני התורה לומדים החשובים פון די אלוועלטליכן סאטמארער תורה חבורה "זכרו תורת משה" - וואס איז פונקט ווי אין אלע סאטמארער צענטערן, שטארק אויפגעבויט און אהערגעשטעלט מיט די גרעסטע כוחות למען חיזוק לומדי תורה - וועלכע האבן נאך אזויפיל מיה און פלאג, אנגעקומען צו אזוי-ארויסקוקענדן מאמענט פון זוכה זיין צו מסיים זיין איינע פון די שווערסטע מסכתות הש"ס, און נאכדערצו נישט סתם געענדיגט, נאר מיטן עס איבער'חזר'ן איינמאל און נאכאמאל, און נאכאמאל, ווען מ'נעמט בחינות אין דער זייט, און אצינד איז מקוים געווארן דעם "אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו".

ס'איז נישטא די ווערטער וואס זאל קענען שילדערן וואס אזא מאורע באדייט פארן גאנצן שטאט, און פאר גאנץ סאטמאר בכלל! ס'איז נישטא די פאסיגע אויסדריקן וואס זאל קענען אראפמאלן די געוואלדיגע געפילן וואס די תושבי העיר האבן געפילט זיצנדיג די שעות אין איין זאל, ווען אין שפיץ בראש המסובין זיצט דער מייסד העיר וואס עינו ולבו שם כל הימים עטרת תפארת ראשינו כ"ק אדמו"ר שליט"א, וואס דער שטאט ליגט אויף זיין הארץ יומם ולילה, און ליגט אויף זיינע פלייצעס להגדילה ולהאדירה איר צו באפעסטיגן און פארשטארקן, וואס ב"ה היינט צוטאגס זענען די גאסן פון שטאט עדות אויף די למעלה'דיגן הצלחה פון שטאט, וואס איז דער גרעסטער קוועלניש פאר גאנץ סאטמאר אומעטום, איז געקומען זיך צו משתתף זיין מיט זיין פערזענליכער שמחה, ווען די פילצאליגע תושבי העיר האבן זוכה געווען צו אזא אומבאשרייבליכע מאמענט, ווען נאך אזויפיל הארעוואניע און מאטערניש, האט מען דערגרייכט דעם סיום מסכת זבחים, ואין שמחה כשמחת התורה!

אבער פטור בלא כלום אי אפשר אביסל אראפצוגעבן פאר די גאנצע ק"ק סאטמאר וועלכע קוקן זיך צו און אינטערעסירן זיך שטענדיג אויף די שנעל-וואקסענדער און בליענדער "קרית יטב לב", זאלן טאקע אביסל מיטהאלטן און מיטלעבן דורכ'ן ארטיקל, דאס וואס די תושבי העיר רבתי עם האבן פייערליך מיטגעלעבט דעם פארגאנגענעם דינסטאג פרשת עקב, במעמד כל עם ועדה, ובראשם עטרת ראשינו ומייסד העיר כ"ק מרן רבינו שליט"א.

### זכרו אין קרית יטב לב - הרמת קרן התורה

"חבורת זכרו" שע"י ק"ק סאטמאר קרית יטב לב איז נישט אויסגעשלאסן צו זיין א טייל פונעם "רעוואלוציע" אין תורה'דיגע חבורות, און נאך מיט א שמיץ אריבער, ווען די כוחות עצומות פון די עסקני העיר למען הרמת קרן התורה האבן אריינגעברענגט אן אומגעהויערע הצלחה ווען רובם ככולם פונעם שטאט זענען ב"ה אנגעשלאסן, און לערנען בקביעות די שיעורי היום פון די מסכת שע"י חבורת זכרו.

שיעורי תורה ולימוד בחברותות איז אויפן העכסטן ניווא ב"ה, ווען הונדערטער אידן זקנים עם נערים, פני העדה, בעלי בתים חשובים, אברכים, בני תורה, זענען אנגעשלאסן מיט אן אומבויגזאמער קביעות אינעם חבורות זכרו תורת משה, וואס די חבורה ברענגט אריין א שטייגנדע הרמת התורה וואס דערקענט זיך אויף טריט און שריט, און איז דער שטאלץ און שיינקייט פון קרית יטב לב!

ווי אין יעדן מקום אשר זכרו תורת משה מגיע קומט פאר די בחינות יעדע פאר וואכן מיט א קביעות, ווען ס'איז אומגלויבליך צו זעהן ווי די חברי החבורה זקנים מיט נערים צוזאמען, קומען זיך צוזאם פאר איין ציל: צו מענה זיין בכתב אויף די שאלות פון די לימודים און זעהן אז מ'האט קונה געווען מיט שלימות די לימודי החודש!

אה, ווי גרויס איז דאן די שמחה, ווי פאסיג איז עס אנצורופן "אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו" ווען מ'טוט ענטפערן מיט אזא קלארקייט און ישרות אויף די שאלות פון די בויגן! ס'איז א מחזה הוד און אין לשער דאס אראפצומאלן די פרייליכע מאמענטן ווען יעדן חודש באזונדער טוט מען שניידן די פירות וואס מ'האט מיט א שווערקייט איינגעזייעט און דאס אפלעזן מיט א מתיקות; שמחה לאיש במענה פיו!

### הגיענו לזמן הזה - די פלענער ווען מ'האט זוכה געווען צו אזא שמחה'דיגן מאמענט

אצינד ווען מ'איז געשטאנען ביים פארענדיגן דעם שווער דורכגעאקערטן מס' זבחים, וואס די חברי החבורה האבן מיט אזא זיסע פלאגעניש געהאט די זכי' דף נאך דף, טאג נאך טאג, מיט אן הארעוואניע, מיט א מאטערניש, און אנשטרענגונג, וואס מען האט דורכגעלערנט בהתמדה גדולה מיט א גרונטליכקייט דעם עבודה קשה שבמקד"ש, איז געווארן אהערגעשטעלט דעם "עבידנא יומא טבא לרבנן" מיטן גרעסטן כבוד התורה ולומדיה פאר די חשובע חתני התורה, צו פייערן מיט א העכערע שמחה דעם סיום רבתי, און אפגעבן א שבח והודי' לה' אז ב"ה מ'האט זוכה געווען לברך על המוגמר, טראץ וואס ס'האט אויסגעקוקט אזוי שווער און נישט מעגליך אפילו, צו קענען אנקומען אזא שווערן גרויסן מסכת, וואס איז נישט פון די באקאנטע מסכתות וואס מ'איז געוואוינט צו לערנען.

ס'איז געווארן ארויסגעלייגט די פלענער פאר די תושבי העיר איבער'ן מעמד הנהדר "סיום רבתי מסכת זבחים - והתחלת מסכת מנחות" וועלכע איז באשטימט געווארן צו געפייערט ווערן ביום ג' פרשת עקב, יום שנכפל בו כי טוב, פונקט אינעם טאג ווען די חשובע לומדים זענען זוכה צו מסיים זיין דעם מסכת דורכ'ן "חזרת השבוע" בשעה טובה ומוצלחת, מיט א קנין גמור וואס בלייבט איינגעקריצט לנצח דורך די סדר החזרות אויסגעשטעלט דורכ'ן לוח החבורה.

צוליב דעם ריבוי עם ב"ה האט מען באשטימט דעם סיום רבתי אז עס זאל פארקומען אין א פאסיגן לאקאל וואס זענען קענען אקאמאדירן דעם גאנצן עולם. די געטרייע הנהלת החבורה

פונעם שטאט האבן אפגעדינגען דעם פרעכטיגן מאיעסטעטישן "רעים פעלעס" זאל בשכינות העיר אז דאס זאל דינען אלס אכסניא של תורה, וואס מיט איר הערליכן אויסלאגע און גרויסע היכל וועט דאס דינען אלס פאסיגע כבוד התורה פאר די פילע חתני התורה.

## הגיע עת שמחתינו - דער מעמד נהדר ומרומם

צום באשטימטן זמן דינסטאג פ' עקב זענען זיך די תושבי העיר רבתי קרית יטב לב זיך צאמגעקומען צו פרייען און טאנצן, און אפגעבן שבח והודי', אפצושייכענען אט דעם גרויסן מאמענט וואס מ'איז זוכה, און זיצן צוזאמען די גאנצע חבריא קדישא בשבת אחים לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו. אזוי אויך האט זיך אנגעזעהן אן די השתתפות פון פילע אורחים החשובים וועלכע ווילן דארט אויף די זומער, און האבן זיך נישט געקענט משתתף זיין ביי די סיום אין וויליאמסבורג.

דער זאל איז געווען פאסיג אנגעגערייט לכבוד התורה ולומדי', און די עסקנים החשובים האבן יעדן אויפגענומען כראוי וכיאות און געזעצט אויף די צוגעגרייטע פלעצער. א מלכות'דיגן סעודה איז געווארן סערווירט פארן גאנצן ציבור, ווי עס פאסט פאר אזא גראנדיעזן יומא טבא לרבנן, וואס איז געווארן מייסטערהאפטיג אהערגעשטעלט דורך דער באקאנטער "מטעמים" קעיטערינג אונטער דער פירערשאפט פון מו"ה ר' מענדל ווייס נ"י מחשובי תושבי העיר. די סעודת מצוה איז נתנדב געווארן דורך הרבני הנגיד רחים ומוקיר רבנן ה"ה משה לעווי נ"י מחשובי אנ"ש פון בארא פארק וועלכער האט מנדב געווען די סיום לע"נ אחותו מרת גאלדא רבקה בת הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא ע"ה.

א הערליכע אויבנאן האט זיך געצויגן אויף איין זייט פונעם זאל, וואס איז געווען באשטימט פאר די חשובע רבנים ודיינים ומרביצי תורה שליט"א, אין שפיץ פון הגה"צ דומ"ץ העיר שליט"א וועלכער איז דער עומד בראש הפקודים און גיבט זיך אוועק יומם ולילה פאר די הייליגע חבורה, ומלכם בראשם דער נשיא ומייסד החבורה כ"ק אדמו"ר עטרת ראשינו שליט"א וועלכער האט מפאר געווען בראש המסובים דורכאויס דעם מעמד וואו מ'האט געהאט די זכי' צו הערן דברות קדשו.

## יושב ראש המעמד - הרה"ג ר' משה ארי' מאנדל שליט"א

דער הערליכער מעמד איז געפעפנט געווארן דורך האברך היקר, בריך הכשרון, נוא"ם בחסד עליון הרה"ג ר' משה ארי' מאנדל שליט"א מחשובי תושבי העיר, וועלכער האט פאסיג איינגעלייטעט



דעם מעמד הנהדר, און מייסטערהאפטיג אנגעפירט די שעות הלילה.

מיט געניטע דיבורים האט דער יושב ראש אנגעהויבן זיינע דיבורים מיט א ברוכים הבאים, און ארויסגעברענגט די געהויבענע פרייליכע מאמענט וואס מ'שטייט אצינד ווען מ'קען אויסשרייען דעם "אשרינו מה טוב חלקינו" אז מ'האט די זכי' צו זיין אנגעשלאסן אינעם תורה חבורה "זכרו" וועלכע האט געמאכט א רעוואלוציע איבעראל. בפרט האט ער ארויסגעהויבן די פעולות נשגבות וואס די חבורה טוט אויף, מיט מאכן דעם קביעות עיתים לתורה אז ס'זאל זיין א ריכטיגער קביעות אן קיין מעשיות, ווען ס'איז נישט שייך אויסצולאזן אפילו איין טאג, אויב וויל מען זיין א חבר החבורה צו קונה זיין די לימודים, און סיי מיט די אומגלויבליכער מציאות ווען הונדערטער אידן נעמען בחינות מדי חודש בחדשו מיט א קביעות, וואס אזוינס האט מען נישט געזעהן ביז די חבורה איז געווארן איינגעפעדימט, און דאס איז דער שטארקסטער מיטל צו קונה זיין די לימודים בקנין גמור לעד ולנצח.

## דבר החבורה - הרה"ג ר' חיים יושע פריעדמאן שליט"א מחשובי לומדי החבורה

דערנאך האט דער יושב ראש אויפגערופן הרה"ג ר' חיים יושע פריעדמאן שליט"א מחשובי לומדי החבורה, זאל אויפטרעטן מיט'ן דבר החבורה, און ארויסברענגען די הרגשים וואס פלאטערט אין יעדנ'ס הארץ.

הרה"ג ר' חיים יושע האט אנגעהויבן זיין דרשה מיט א פאסיגע תשובות "טוב טעם ודעת" פון הרה"ק ר' שלמה קלוגער זצ"ל, וואס איז פאסיג נאכצוברענגען פאר די משתתפי הסיום ווען מ'דארף ארויסברענגען די הרגשים וואס אזא נאכט באדייט. אינעם תשובה ווערט ער אנגעפרעגט פון אן אבל אויב ער מעג זיך משתתף זיין ביי א סיום מסכת, ענפערט הרה"ק ר' שלמה זצ"ל אז געוויס מעג ער זיך משתתף זיין, ווייל די שמחה פון א סיום איז בלויז פאר דער מסיים, ווייל ס'איז נישט שייך איבערצוגעבן די שמחה פאר א צווייטן, און נאר דער מסיים איז בשמחה.

לעניניו האט דער בעל דרשן געזאגט אז מ'האט מיך אויסגערופן אז איך זאל אביסל ארויסגעבן די הרגשים של שמחה צו וואס מ'האט זוכה געווען, איז דער וואס האט מסיים געווען דארף נישט מיינע דיבורים צו מסביר זיין וואס דאס מיינט, און דער וואס האט נישט מסיים געווען איז פשוט נישט דא די ווערטער וואס זאל קענען ארויסגעבן וואס אזא מאמענט מיינט, און די פלאקערדיגע געפילן פון שמחה וחדוה וואס טוט איינהילן יעדן מסיים המסכת.

אזוי אויך האט ער ארויסגעהויבן די פעולות נשגבות פון די חשובע הנהלת החבורה אין שפיץ פון הרבני הנכבד הר"ר משה שמילאוויטש שליט"א בונה ומקים העיר, און בפרט די לעצטיגע נייע כוחות פון פרישע עסקנים וועלכע האבן שוין אין די קורצע צייט אויפגעטון א געוואלד למען הרמת קרן התורה אין שטאט.

## השתתפות נשיא ומייסד החבורה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

דערנאך האט מען געהאט די כבוד צו ענטפאנגען דער מייסד החבורה ומייסד העיר כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א וועלכער איז ערשינען בהדרת קדשו לפאר על ראש השמחה, וואס דער שמחה פונעם סיום מסכת און שמחה פונעם שטאט קרית יטב לב איז זיין פערזענליכער שמחה עצומה, און איז זיך געקומען מיטפרייען מיט די שמחה פון די חתני התורה און די שמחה פון שטאט.

## הדרן עלך ודעתך עלן!

מען האט צוגעטרעטן צום קלימאקס פונעם נאכט די פרייליכע און פייערדיגע מינוטן צו מסיים זיין דעם מסכת זבחים. דער יושב ראש האט מכבד געווען הרבני הנכבד ר' משה שמילאוויטש שליט"א, זאל קומען מאכן דעם הדרן, ר' משה האט מכבד געווען זיין איידעם הרה"ג ר' מרדכי אברהם גרינפעלד שליט"א מרביץ תורה במוסדותינו הקדושים בעיר מאנסי ומחשובי לומדי החבורה, אז ער זאל מסיים זיין דעם מסכת ברוב עם הדרת מלך.

מפעל שלום אהלך
שע"י עמוד התורה דקהל יטב לב סאטמאר
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע · בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
קרית יואל

מודעה לאברכים צעירים

הננו בזה להודיע לאברכים שנשאו בזמנים האחרונים שיתקיים בעז"ה

שיעור נחוץ לאברכים

בעניני הנהגת הבית בדרך התורה והמסורה

ע"י הר"ר שלמה הערצאג שליט"א

ביום א' פר' תצא

בשעה 4:30 אחצ"ה
בביהמ"ד הגדול, הדרי בית שמעון - טאלטשווא

נחוץ מאוד לכל אחד ואחד להשתתף בשיעור זה!

הנהלת שלום אהלך

אומבאשרייבליך זענען געווען יענע מינוטן ווען מ'האט בכי טוב ובשעה טובה געזאגט די לעצטע ווערטער פונעם מסכת און געמאכט דעם "הדרן עלך מסכת זבחים"! ס'איז געווען רירענד ווען אלע לומדים ומסיימים האבן מיטגעזאגט מיטן הדרן, און מ'איז מתפלל דעם "דעתך עלן מסכת זבחים" "לא נתנשי מינן ולא מתנשי מינך" אז מ'זאל געדענקען און ווייטער איבער'חזר'ן דעם מסכת, און זוכה זיין בעז"ה צו ענדיגן אזוי אויך דעם קומענדיגן מסכת מנחות ולא ימוש התורה מפינו עד עולם.

דאן האט נאכגעפאלגט דעם "קדיש דרבנן" דורך הרה"ג ר' יואל גאלד שליט"א מו"ץ, און חשובער מגיד שיעור בחבורה יעדן אויפדערנאכט בטוב טעם פאר פילצאליגע לומדי החבורה. דערנאך האט ער אנגעהויבן בכי טוב דעם מסכת מנחות, וואס ער גייט האבן די זכי' פארצולערנען יעדן נאכט פאר די חשובע לומדים בעז"ה.

## ריקודין של שמחה - פייערדיגע טענץ ששמת חלקי מיושבי בית המדרש

ספאנטאן האט זיך דער גאנצער ציבור אינאיינעם זיך געהויבן פון די ערטער און ארויסגעלאזט אין פייערדיגע ריקודין של שמחה אויפן ניגון פון "אחת שאלתי" לכבודה ולשמחתה של תורה, ווען אין שפיץ טאנצט דער מנהיג העדה הקדושה כ"ק מרן רבינו שליט"א מיט א יקרא דאורייתא, און כאיש אחד בלב אחד האט דאס ריכטיג אפגעשפיגעלט דעם קרן התורה פון קרית יטב לב, דאנקענדיג דעם רבוש"ע עד הנה עזרוני רחמיך, על ששמת חלקינו מיושבי בית המדרש, און מ'איז זוכה צו זיצן און הארעווען מדי יום ביומו מיט די ריכטיגע יגיעת התורה, און מיט א תפילה לעתיד האט מען געבעטן ולא עזבוני צו קענען זיצן ווייטער על במתי התורה, ללמוד וללמד, ובהם נהגה יומם ולילה, און קונה זיין די פרישע מסכת לקנין נצח, און איבעראיאר זאל מען זיך ווידער צונויפזאמלען צו סיום מסכת מנחות בעז"ה.

## דרשה נפלאה פונעם נואם הכבוד הרה"ג ר' שלמה שבתי קעסטענבוים שליט"א

תיכף דערויף האט נאכגעפאלגט א הפלא'דיגע דרשה נלהבה פון אוצר בלום דובר מישרים פה מפיק מרגליות הרה"ג ר' שלמה שבתי קעסטענבוים שליט"א, וועלכער האט עלעקטערעזירט די שומעים אויף אן אומגעווענליכן פארנעם, ווען מיט זיין לשון לימודים און גאונות אדירות האט ער צאמגעווארפן מאמרי חז"ל, און שטארקע שטיקלעך פון מאורי הדורות איבער די מהלכים פון קניני התורה, וואס האט געהאלטן געשפאנט די משתתפים וואס האבן נהנה געווען אויף א זעלטענע פארנעם.

דער חשובער בעל דרשן שליט"א האט אין זיין דרשה נפלאה צאמגעפלאכטן טייערע דיבורים פון חסידי'שע ספרים, ווען איינע פון די טיפע רעיונות איז געווען דאס וואס דער הייליגער ישמח משה ברענגט ארויס די ארבעט פונעם יצר הרע וואס איז מתחדש יעדן טאג, אז ער מאכט דעם מענטש נישט צו לערנען "בלויז איין טאג", ווען ער קען אפילו באשטיין אז דער מארגענדיגער טאג זאל דער מענטש ווייטער לערנען, און אזוי ווען ס'קומט מארגן ארבעט דער יצר הרע אויף נאך נאר איינעם טאג. אבער זה לעמת זה ברויכן מיר ארבעטן אויך אויף נאר איין טאג, נישט קוקן אויף מארגן, און בלויז היינט, און שוין יעצט זיך זעצן לערנען.

פון די סאמע הויכפונקטן פונעם מייסטערהאפטיגן דרשה, איז געווען די גאר שטארקע דיבורים וואס ער האט נאכגעברענגט מפי ספרים וסופרים, איבער וואס תורה מאכט פון א מענטש, נאכדערצו ווען מ'לערנט מיט א קביעות יעדן טאג, און נישט קיין חילוק וואס מ'טוט אגאנצן טאג באגלייט עס אויפן איד, און דאס איז זיין חיות אנצוגיין ווען די מתיקות התורה איז עד אין לשער וערך.

דאן האט ער נאכגעברענגט א באקאנט ווארט פון די בעלי המוסר, אויף דעם וואס מ'מאכט די ברכה פון "וחיי עולם נטע בתוכינו" בלויז נאכן לערנען נאכן עולה זיין און נישט פארדעם, ווייל דאס איז פשט אז פארן לערנען "רעדט מען" נאר פונעם לערנען און ס'איז נישט א חלק פונעם איד, אבער נאכן לערנען ווערט דאס אן עצמיות פונעם מענטש, און דאס באגלייט אים שטענדיג, און דאס איז אויך א חלק פון די נקודה צו געדענקען לערנען אויב מ'נעמט דאס לערנען פאר אן עיקר, אז דאס זאל זיין דער פונדאמענט פונעם טאג.

די הפלא'דיגע ווערטער האט אריינגעדרינגען אין די הערצער פון די משתתפי הסיום, און האט געמאכט דעם ריכטיגן רושם וואס וועט זיי געוויס באגלייטן כל ימיהם, מיט די ריכטיגע עצות לקנין התורה ולקביעות עיתים ללמוד וללמד.

## קול ה' בהדר - דברות קודש פון כ"ק עט"ר מרן רבינו שליט"א

אצינד איז אנגעקומען דער געהויבענער מאמענט ווען מ'האט געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש ומשא המעמד פונעם מייסד ונשיא החבורה כבוד קדושת מרן רבינו עט"ר שליט"א.

דער רבי שליט"א האט אנגעהויבן זיינע דיבורים זאגנדיג אז מ'האט פריער געזינגען דעם ניגון "אחת שאלתי", און געפרעגט וואס איז פשט פון די בקשה פון "שבתי בבית ה' כל ימי חיי" ווען מ'דארף דאך טוהן אנדערע געברויכן זה בכה וזה בכה, און נאך א רייע קשיות בפרשיות השבוע. דער רבי האט בטוב טעם ודעת נאכגעברענגט הפלא'דיגע בחינות פון די ספרים הקדושים, און צווישן אנדערע נאכגעברענגט פונעם הייליגן ישמח משה וויאזוי תורה מאכט דעם איד אז אפילו ווען ער טוט זיינע גשמיות'דיגע געברויכן, באגלייט עס אים און העלפט אים ער זאל מצליח זיין בכל דרכיו, און ביישטיין אלע נסיונות הזמן.

א לענגערע צייט האט רבינו שליט"א ברגשי לב ארויסגעברענגט די הרגשים צוזעהנדיג אזויפיל אידן פון שטאט האבן זוכה געווען דורכצואקערן אזא שווערע מסכת, און עס קונה זיין בקנין גמור, און האט דערביי משמיע געווען דברי חיזוק אויף ווייטער אז מ'זאל קענען ווייטער זיצן און לערנען מיט א קביעות, און דאס זאל יעדן באגלייטן נישט קיין חילוק וואס מ'טוט אגאנצן טאג, אז מ'זאל האבן הצלחה גדולה ומרובה, און מ'זאל אויפציען הייליגע דורות יראים ושלמים על דרך התורה ומסורה, ואין לנו שיור רק התורה הזאת, און האט מסיים געווען מיט ברכת קדשו.

נאכ'ן דברות קודש האט מען פארטיילט די מתנה חשובה פאר די לומדים החשובים דעם "שפה ברורה" מסכת מנחות וואס הר"ר ר' משה שמילאוויטש שליט"א האט מנדב געווען לשמחת ולהנאת הלומדים.

פאר ברכת המזון האט דער יושב ראש אויסגערופן די נעמען פון די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש למען הרמת קרן התורה, און דערביי באגריסט די חשובער הנהלת חבורת זכרו פון וויליאמסבורג הר"ר פרץ בלוישטיין הי"ו, הר"ר זושא זעליג הי"ו, הר"ר יואל ווייס הי"ו, וועלכע האבן זיך משתתף געווען בליל זה בשמחת עיר קרית יטב לב. דערנאך האט ער אויסגערופן א ספעציעלער אנאנס אז א חשובער נדבן הרוצה בעילום שמו האט נארוואס געמאלדן אז לרגל די נייע מסכת מנחות גייט ער מנדב זיין אן עקסטערע "באונעס מתן שכרה בצידה" פאר נאך יעדע דריי בחינות וואס יעדער לומד גייט זיך פארהערן. די מודעה איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס חשיבות און הנאה.

הרה"ג דומ"ץ העיר שליט"א איז נתכבד געווארן מיט ברכת המזון, און דערנאך איז דער מעמד געשלאסן געווארן מיט די ריכטיגע באדייט פון כבוד התורה און חיזוק אנצוגיין ווייטער מיט די שטארקע קביעות און רצון צו לערנען על סדר החבורה, און אזוי ארום צו זוכה זיין צו ענדיגן פרישע מסכתות בעז"ה. דער ציבור איז זיך צוגאנגען מיט געהויבענע ליכטיגע געפילן און מיט א תפילה "כשם שעזרתנו לסיים מסכת זו, כן תעזרנו להתחיל ולסיים מסכתות אחרות, ללמול וללמד לשמור ולעשות ולקיים".

**אשרי עין ראתה שמחת עירינ"ו!**


זכרו
• תורת מש"ה •
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

לוח הלימודים

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא

פרשת כי תצא

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | יא. | ח: | קכ. |
| יום ב' | יא: | ט. | קכ: |
| יום ג' | יב. | ט: | מנחות |
| יום ד' | יב: | י. | ב: |
| יום ה' | יג. | י: | ג. |

בחינה א' במסכת מנחות
יתקיים אי"ה
יום א' פ' תבא

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרו • 718.387.1010

בס"ד

# ברוך המקדש שמו ברבים!

**בעמדינו אחרי הקאמפיין המוצלח שעלה לגדולה וכבוד בסייעתא דשמיא, וזכינו לפעול הרבה למען מוסדות התורה על טהרת הקודש בארה"ק, ולחלק משקל הטהור הרבה יותר ולמעלה מן המשוער על ידי אלפי הפדיונו"ת של אנ"ש הנכבדים, הננו מלאים ברגשי תודה וברכה לכל מי שעסקו למען הצלחתינו התשגבה**

## מתוך דב"ק של כ"ק מרן רבינו שליט"א

### במעמד קידוש ה' חלוקת המיליאן

"אשריכם גבורי החיל ומה טוב חלקכם, אז איר זענט זוכה לקדש זיין שם שמים ברבים, און וואיל איז די חלק פון די שותפים לדבר מצוה די אידן דא אין חוץ לארץ וואס שטרענגען זיך אן און שיקן גרויסע סכומים ווייל זיי ווילן האבן א חלק אין ענקער מסירות נפש אויף תורה הקדושה בטהרה, זיך מיר א זכיה אין אזא היילגן טאג צו קענען זיין שותפים אין דעם גרויסן קידוש השם."



# טנא מלא ברכות

לאלו עסקנים שעזרו ועסקו בלא ליאות למען הצלחת הקאמפיין

## הני עוסקין בצרכי ציבור באמונה

**וויליאמסבורג** הר"ר יודא אליעזר יאקאבאוויטש הי"ו מזכיר הקהילה, הר"ר זושא זעליג הי"ו מנהל התאחדות אברכים, הר"ר חיים יצחק מאנדל הי"ו אדמינאסטראטער דמוסדותינו הק' **קרית יואל** הר"ר יושע אליעזר שטיבער הי"ו מזכיר הקהילה, הר"ר אברהם יצחק הירש הי"ו **בארא פארק** הר"ר לוי יצחק שווימער הי"ו, **מאנסי** הר"ר שלום דוב כהן הי"ו, הר"ר יואל בנציון אייזיקאוויטש הי"ו, הר"ר יושע מרדכי לאנדא הי"ו **קרית יטב לב** הר"ר אלתר ראזנבערג הי"ו, הר"ר אלמליך בנציון מארקאוויטש הי"ו **לעיקוואוד** הר"ר שלמה זלמן האלצער הי"ו **מאנטריאל** הר"ר יעקב יושע ראזענבערג הי"ו, הר"ר דוב בער פאזען הי"ו **אנטווערפען** הר"ר יעקב פריעדמאן הי"ו

מוה"ר מענדל הערש ראזענבערג הי"ו מוה"ר אנטשיל וואלטער שליט"א מוה"ר יצחק שלמה לויפער הי"ו מוה"ר משה דוד אהרן לאנדא הי"ו מוה"ר משולם יאקאבאוויטש הי"ו מוה"ר יצחק גרינפעלד הי"ו מוה"ר ליפא קרויס הי"ו מוה"ר יוסף אלי' שלעזינגער הי"ו מוה"ר ישראל ארי מרגלית שליט"א מוה"ר סענדר פרענקל שליט"א מוה"ר ענזיל שטערן הי"ו מוה"ר ישי כ"ץ שליט"א מוה"ר אברהם צימערמאן הי"ו מוה"ר שמואל יאקאבאוויטש הי"ו מוה"ר יהוסף מענדלוויטש הי"ו מוה"ר יקתואל יצחק שישא הי"ו מוה"ר פישל פריינד הי"ו מוה"ר נחמן יצחק באנדא הי"ו מוה"ר מאיר מרגלית הי"ו מוה"ר יואל ברילל הי"ו מוה"ר יוסף מאיר הארוויטץ הי"ו מוה"ר זיידל קרויס הי"ו מוה"ר יעקב יצחק מאנדעל הי"ו מוה"ר יואל גראס הי"ו מוה"ר מענדל שטעסל הי"ו מוה"ר אליעזר יאזאפאוויטש הי"ו מוה"ר משה שמואל הכהן קאהן הי"ו מוה"ר מענדל הערש ראזענבערג הי"ו מוה"ר אלימליך ישי בערקאוויטש הי"ו מוה"ר אהרן טייטלבוים הי"ו מוה"ר עמרם בראך הי"ו מוה"ר אברהם לעפקאוויטש הי"ו מוה"ר אברהם שלום מענדלאוויטש שליט"א מוה"ר ברוך יצחק קליין הי"ו

מוה"ר אברהם יוסף יודא יאקאבאוויטש הי"ו מוה"ר שלמה יעקב הערמאן הי"ו מוה"ר ליפא בראווער הי"ו מוה"ר ארי' הערשקאוויטש הי"ו מוה"ר יצחק הערש הענדלער הי"ו מוה"ר הערשל שלעזינגער הי"ו מוה"ר אברהם נחמן מייזעלס הי"ו מוה"ר משולם פייש פערלמוטער הי"ו מוה"ר שלמה יואל גאלדשטיין הי"ו מוה"ר וואלף פליישמאן הי"ו מוה"ר וואלף בער לאווי הי"ו מוה"ר אברהם משה מייזעלס הי"ו מוה"ר טובי' הערש גראס הי"ו מוה"ר חיים מרדכי ראכליטץ הי"ו מוה"ר זלמן לייב מארקאוויטש הי"ו מוה"ר יואל עמרם הערמאן הי"ו מוה"ר אליעזר לויפער הי"ו מוה"ר אברהם ישעי' קאהן הי"ו מוה"ר אשר יוסף דאסקאל הי"ו מוה"ר משה לאנדא הי"ו מוה"ר ברוך בענדיט גרינפעלד הי"ו מוה"ר יואל גליק הי"ו מוה"ר הערש אלמליך גרינפעלד הי"ו מוה"ר אלי' בארלעוו הי"ו מוה"ר שלמה יאקאבאוויטש הי"ו מוה"ר יוסף כ"ץ הי"ו מוה"ר אברהם שטיין הי"ו מוה"ר בנימין רייך הי"ו מוה"ר מרדכי סטראלאוויטש הי"ו מוה"ר מענדל קליין הי"ו מוה"ר משה פאזען הי"ו מוה"ר משה שווארץ הי"ו מוה"ר יוסף אלי' ביקעל הי"ו מוה"ר אברהם נחמן מייזעלס הי"ו מוה"ר יחזקאל וויזנער הי"ו מוה"ר ליפא ברוין הי"ו מוה"ר יושע הערש פריעד הי"ו מוה"ר אליעזר אבא פריעד הי"ו מוה"ר שמואל מאיר גאנדעל הי"ו מוה"ר יעקב פריעדמאן הי"ו מוה"ר אברהם יצחק לאנדא הי"ו מוה"ר לייבוש כ"ץ הי"ו מוה"ר יחזקאל גרינפעלד הי"ו מוה"ר יואל היימאן הי"ו מוה"ר אברהם יוסף שטיינמעץ הי"ו מוה"ר אביגדור לאווי הי"ו מוה"ר יואל הערש שלעזינגער הי"ו מוה"ר אברהם הילל שווארץ הי"ו מוה"ר משה שווארץ הי"ו מוה"ר יוסף גוטמאן הי"ו מוה"ר שמואל יושע זיכערמאן הי"ו מוה"ר אברהם נידערמאן הי"ו מוה"ר אליעזר יואל פריעדמאן הי"ו

## הפירמעס שעמדו לימינו בכל עת ועונה לטובת הקאמפיין

**טעגליין גרופ** הר"ר שאול יחזקאל לאווי הי"ו, הר"ר יוסף פריעד הי"ו, **נעימה** הר"ר דוד שמואל קרומאן הי"ו **דער איד** הר"ר יושע הערש פריעדמאן הי"ו **וואכנשריפט** הר"ר נחום היימליך הי"ו **מערכת סאטמאר** הר"ר אייזיק דאסקאל הי"ו, הר"ר שלמה זלמן מאנן הי"ו **עת לכתוב** הר"ר יואל אהרן לעפקאוויטש הי"ו **יום ביומו** הר"ר חיים לייב קויפמאן הי"ו, **זיטעק סעלושנס** הר"ר זושא כ"ץ הי"ו

ימלא ה' כל משאלות לבכם לטובה, אשריכם שזכיתם להימנות בין הני נדיבי לב, ובזכות זה נזכה לכוט"ס אכי"ר

# תודה מיוחדת

# מוה"ר **שמעון יואל גרינפעלד** הי"ו
# מוה"ר **יצחק אלי' הלוי לאווי** הי"ו

הני תרי עסקנים חשובים שהנציחו בהצלחתו המרובה של הקאמפיין ועבדו לילות כימים בעבודת הקודש למען שקל הטהור

## מוה"ר **בנציון שלמה פאלאק** הי"ו

מנאמני בית כ"ק אדמו"ר שליט"א
שעמד לימינו בלב ונפש מסורה עד מאד

מוה"ר **זיידא ישראל נחמי' קרויס** הי"ו
שעבד לילות כימים למען חינוך הטהור

מוה"ר **משה יחזקאל פערלמוטער** הי"ו
שעמד בראש בעיר קרית יואל המעטירה

שמואל טייטלבוים
משב"ק

אהרן טייטלבוים
בן כ"ק אדמו"ר שליט"א



Tagline | 845.824.1600

קרית יואל וואכנשריפט

# אומפאַרגעסליכער מעמד 'תתחדש' ברענגט צונויף איבער 500 יונגע חדשים מעמבערס כ"י

קרית יואל. - די אַריבער 500 אברכי קרית יואל בליעה"ר, וועלכע האָבן זיך דאָס יאָר אָנגעשלאָסן אַלס פרישע "חדשים" מעמבער אין דער הייליגער "רופא חולים" אָרגאַניזאַציע, געפינען זיך נאָך אונטער דעם געהויבענעם רושם פון דעם הערליכן מעמד 'תתחדש' וואס איז פארגעקומען דעם פאַרלאָפענעם ליל שישי פ' ואתחנן- נחמו, אור ליום חמשה עשר באב, וואָס איז בלי ספק געווען דער הויכפונקט פון דעם היסטאָרישן און סוקסעספולן 'מחדש חדשים' קאמפיין וואָס איז געקרוינט געוואָרן מיט אן אויסטערלישע ערפאָלג בתוככי עירינו קרית יואל, למען חולי ישראל!

## ובהיכלו כולו אומר כבוד!

דער מעמד מרומם "תתחדש" איז ווירקליך געווען א יחיד במינה אין יעדן הינזיכט וואו מען האָט זיך דערקוויקט רוחניות פונקט ווי בגשמיות אין אַן אנגענעמע אטמאספערע, בשבת אחים גם יחד, דורכאויס די גאנצע צייט איז געלאפן א באזונדער- רייכע און אינהאלטסרייכע סדר הערב ביי עלעגאנט- באדעקטע טישן, מיט א פילפארביגע פראגראם און גייסטרייכע דרשות להחיות בהם נפש כל חי, צו אויסדרוקן אַ לויב געזאַנג פאר די טייערע הונדערטער שותפים וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן מיט אַ "חדשים ספאַנסער", צו ברענגען אַ רפואה שלימה פאר אונזערע ברודער און שוועסטער וועלכע קוקן אַזוי אַרויס דערויף.

דער מעמד איז אנגעפירט געווארן דורכ'ן באקאנטן פה מפיק מרגליות, הרב מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, וועלכער האט בנועם לשונו באגריסט די טייערע "חדשים" מעמבער וועלכע האָבן אַזוי האַרציג געענטפערט דעם רוף פון 'רופא חולים' און זיך אונטערגענומען פאראויס צו העלפן אינאיינעם די חולי ישראל. ער האט ספעציעל באדאנקט פאר די וואס האבן זיך אונטערגענומען פעימענטס אויף א קביעות'דיגן אופן דורך א קרעדיט קארד, כדי די מצות צדקה זאל זיין בשלימות.

דער מוזיקאלישער טייל פון די נאכט האט אנטהאלטן די שפאנענדע אויפטריט פון דעם וועלט בארימטן בעל מנגן ר' זאנוויל ווייינבערגער הי"ו פון ארה"ק, צוזאמען מיט דעם ילד הפלא מארה"ק בענצי קלצקין נ"י, וועלכער האט עלעקטעריזירט דעם ציבור בקולו הנעים בליעה"ר, אין באגלייטונג פון חברת שירה און די בארימטע 'יושע קאללער' בענד, וואָס האָבן איינגעהילט דעם זאל אין אן אטמאספערע פון געזאנג און טאלאנט, פילהארמאניש אַראָפּגעזינגען, וואס איז בלי ספק געווען פון די סאמע - הויכפונקטן פון דעם מעמד הנשגב.

## דבר הכרת הטוב: הרב הערשל קאהן שליט"א

אַ טאַפּנדע געפיל פון שעצונג און טיפע הרגשים האָט זיך געשפּירט ביי יעדן אנוועזענדער ווען מען האָט געהערט די רירנדע ווערטער פונעם מסירת נפש'דיגן מקים ומנהל פון "רופא חולים", הרבני החסיד מו"ה הערשל קאָהן שליט"א, וועלכער האט גערעדט אין אַ זעלטענע עמאָציאָנאַלע אויפטריט, אַרויסברענגענדיג אַלס שליח ציבור פון די חולי ישראל, זייער לויב געזאַנג פאר די הונדערטער פרישע און עקזיסטירנדע ספּאַנסערס וועלכע האָבן ערמעגליכט אַזאַ הצלחה שטייענדיג אין קריטישע צייט ווי היי יאר, ווען מ'האלט ליידער ביי איבער 3,600 חולי ישראל ה"י פון איבער די וועלט!

רבי הערשל שליט"א האט זיך באַזונדער באדאנקט פאר די קרית יואל'ער תומכים ועסקנים וועלכע האבן זיך אריינגעלייגט בגוף ובממון צו קענען צושטאנד ברענגען די הצלחה פון דעם גרויסן קאַמפּיין בעז"ה, און טיף געוואונטשן אַז דער גרויסער זכות זאל אַלעמען באַגלייטן מיט אייגענע נחת דקדושה פון די אייגענע קינדערלעך מתוך הרחבת הדעת וכל טוב.

מחדש חדשי"ם
חודש'ליכע ספאנסארשיפ קאמפיין















## משא הערב: הגה"צ אבד"ק לימנוב שליט"א

די הונדערטער פארזאמלטע האבן דאן געהאט די געלעגנהייט צו הערן דברי חכמים נשמעים בנחת פון האי נואם בחסד עליון, על ישראל הדרתו, הגה"צ אבד"ק לימנוב שליט"א, וועלכער האט אדרעסירט די געהויבענע נאכט בנועם העליון.

זייענדיג דער גרויסער נואם בחסד עליון און פה מפיק מרגליות, האט דער רב שליט"א מהנה געווען דעם ציבור הנאספים מנועם צוף אמריו, מיט א גלענצענדער אויפטריט וועלכע איז געקומען באגלייט מיט א שלל פון רעיונות און פתגמין קדישין מפי ספרים וסופרים, איבער דאס גרויסקייט פון די הייליגע צדקה פאר חולי ישראל,

## עמאָציאָנאַלע מאָמענטן מיט ר' זאנוויל וויינבערגער הי"ו

גאָר האַרציגע געפילן האָט זיך געשפירט אין זאַל ווען דער גאסט פון ארה"ק דער בעל מנגן ר' זאנוויל וויינבערגער איז ארויפגעקומען אויפ'ן פאדיום מיט אַ זעלטענע סורפרייז אויפטריט זיך באדאקענדיג ברגשי תודה בשם משפחתו, וואס רופא חולים האט בחסדי ה' געהאלפן אין גערעטעוועט איינע פון זיינע נאנטע געשוויסטער.

דערביי האט ער געהאט אן ערשטמאליגע באגעגעניש אויפ'ן פאדיום מיט ר' זושא לאווי הי"ו, דירעקטאר פון פאציענטן סערוויסעס פון RCCS, וועלכער האט פארציילט די אנדערע זייט פון די מעשה און אקצעפטירט דעם דאנק בשם הנהלת רופא חולים.

## מאן דמוסי"ף יוסיף!!!!

די חידוש פון די נאכט איז געווען דאס פייער וואס האט אויפגעפלאקערט, שלהבת עולה מאליה, ווען אויפ'ן רוף פונעם יושב ראש איז דער גאנצער זאל מיטאמאל געווארן איינגעהילט אינעם מעמד פון מאן דמוסיף, צו שאפן פרישע ספאנסארס פאר די 'קאו-פעי-קארטעלער' פון 'טויזנט דאלער' לשנה!

עס איז געווען א געוואלדיגע חיזוק פאר די הנהלה און שטאב פון רופא חולים צו זען דאס בילד ווי די עסקנים ארבעטן פיבערהאפטיג און די יונגעלייט קומען אנטקעגן ארויפצוגיין מיט זייער נדבה ביז א טויזנטער, איינס נאכ'ן צווייטן, ביז עס האט זיך געשאפן א סך הכל פון 63 ספאנסערס פאר די 'קא-פעי' קארטעלעך בליעה"ר.

דער פרעכטיגער מעמד האָט ווירקליך ריינגעבלאזן פולע עמערס אינספיראציע – גייסטיש ווי מאטעריאליש – צו די געטרייע הנהלה פון "רופא חולים" ממשיך צו זיין די עבודת הקודש, און עס האָט אָמבעסטן געברענגט צום אויסדרוק די גרויסע כוחות און ארבעט וואס די געטרייע עסקני קרית יואל האבן ארייגעלייגט במשך די פארלאפענע וואכן ביז מ'איז ב"ה אנגעקומען צו אַזאַ הערליכע הצלחה למעלה מן המשוער!

**קבועין כן תהוין בהנהו חבורתא!**




## 11 Meron

Well maintained 10 room apt top floor (only two flights flight up) private entrance big dining room and kitchen nice laundry room 16x12 deck brand new awning with many upgrades 3200 sq ft 6 bedroom 4 bath




## 23 Chevron

once in a lifetime, Truly spectacular new construction! Oversized 6-room apartment. Top floor, with unfinished attic. This apartment has been uniquely designed, upgraded, and customized just for you! spectacular panoramic views, a Nice big private play area for your kids safely to play. And much more




## 2 Oxford Depot

Looking for an investment opportunity? Look no further! This private house with a big barn is occupied by a tenant, making it a great investment opportunity. **Asking 289k only!!**

# For Sale:

- upgraded **7** room top floor apartment in the Meron area
- **8** room apt top floor on Lemberg
- **8** room apartment top floor on Rovna
- **6** room apt on Lemberg first floor
- **5** room apt first floor on Prag
- **10** room apt on Isreal Zupnick newly renovated with built-in sukkah and many upgrades
- **7** room apartment plus **4** room rental income on Satmar




## 10 Meron

Upgraded 7 room apartment! top floor, corner unit, with the option of a built-in sukkah! perfect condition ready to move in right away!

# For Rent:

- **private house** right next to woodbury Junction with fixed up basement inground pool private
- Brand new **private house** in woodbury junction available for 2-3 year lease
- **Private house** in Blooming Grove newly renovated
- **3 room** apt on Filmore
- **6 room** furnished apt sec 1 few months only
- **5** room apt on lemberg
- **4 room** apt in schinus Veyoel Moshe
- **6 room** apt schinus veyoel moshe sec 8 only one year lease
- A beautiful big house in Woodbury junction to rent monthly

HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

# HFA REALTY GROUP

The most trusted realty in קרית יואל והגלילות

**845.781.2410**

Sales@HFArealty.com

ext. 3 **משה יוסף פריעדמאן**
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 **מרדכי יואל אונגאר**
Cell 845-238-0039
Mordechai@hfarealty.com

כולל שומרי החומות
לצדקת רבי מאיר בעל הנס
ממלכת התורה והחסד אבי המוסדות ואם הצדקות

# אונזער — מסורה

די הייליגע מסורה פון אונזערע זיידעס און רבי'ס

הננו בזה להזמין מע"כ לבוא ולהשתתף אצל

## מגבית
# דינער השנתי

**בעיר קרית יטב לב**

להחזקת אבי המוסדות ואם הצדקות המסורה לנו מדור דור

**צדקת רבי מאיר בעל הנס**
**כולל שומרי החומות**

## ביחד עם עצרת הספד

למלאות השלשים לפטירת פאר הדור והדרו

**כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצ"ל**

נשיא כוללנו

## ב' פרשת כי תצא הבעל"ט

**ט' אלול תשפ"ב לפ"ק**

## באולם עטרת פעסיל לאה

**בשעה 8:30 בערב**

**כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א**
חבר נשיאות כוללינו
ישא מדברותיו בדברי הספד
ובגודל חיוב החזקת כוללינו

המחכים לקראת בואכם לשלום
**הנהלת צדקת רבי מאיר בעל הנס**
**כולל שומרי החומות**

### יו"ר המעמד

ידידינו השנון מורג חריץ בעל פיפיות
**הרב אברהם חיים ליפשיץ שליט"א**
מנהל ישיבה שערי תורה ויראה
– מחשובי תושבי עירינו

### דרשה נפלאה

ישמיעו ע"י פה מפיק מרגליות
**הרה"ג יחזקאל וייס שליט"א**
ר"מ ישיבת פאפא מאנסי

שינאום מדברותיו בנעימים בתוך
**"נואם הכבוד"**

### זכרונות ועובדות

הרה"ח הנדיב ר' **משה צבי לעבאוויטש** הי"ו
אב"י בקרית יואל
ימסור עדות נאמנה ממה שראה אצל א"ח הגה"ק גאב"ד ירושלים זצ"ל

### תשית לראשו עטרת פז

הרה"ח היקר והמפואר
**ר' יואל טייטלבוים** הי"ו
יוכתר בנזר גבאי קודש

## קומט פערזענליך צום דינער
און באקומט א הערליכע
## סי די פאר קינדער



א באס וועט פארן פון ביהמ"ד בית יהושע
און ביהמ"ד אור החיים:
10:15 – 9:45 – 9:30 – 9:15

אשארת תומתינו

חבר כנסת המינים פון רעליגיעזע פארטייען דעקט אויף:

# זיבעציג טויזנט חרדי׳שע אידן האבן נישט געשטומט ביי די לעצטע בחירות צום כנסת המינים

## אדאנק סוקסעספולע הסברה קאמפיין פון עסקני היהדות החרדית

אין די צייט וואס דער ציוניסטישער שלטון הכופר אין ארץ ישראל גרייט זיך צו די בעפארשטייענדע בחירות צום כנסת המינים, אנפאנג חודש חשון תשפ״ג, גייען נאכאנאנד אן העפטיגע רייבערייען צווישן די ׳אגודת ישראל׳ און ׳דגל התורה׳ פארטייען וועלכע לויפן געוועגליך צום כנסת המינים מיט איין פארטיי אונטערן נאמען ״יהדות התורה והשבת״.

די רייבערייען באציען זיך הויפטזעכליך, איבער דער פראגע פון ׳מי בראש?׳, ווער עס האט א גרעסערן ציבור און פאר וועמען עס קומט דעם ערשטן זיץ און ערשטע פאסטן, און ווי שטענדיג, פארשלייערט זיך יעדע פארטיי אין א כלומר׳שטע ׳אידישקייט׳ פארוואס זיי קריגן זיך יעצט...

אלס רעזולטאט פון די יעצטיגע רייבעריי, רינען ארויס סודות פון חדר, ווען פאריגע וואך איז שוין צום צווייטן מאל באשטעטיגט געווארן דורך א חבר כנסת המינים, דאסמאל פון ׳דגל התורה׳, אז לויט זייערע ליסטעס האבן אזויפיל ווי זיבעציג טויזנט חרדי״שע אידן נישט אנטייל גענומען אין די פארלאפענע בחירות צום כנסת המינים.

דער חבר כנסת המינים האט באטאנט אז דאסמאל וועלן זיי לייגן א שטארקער געוויכט צו ברענגען די מערסטע צאל וויילער צו די בחירות, און דערמיט העכערן זייער כח אין דעם ציוניסטישן כנסת המינים.



כ״ק מרן הגה״ק גאבד ירושלים זצוק״ל חתמ׳עט אויפן איסור אנטייל צו נעמען אין די גאסר׳טע בחירות

זה לעומת זה - זאגן די עסקני היהדות החרדית - טאמער האט מען פאריגע מאל באוויזן צו ראטעווען זיבעציג טויזנט חרדי״שע אידן וואס האבן נישט אנטייל גענומען ביי די גע׳אסר׳טע בחירות, וועט מען אי״ה דאס מאל אינוועסטירן שטארקערע כוחות מיט א גרעסערן הסברה קאמפיין, צו ראטעווען נאכמער אידן פון דעם איסור חמור.



איסור
מטעם כ״ק מרן הגאב״ד שליט״א
והרבנים הגאונים הבד״צ שליט״א
וכבר גלינו דעתינו דע״ת על זה כי
איסור גמור לכל בר ישראל
איש או אשה קטן וגדול שם הוא
לקחת חבל בבחירות באלה
כל מה שכתבתי בבחירות הקודמות בחומר האיסור
שלא להשתתף בבחירות נתברר אצלי עכשיו
יותר ויותר בחומר איסור הנורא ליקח חבל
ח״ו בבחירות הנוכחיות שלהם
יואל טייטלבוים

---

על טוהר המחנה:

# יהדות החרדית אטעמט אפ מיטן אפשטופן באלדיגע געפאר אויף כשר׳ע טעלעפאנען

מיט גרויס פארלייכטערונג האט דאס יהדות החרדית אין ארץ ישראל אויפגענומען די פריידיגע נייעס, אז דער ביטערע גזירה פון שלטון הכופר צו אנולירן דאס זעלבסטשטענדיגקייט פון כשר׳ע טעלעפאנען, איז אפגעשטופט געווארן אויף א האלבע יאר ארום, האפענטליך אז כיון דאידחי אידחי.

ווי באקאנט זענען די כשר׳ע טעלעפאנען אין ארץ ישראל, אונטער א פיקוח פון דער ׳ועד הרבנים לענייני תקשורת׳, וועלכע האבן א השגחה אויף אלע כשר׳ע טעלעפאנען, ווי צ.ב.ש. מען קען נישט ארויסרופן צו אומריינע האטליינס וכדו׳, און אז אלע כשר׳ע טעלעפאנען קען מען דערקענען דורך די ערשטע 5 נומערן.

דורכאויס דעם לעצטן יאר האט דער ציוניסטישער קאמוניקאציע מינסטער, באשלאסן צו אנולירן דאס זעלבסשטענדיגקייט פון די כשר׳ע טעלעפאנען, און דערמיט צווינגען מיט געוואלד חרדי״שע אידן צו האלטן אומ׳כשר׳ע טעלעפאנען און אויך גורם זיין אז מען זאל קענען האלטן נישט כשר׳ע טעלעפאנען מיטן דעזעגנירטע נומער כאילו ס׳איז א כשר׳ע טעלעפאן.

אין ליכט פון דער גזירה האט דער יהדות החרדית געקעמפט בדורון תפלה ומלחמה, און צענדליגער טויזנטער אידן האבן געחתמ׳עט אז זיי וועלן בכלל נישט האלטן קיין טעלעפאן טאמער וועט דער גזירה ארייגגיין אין קראפט.

דעם פארגאנגאנגענעם ער״ח מנחם אב תשפ״ב, בלויז דריי טעג בעפאר דער גזירה האט געזאלט מקויים ווערן, האט דאס ציוניסטישער געריכט געאורטיילט אפצושטופן דער גזירה מיט א האלבע יאר, האפענטליך אז כיון דאידחי אידחי, און דער גזירה וועט קיינמאל נתחדש ווערן.

בארצינו הקדושה
דער מצב

האלט מיט לעבעדיג
׳דער מצב׳ באהר״ק



קול זעקה
718.480.5349
ענגלאנד: 0.330.325.1203

קול האמונה
718.298.4754
ענגלאנד: 0.330.350.3180

קול ״מלחמת אש דת״
585.308.3281
ענגלאנד: 0.330.041.2851

נאך א פראבע צו שטערן די פראטעסטן:

# ציוניסטישע שטאט־ראט פאדערט 5,100,000 שקלים פון זיבעצן יונגעלייט פארן פראטעסטירן קעגן די 'רכבת הקלה' פלענער אין בר אילן געגענטס

אין א פרעצעדענטלאזע שריט האט דער 'מוריה' קאמפאני פון די ציוניסטישער שטאט-ראט אין ירושלים אנגעגעבן א ציווילע קלאגע קעגן זיבעצן יונגעלייט וועלכע האבן אנטייל גענומען ביי די פראטעסטן קעגן די אנגייענדע ארבעט פון די קאמפאני פאר'ן 'רכבת הקלה' באן אין בר אילן געגענט אין ירושלים עיר הקודש.

דער קלאגע פאדערט פון יעדן יונגערמאן אזויפיל ווי דריי הונדערט טויזנט שקלים, פארן שטערן די בוי ארבעט, און דאס איז אין צוגאב צו ענליכע קלאגעס וואס דער שטאט-ראט האט שוין אנגעגעבן מיט עטליכע חדשים צוריק קעגן זעקס יונגעלייט, ווען דער סך הכל פון די דריי און צוואנציג קלאגעס צוזאמען באטרעפט דער אסטראנאמישער ציפער פון זעקס מיליאן און ניין הונדערט טויזנט שקלים.

די עסקני 'הועד למען אסירי ציון', האבן זיך אריינגעווארפן אין דער קעיס, און וועלן מיט'ן אויבערשטנס הילף פארטרעטן די יונגעלייט אין געריכט, האפענטליך אז די לעכערליכע קלאגעס וועלן צעבלאזן ווערן, נעמליך ס'איז זינלאז צו פאדערן אזעלכע סומעס פארן בלויז פראטעסטירן, ווען ס'איז נישטא קיין באווייז אז זיי האבן גורם געווען גרויסע שאדנס.

אין אנדערע נייעס, האבן די פאליציי אויך אנגעפאנגען צו אנגעבן קרימינאלע קלאגעס קעגן פראטעסטירטער אין בר אילן, און אויך דאס וועט אי"ה אפגעשלאגן ווערן דורך דער 'הועד למען אסירי ציון'.

גלייכצייטיג האבן די עסקני 'הועד למען קדושת ירושלים', אויפגענומען א נייער לאיער וואס זאל קעמפן אויפן לעגאלער פראנט קעגן די אנגייענדע ארבעט אין בר אילן געגענט, און עס איז דער וואונטש פונעם יהדות החרדית אז חפץ ה' בידם יצליח.



התדרדרות עד היכן?

# טרויעריגע סצענע ווען חסידישע בחורים לופטערן זיך אויס מיט פאליציי'אישע שאו־פארשטעלונג

אויך דאסמאל איז דאס ליידער בחורים פון די אלטגעזעסענע פורצי גדר פון דער בעלזער קרייז

ציוניסטישע פאליציי מעלדט פאר די מידיא: "דער 'יום משטרה' העלפט שטארק מיטן צוזאמברענגען די פארשידענע קולטורן אינערהאלב דער מדינה"







דער בלאט די מעכטיגע וואכנשריפט



# סאטמאר קרית יואל גייט אויף ארויף.

פאזיטיווע ווינטן בלאזן, יעדער שפירט: **ס'איז א 'תקופת העולים'!**


כולל
סאטמאר קרית יואל
תקופת
העולים
סאטמאר קרית יואל עולה ומתעלה
אלול · תשרי · חשון תשפ"ג
דער הויכפונקט פון די מאסיווע בליאונג פון "סאטמאר קרית יואל", איז **דער הייליגער כולל וואס דערהייבט זיך** און איז מרבה כבוד התורה אלס מער און מער, זייענדיג **דער פראכט פון די קהילה, דער שטאלץ פון די שטאט.**
מ'העכערט תמיכות פאר לומדי תורה
מען ענדיגט פרישע ריזן מקצועות
תורתי שותפים העכערן זייער תמיכה
כולל
סאטמאר קרית יואל
זכות
תורתי
יספיק לאחרים הלומדים, ותחשב כאילו לומד בעצמו
$31
לשבוע

# געזען און געהערט

אינטערעסאנטע נאטיצן און פיקאנטע אנעקדאטן

## א ליכטיגער שבת ביים ירושלים'ער רב זצ"ל • חלק ד'

### נס ההצלה

עס זענען אריבער צוויי יאר. אין תרצ"ט האבן שווארצע וואלקענעס באדעקט די הימלען פון די אייראפעאישע אידנטום, אריינגערעכנט אלע אידישע קהילות איבער גאנץ סלאוואקיי.

"אום שבת זענען די דייטשן ימ"ש אריינגעקומען קיין פעזינג", דערציילט דער גאב"ד. עס דערקענט זיך אויף אים אז די ווערטער זענען איינגעקריצט ביי אים אין הארצן, ווי זיי וואלטן הערשט נעכטן פאסירט. "צוערשט זענען זיי אריין אינעם בית-הכנסת, און דערנאך אין מיין טאטנ'ס הויז - וואס איז געווען דער נאנטסטער שטוב צו דעם בית-המדרש. זיי האבן ארויסגענומען מיין טאטן הי"ד פון הויז. די דייטשע רוצחים ימ"ש האבן אנגעשטעלט זייערע געווער אין זיין ריכטונג, פארלאנגענדיג פון אים ער זאל זיי איבערטייטשן אויף דייטש אלע נעמען פון די גע'הרג'עטע וואס זענען געווען אויסגעקריצט אויפ'ן בוים, ארום דעם טויער פונעם בית-הכנסת. אויך דעם נוסח פונעם דאווענען וואס איז אויסגעקריצט געווען אויפ'ן טאוול, האבן זיי אים געצווינגען איבערצוטייטשן פאר זיי.

"מיין טאטע זצ"ל האט נישט געהאט קיין ברירה. ער האט איבערגעטייטשט די אויפשריפטן, ווען מיין מאמע הי"ד און די אנדערע שטוב-מיטגלידער, און איך צווישן זיי, שטייען מיט ציטער און שרעק אז מען זאל אים נישט שיסן. ווען דער טאטע האט זיי געזאגט אז די קדושים זענען פארברענט געווארן לעבעדיגערהייט, האבן די נאציס ימ"ש געענטפערט פאר מיין טאטן - מיט זייער שרעקליכע רשעות וואס איז נאך דאן נישט אזוי באוואוסט געווען: "מיר, די דייטשע, פארברענען נישט; מיר הרג'ענען באלד, דורך שיסן."

"דער קלארער ווארענונג אויף מיין טאטנ'ס לעבן איז געמאכט געווארן, טראץ די געשרייען און וויינערייען פון מיין מאמע עליה השלום, וועלכע האט זיך געבעטן ביי זיי אז זיי זאלן אפלאזן איר מאן און איר משפחה. 'צען קינדער האב איך געבוירן, און זיי דארפן האבן זייער טאטן', האט מיין מאמע געשריגן מיט יללות. אבער פארשטייט זיך אז אלע געבעטן זענען געפאלן אויף פארשטאפטע אויערן פון די דייטשע רשעים ימח שמם.

"איך געדענק אז נאכדעם האט מען גענומען אלע חשוב'ע לייט פון די שטאט און די ראשי-הקהל, און מען האט זיי געצווינגען ארויסצושלעפן די טישן און בענק פונעם בית-הכנסת, זיי צעברעכן און פארברענען אינדרויסן פון שטאט. אין יענעם שבת נאכמיטאג איז די בית-הכנסת אונטערגעצינדן געווארן. מיין טאטנ'ס משפחה איז דאן געזעסן ביי דער שבת'דיגער סעודה, אונטער א שווערע טראומא פון שטיין קעגן די אויסגעשטרעקטע רעוואלווער וואס איז געווען אנגעשטעלט צו מיין טאטנ'ס קאפ. אבער ווען מיר האבן געהערט אז דער ארון-הקודש איז אין פלאמען, זענען אלע געלאפן ראטעווען די ספרי-תורה און זיי ארויסנעמען פון צווישן די פלאמען.

"מיינע ברידער זענען אריינגעשפרינגען אין דעם ברענעדיגן בית-הכנסת, און זיי אליין האבן געראטעוועט צוואנציג ספרי-תורה פונעם ארון-הקודש. אלע זענען אריינגעברענגט געווארן צו מיינע עלטערן אין שטוב. איך געדענק אז ווען איך בין דאס לעצטע מאל ארויסגעגאנגען פון מיינע עלטערנ'ס שטוב, האב איך נאך געזען דעם קאַסטן שטיין דארט אינדערזייט, מיט די הייליגע ספרי-תורה אין איר."

יענעם מוצאי שבת זענען די דייטשע רציחות געקומען צו א הויכפונקט. די ראשי-קהילה זענען גערופן געווארן זיך צו שטעלן פאר די עס-עס סאלדאטן. ווען זיי זענען געקומען, זענען אלע געשלאגן געווארן מכות רצח, אן קיין שום אורזאך. דעם בארד פונעם רב, מהרי"ל שילל, האט מען מיט כח ארויסגעריסן פון אים, מיט א זעלטענער און אומבאשרייבליכער אכזריות. אויך דעם אויפציטערנדען סצענע געדענקט דער ירושלים'ער רב.

דער גאב"ד פון די עדה-החרדית דערציילט זיינע איבערלעבענישן, ווי עס וואלט נעכטן פאסירט. "זונטאג צופרי האט מען געשיקט מיר, א קליין יונגל, צו די דערנעבנדיגע שטאט פרעשבורג, וואו עס האט זיך געפונען א צענטראלער קהילה, און דארט איז געווען אן אפיס פון די 'התאחדות הקהילות'. מיין אויפגאבע איז געווען צו מעלדן פאר די ראשי-קהילה איבער די צרות און אומגליקן וואס האט באטראפן פעזינג.

"ווען איך בין אנגעקומען קיין פרעשבורג, האב איך געפונען דעם סעקרעטאר פון די ועד, זיין נאמען איז געווען 'שווארץ', און ער האט מיר מיט גרויס צער געזאגט: 'ס'איז נישטא וואס צו טון. גארנישט קען זיך קעגנשטעלן די דייטשן' אבער דאן האט יענער סעקרעטאר מיר אריינגעמורמלט אין אויערן: 'עס שליסט זיך יעצט א ליסטע פון צען סלאוואקישע קינדער וועלכע וועלן אריבערגעפירט ווערן קיין לאנדאן. אויב ווילסטו געראטעוועט ווערן, דארפסטו זיך שוין יעצט איינמעלדן ביי די 'ועד הקהילה' און מעלדן אז דו ווילסט עמיגרירן קיין לאנדאן."

דאס איז געווען עטוואס פאר פסח. אזוי איז אויסגעטרעטן געווארן דער וועג פאר די הצלה פון דער וואס וועט יארן שפעטער געקרוינט ווערן אלס גאב"ד פון דער עדה-החרדית. צוערשט האט דער יונגער יצחק טוביה ווייס נישט מצליח געווען זיך אריינצוריקן אין די ליסטע פון די אנטלאפענע בחורים. דער רשימה, וועלכעס האט געמעגט אריינעמען בלויז צען מענטשן, איז שוין געווען פארמאכט. נאר דאן האט זיך איין קינד ארויסגעריקט דערפון, נאכדעם וואס זיין מאמע האט זיך בארעכנט אין די לעצטע מינוט און נישט ערלויבט איר קינד מיטצופארן, און דער קליינער ווייס איז ארויף אויף די ליסטע אנשטאט אים.

"אין יאר תשס"ט", האט דער גאב"ד דערציילט, "האב איך זיך געטראפן מיט אַן עלטערער מאן, א קאנאדישער איינוואוינער, וועלכער האט מיט התרגשות מיר דערציילט אז ער איז דאס קינד וואס האט זיך אין די לעצטע מינוט ארויסגעצויגן פון די ליסטע. אים איז אויף אנדערע וועגן געלונגען ארויסצוקומען לעבעדיג פון צווישן די נאצישע נעגל, און ער האט איבערגעלעבט די מלחמה אויף א ווונדערליכן אופן, און אויך אויפגעשטעלט שפעטער א בית נאמן בישראל. איך האב געזען דערין דעם יד השם: וויבאלד עס איז אויף אים נגזר געווארן צו געראטעוועט ווערן - האט דער באשעפער געגעבן א וועג אים צו ראטעווען."






אויפ'ן וועג קיין לאנדאן, האט דער רבי יצחק טוביה געווײלט פאר עטליכע וואכן אין פרעשבורג, נאנט צו פעזינג. ווען ער איז אנגעקומען, איז שוין דער שטאטס-רב, רבי עקיבא סופר זצ"ל בעל 'דעת סופר', געווען אנטלאפן פון שטאט. ער האט צוערשט געווײלט אין שווייץ, און שפעטער איז ער ארויפגעגאנגען קיין ארץ-ישראל. "ווען איך בין אריבערגעגאנגען נעבן דעם פארלאזטן הויז פונעם רב," דערציילט דער גאב"ד, "האב איך געפונען אויפ'ן טיר אַן אויפשריפט אין דויטש: "Akiva, wo bist du?" ("עקיבא, וואו ביסטו?") די ווערטער האבן די דייטשע ימ"ש ארויפגעשריבן, נאכדעם וואס זיי האבן געזען אז דעם רב'ס הויז איז שוין פארלאזט, און די משפחה געפונט זיך שוין נישט דארט.

נאך דער יום-טוב שבועות תרצ"ט, איז די קינדער-טראנספארט אנגעקומען קיין לאנדאן.

## תפילין פונעם קאלעך-אויוון

דעם שבת פון זיין בר-מצוה האט דער גאב"ד געפראוועט אינאיינעם מיט די ניין קינדער פון די 'קינדער טראנספארט', אינעם הויז פון אן ענגלישע גויטע וועלכע האט אריינגענומען צו זיך די קינדער און זיי געהאלטן ביי זיך אין שטוב. דער געפיל פון זיין אזוי ווייט פון זיין שטוב און פון זיינע עלטערן האט אים זייער צעבראכן. דער ידיעה אז א ביטערער גורל ווארט זיי אפ, האט אראפגעקלאפט זיין געמיט. און דער פאקט אז דער טאג פון זיין בר- מצוה טוט ער פראווען אין א אפגעפרעמדעטע הויז פון א בריטישע גוי, האט אים געשאפט א שרעקליכער געפיל.

"איך האב דארט געהאט אסאך נסיונות", איז דער גאב"ד מעיד יארן שפעטער. "מיר זענען געווען אויסגעהונגערט, און די באלעבאסטע האט פרובירט אונז צו געבן עסן טריפה'נע מאכלים. איך האב אכטונג געגעבן אויף אלע קינדער, וועלכע זענען געווען יונגער פון מיר, אז זיי זאלן נישט געשטרויכלט ווערן און קיינער פון זיי זאלן נישט אריינגעמען אין מויל מאכלות אסורות. איך האב געווארנט די גויאישע פרוי, אז זי זאל אונז בשום אופן נישט דערלאנגען קיין פלייש.

"עס האט זיך געפונען דארט א קינד, א זון פון א באוואוסטער שוחט אין פרעשבורג. איינמאל האט אים די שרעקליכע הונגער כמעט געזיגט, און ער האט שוין מסכים געווען צו טועם זיין פון די פלייש. איך בין צוגעגאנגען צו אים און מיט טרערן אים געזאגט: 'דיין טאטע האט זיך מוסר נפש געווען און געווידמעט זיין גאנצער לעבן צו געבן פאר אידן כשר'ע פלייש, און דו גייסט עסן טריפות?!' דאס קינד האט זיך געבראכן, און געראטעוועט געווארן פון מאכלות אסורות.

"עס איז אונז זייער שווער געווען ביי די גויים", זאגט דער גאב"ד איבער. "איך האב געשיקט א בריוו צו דעם סאסובער רבי'ן, אז ער זאל אונז קומען ראטעווען. און ווען עס איז אריבער א קורצע צייט איז ער אנגעקומען און אונז גענומען צו זיך. זינט דאן בין איך אויפגעצויגן געווארן ביי אים".

דער איינציגער ספר וואס דער גאב"ד האט געקריגן צו זיין בר-מצוה איז געווען א 'קיצור שלחן-ערוך', וועלכעס איז אנגעקומען צו אים. פאר לאנגע וואכן האט ער זיך געפלאגט אין דעם ספר, ביז ער האט עס געקענט אויף אויסנווייניג. דאס זענען געווען די ערשטע טריט פון דעם צוקונפטיגן גאון התורה. אויך תפילין איז אנגעקומען צו אים אויף א ווואונדערליכן אופן, פון זיין טאטע וועלכער האט געווײלט אין אַן ארבעטס-לאגער. יארן שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט, אז א טאג איידער דער טאטע איז פארברענט געווארן, האט ער אים געשיקט דעם פאר תפילין, מיט די הילף פון די 'רויטע קרייץ'. ווען די תפילין זענען אנגעקומען, זענען ביידע פון זיינע עלטערן שוין געווען ארויפגעגאנגען במעלות קדושים וטהורים.

*

זיין עיקר תורה האט דער ירושלימ'ער רב שליט"א קונה געווען אין דער ישיבה פון הגאון רבי משה שניידער זצ"ל. טראצדעם וואס ער האט זיך געפונען צווישן נאך גרויסע לייבן, האט זיך דער בחור'ל פון פעזינג ארויסגעשטעלט מיט א זעלטענער התמדה. צווישן אנדערע, איז זיין חבר ביים לערנען געווען דער גרויסער גאון רבי משה שטערנבוך שליט"א, וועלכער וועט יארן שפעטער דינען צו זיין זייט אלס דער ראב"ד פון ירושלים, און זיין ברודער הגאון רבי אליהו שטערנבוך שליט"א, וועלכער וועט דינען מיט אים אלס דער דיין פון קהל מחזיקי הדת אין אנטווערפען.



"אין לאנדאן", דערציילט דער גאב"ד ביי דעם שבת-טיש, "האבן נישט געפעלט קיין מענטשן פארוועמען דער ישיבה פון הרב שניידער איז געווען ווי א דארן אין זייער אויג. ספעציעל זענען דאס געווען די פארשטייער פון די ציוניסטישע באוועגונג וועלכע איז פארשפרייט געווען אין אייראפע. איין טאג זענען די זארגן פארווירקליכט געווארן, און מיר האבן געקריגן א בריוו פון די אינסטאנצן אין לאנדאן, מיט א באפעל אפצושפארן די ישיבה ביז צען טעג. מיין רבי האט אויסגערופן אין ישיבה, אז מיר האבן 'עשרת ימי תשובה', ווען מיר קענען זיך אויסבעטן אז די גזירה זאל בטל ווערן. אין איינע פון די פיינפולע טעג האבן מיר געקריגן א טעלעגראם פון הגה"צ רבי משה יצחק סגל, דער מאנטשעסטער ראש-ישיבה, וואו ער אפעלירט אז מיר זאלן יעדן טאג זאגן קאפיטל כ' אין תהלים. ערב שבת נאכמיטאג האבן מיר געקריגן א בשורה, אז דער גזירה איז בטל געווארן. בעפאר מנחה פון ערב שבת האבן מיר אלע געזאגט הלל אן א ברכה".

וויאזוי האט דער נס פאסירט? דער גאב"ד ווייזט פאר די אנוועזנדע א בריוו וואס זיין רבי האט געשריבן פאר די רבנים אין ארץ ישראל, וואו ער וויקלט אויף דעם גאנצן פרשה. דעם בריוו ענדיגט הרב סגל מיט דעם פאלגענדן זאץ: "און אט האט דער באשעפער אונטערגעשיקט נאך א גרויסע נס, אז עס האט זיך אפגעפונען א גויאישע פרוי וועלכע איז געווען א סעקרעטארין אין א אידישער פאבריק, און זי האט געהאט א שייכות מיט איינער פון די מיניסטארן, און זי איז געגאנגען און גע'שתדל'ט פאר די ישיבה און זי האט געזאגט אז זי איז גרייט אוועקצוגעבן איר גאנצער פארמעגן פאר מיינעטוועגן, אויב עס קומט ארויס דערפון א מכשול ח"ו, און ממילא איז די גזירה בטל געווארן".

נאך זיין חתונה האט ער זיך אומגעקערט קיין געיטסהעד פאר עטליכע יאר. אויך דאן האט נישט אפגעווארט פאר'ן גאב"ד א לייכטער לעבן. זיין תורה האט ער איינגעהאנדלט מיט גרויסע יסורים, און ער - באהבת התורה ישגה תמיד. זיינע ערשטע יארן אלס יונגערמאן זענען געווען פול מיט פערזענליכע ליידן און שוועריגקייטן, און אין יענער גאנצער תקופה איז דער תורה געווען זיין איינציגער טרייסט. אזוי איז ער געשטיגן און דערהויבן געווארן, ביז זיין נאמען איז באוואוסט געווארן אלס איינער פון די גדולים אויף דער וועלט.

עס זענען אריבער עטליכע יאר, און דער גאב"ד האט זיך אומגעקערט קיין לאנדאן, וואו ער איז שוין זייער באוואוסט געווארן. ער איז אנגענומען געווארן אלס ראש-ישיבה אין דער ישיבה פון הגאון רבי אליקים שלעזינגער, און אויך האט ער אנגעהויבן

בית הוראה
קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# זמני בית הוראה

לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

משעה 9:00 עד 10:00 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 10:00 עד 12:00 לפנצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:00 עד 12:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 8:30 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 8:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

משעה 3:00 עד שעה 6:00
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

24 שעה הוראה ליין:
845.783.5688 #3

לכל עניני בית הוראה יכולין לפנות
להרה"ג ר' משה יואל מאשקאוויטש שליט"א
יו"ר הנהלת בית הוראה
845.248.8879

פסק'ענען שאלות. רבי שלמה בוימגארטן, דער נשיא פון 'כולל שומרי החומות', האט אים באשטימט אלס דער רב פונעם בית-הכנסת 'עץ חיים - נוסח ספרד', אין לאנדאן. אביסל שפעטער האט ער זיך געצויגן קיין אנטווערפען, און איז אויפגענומען געווארן אלס דער ראש-ישיבה אין דער ישיבה 'עץ חיים - ווילרייק'. אין יאר תשכ"ז איז ער באשטימט געווארן אלס דער דיין פון קהילת 'מחזיקי הדת', און ער האט אנגעהויבן אוועקשטעלן די יסודות פון כשרות אין שטאט.

ווען הגאון רבי חיים קרייזווירטה זצ"ל, דער רב פון קהילת מחזיקי-הדת, איז אנגעפרעגט געווארן וויאזוי ער ערלויבט זיך אזויפיל ארומצופארן די וועלט פאר זיינע צדקה-וחסד אקטיוויטעטן, האט ער געענטפערט אז ער פארלאזט זיך אויפ'ן דיין הגאון רבי יצחק טובי' ווייס, וועלכער פירט אין זיין אפוועזנהייט אלע רוחניות'דיגע אנגעלעגנהייטן פון די קהילה. אין אלע יארן וואס ער האט געוואוינט אין אנטווערפען, האט ער געדאווענט אין די גורער שטיבל, וואו ער האט געדינט אלס רב פון די קהילה, כאטש וואס עס איז נישט געווען אפיציעל.

דער שבת-צופרי סעודה ענדיגט זיך, צוויי- און-א-האלב שעה נאכדעם וואס זי האט זיך אנגעהויבן. גלייך נאכ'ן בענטשן ווענדט זיך דער גאב"ד צו א זייטיגע שטיבל, און ווערט פארזינקען אין זיין לערנען. יעצט וועט ער זיך צוגרייטן די דברי תורה, געפלאכטן מיט אקטועלע טעמעס און דברים העומדים על הפרק, וואס וועלן געזאגט ווערן ביי דער סעודה פון שלש סעודות. "קיינמאל האב איך זיך נישט אראפגעלייגט שלאפן נאכמיטאג", האט ער אמאל געזאגט פאר זיין משמש.

## יעמוד לימין אביון

אום ראש-חודש ניסן תשס"ד האט זיך אנגעהויבן א נייער תקופה אין די עדה-החרדית. אין באשיידענע און שטילע וואלן וואס איז פארגעקומען צווישן די הנהלה פון די 'עדה', איז דער אנטווערפענער דיין אויסגעקליבן געווארן צו דינען אלס דער גאב"ד פון די עדה החרדית. עטליכע טעג דערויף זענען ערשינען ביי אים אין שטוב א דעלעגאציע פון עסקנים, וועלכע האבן אים פארגעשלאגן דעם פאסטן. עטליכע וואכן דערויף זענען שווארץ געווען די גאסן פון ירושלים, מיט א פייערדיגע קבלת-פנים פאר דעם נייעם רב.

שטייענדיג הינטער'ן גאב"ד ביי דעם תפילה פון פרייטאג-צונאכטס, קומט אויפ'ן געדאנק דער באוואוסטער ווארט: פארוואס זאגט מען פרייטאג-צונאכטס ביי מעריב 'הפורש סוכות שלום עלינו, ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים'? פארוואס עפעס איז ירושלים מער ווי אלע אנדערע? נאר דער ערקלערונג דערויף איז, אז ירושלים נויטיגט זיך אין א באזונדערע ברכה אויף 'שלום'. די ירושלים'ער אידן זענען געוואוינט צו וויכוחים און חילוקי דעות, וואס קומען פון עקשנות און אייגענע מיינונגען. דעריבער זענען איר פראבלעמען מער קאמפליצירט פון יעדע אנדערע ארט אויף דער וועלט, און די פונאנדערגעשיידטע פארטייען נויטיגן זיך אין א ספעציעלע ברכה אויף שלום.

די ערשטע יארן פון די הנהגה זענען געווען שטילע. שפעטער זענען אנגעקומען א רייע פון שטורמישע טעמעס וואס האבן באפאלן דעם יהדות החרדית בכלל און די עדה החרדית בפרט: די פרשה פון 'האם המרעיבה' - א פרוי פון קהל תולדות-אהרן וועמענ'ס זון איז געווען אין שפיטאל, און מען האט איר באשולדיגט אז זי האט אויסגעשאלטערט פון אים די מאשינען ווען די דאקטוירים האבן נישט געזען, און אזוי אויך אים נישט געגעבן גענוג עסן, ביז ער איז געווארן הויט-און-ביין - וואו דער גאב"ד האט געקעמפט ווי א לייב קעגן די רעגירונג. שפעטער איז געקומען דער 'קרתא' שטורעם - א פארקינג-לאט וואס די ירושלים'ער שטאטראט האט געעפנט אום שבת און האט געפירט צו א שטראם פון הפגנות. שפעטער איז אנגעקומען דער פראבלעם איבער די קברים-גראבונגען. ביי אלע פון זיי האט זיך ארויסגעצייגט דער פשרה'לאזער פירערשאפט פונעם גאב"ד, וועלכער קווענקלט נישט זיך ארויסצולאזן אין א שווערן קאמף קעגן די ארטיגע רעגירונג. זיין שטארקער כאראקטער האט אלעמען איבערגעלאזט געפלעפט. מיט זיין הכתרה זענען געווען אזעלכע וואס האבן געטראכט, אז דער פרישער גאב"ד וואס איז געקרוינט געווארן אלס פירער פון די עדה החרדית, ברענגט מיט זיך בלויז א רואיגער און געלאסענער הנהגה.

"דער גאב"ד איז א געשוואוירענער חסיד פונעם אמת", ערקלערן די פירער פון די עדה-החרדית. "ווען ער טרעפט סיי-וועלכע פארקרימטקייט, אדער א פירצה אינעם 'חומת הדת', איז ער גרייט ארויסצוגיין בחרב ובחנית, ביז דאס וועט פארראכטן ווערן".

"אין דער תקופה פון דער שטורעם איבער דעם 'קרתא' פארקינג-לאט, איז דער שטאטישער מעיאר געקומען אויף א באזוך צום גאב"ד אין שטוב. דער גאב"ד האט אים געזאגט: 'איך שרעק זיך נישט פון קיין מענטש. אויב וועט עס אויספעלן, וועל איך ארויסברענגען מענטשן אויף דער גאס אפילו פאר פופציג שבתים'.

אין צוגאב דערצו האט דער גאון רבי יצחק טובי' ווייס איבערראשט די אנהענגער פונעם 'עדה החרדית', מיט זיין גרייטקייט צו רעדן מיט שרים, פאליציי באאמטע און רעגירונגס פארשטייער. די פאליציי קאמאנדירן פון די ירושלים'ער געגנט זענען געוואוינט געווען אריינצוגיין צו אים אין שטוב, צוריקצוהאלטן שטורמישע הפגנות אויף א וועג פון דיפלאמאטישע באציאונגען. יעדע ערב יום-טוב זענען די פאליטיקאנטן פונעם געגנט ארויפגעקומען צום גאב"ד נעמען א 'ברכת החג'. די פארבינדונגען מיט די העכערע פאליציי באאמטע זענען אויסגענוצט געווארן





אויף צו באפרייען די אידן וועלכע זענען ארעסטירט געווארן ביי די הפגנות, און אפצוהאלטן שריט וואס שטימען נישט מיט די השקפה פון די עדה החרדית. דער איינפירכץ איז אפגעשטעלט געווארן נאכדעם וואס דער משמש פונעם גאב"ד, הרב עמרם שפירא, איז מיט א צייט צוריק ארעסטירט געווארן מיט א מאדנע קלאגע. דער גאב"ד איז טיף געטשעפעט געווארן דערפון, און ער האט זיך דאן אויסגעדריקט: "זיי מיינען נישט רבי עמרם; זיי מיינען מיר!" דאן זענען די פארבינדונגען אפגעהאקט געווארן. זינט דאן, וויל ער מער נישט זען די בלוי-געקליידעטע פארשוינען.

וויאזוי שטימען די אלע רעגירונג באגעגענישן מיט די אנטשלאסענע אנטי-ציוני שיטה פון די עדה-החרדית? די מקורבים פונעם גאב"ד ערקלערן, אז דער רב איז מכבד די רעגירונגס באאמטע, מיטן ציל ארויסצונעמען דערפון א טובה פאר ציבור. "ווען מען האט ארעסטירט א יונגערמאן נישט לאנג צוריק, האט דער גאב"ד געשיקט א שליח צו דעם נשיא פון דער מדינה. יענער האט אפילו רעאגירט צו דעם גאב"ד'ס ווענדונג. ביי יענע פאל איז דער גאב"ד געפארן צום הויז פון הרב לאו אין תל-אביב. מיר האבן אים געפרעגט צי ער האט נישט קיין פראבלעם צי גיין צו א פערזענליכקייט וועלכער שטעלט זיך ארויס מיט די 'רבנות הראשית' - און ער האט רעאגירט, אז פאר פדיון-שבויים מעג מען אלעס.

דער גאב"ד רעדט זיבן שפראכן. אויסער לשון-הקודש און אידיש, רעדט ער אויך ענגליש, פלעמיש, דויטש, טשעכיש און אונגאריש. "ווען עס האט זיך געטון איבער די לימודי-חול אין אנטווערפען", דערציילט איינער פון די תלמידים, "איז געקומען צו אים איינער פון זיינע קעגנער און האט זיך געטשעפעט מיט אים: 'צי האט דער מלאך מיכאל געלערנט מיט אייך ענגליש?' אבער דער אמת איז, אז די אלע שפראכן האט ער זיך אליין אויסגעלערנט, וואוינענדיג אין אייראפע".

דער ענין פון שלום-בית איז שטארק איינגעקריצט אינעם זעל פונעם גאב"ד העדה-החרדית, וועלכער איז גרייט זיך אנצושטרענגען איבער די מענטשליכע כוחות צוריקצוקערן שלום אין אידישע שטיבער. נישט לאנג צוריק זענען געקומען צו אים מורי צדק מטעם די עדה החרדית, און געברענגט פאר אים א מאדעל פון א בנין 'בית הוראה' וואס זיי ווילן בויען, וואו פרויען זאלן קענען קומען אנפרעגן שאלות דורך א גלאז, דורך וואו די מו"צים וועלן הערן די שאלות. דער גאב"ד איז אויפגעציטערט געווארן פון דעם געדאנק. ער האט זיי געזאגט, אז "א מורה הוראה וואס קען נישט רעדן מיט א פרוי - טאר נישט משמש זיין בהוראה".

נאך א סוגיא וואס ווערט פאררעכנט גאר חשוב ביי דעם גאב"ד עדה החרדית, איז דער פשרה'לאזער מלחמה אז יעדעס יונגל זאל אנגענומען ווערן אין תלמוד-תורה און יעדעס מיידל אין א שולע אדער סעמינאר. נאך פון זיינע יונגע יארן אלס רב אין אנטווערפן, און נאכמער זינט ער האט אנגעהויבן דינען אין ירושלים אלס רב - קעמפט ער א מעכטיגער קאמף וואו ער זעט נאר אביסל דיסקרימינאציע, אפגעזען וועלכע סארט. ער שטעלט זיך קעגן מיט'ן גאנצן קעגנערשאפט צו די געדאנקען פון א חדר אדער ישיבה פאר 'עילויים און מצויינים', פון 'געלט' אדער אויב טוט מען דורכזיפן די תלמידים איבער טעמעס וואס זענען בכלל נישט נוגע. א מנהל וואס וועט זיך וואגן אויפצוברענגען פאר אים א טענה פאר'ן טובה פון דער מוסד - וועט קריגן קאלטס-און-ווארעמס פונעם גאב"ד. "ווער האט דיר געזאגט אז דו דארפסט טראכטן איבער דעם טובה פון דיין מוסד און נישט איבער דעם טובה פון א אידישע יונגעלע וואס וויל לערנען תורה?!" וועט ער אנשרייען אזא מנהל, און זיך פולקאם שטעלן אויפ'ן זייט פון דעם ארעמאן.

אין ירושלים ווייסט יעדע טאטע וואס מוטשעט זיך ארייינצושטעלן זיינע קינדער אין פאסיגע מוסדות, אז ווען ער וועט ארויפגיין צום שטוב פון דעם גאב"ד העדה-החרדית, וועט ער טרעפן אַן אפענע אויער, און נישט נאר דאס, נאר אויב איז די רעכט מיט אים, וועט דער גאב"ד זיך אנגארטלען און נישט רוען ביז ווען דער אומרעכט וועט פארראכטן ווערן. "מוסדות החינוך זענען ווי שפיטעלער", טוט ער ציטירן פון איינעם פון זיינע רביים אין לאנדאן. "אזוי ווי אין א שפיטאל וועט קיינמאל נישט איינפאלן צו מאכן א סעלעקציע וועלכע חולה אנצונעמען, אזוי אויך ביי א מוסד פון חינוך טאר מען נישט מאכן קיינע סעלעקציעס ביים אננעמען פרישע תלמידים".

## רעווא דרעוין

פערציג מינוט בעפאר 'שקיעת החמה', גייט דער גאב"ד ארויס פון זיין שטוב. ארום געדעקטע טישן, ווארט אויף אים א קאלירפולע ציבור. אין די קומענדיגע צוויי שעה וועט דא געפראוועט ווערן דער 'סעודה שלישית' אין שפיץ פונעם גאב"ד, ברוב עם. א גרויסע צאל קומט זיך דא צוזאם. רוב פון די אנוועזנדע געהערן צו עטליכע חסיד'ישע הויפן. א גרויסע טייל קומט פון חוץ לארץ, אייראפעאישע אידן וועלכע קומען זען דעם גדול התורה, וועלכער איז געקומען פון בעלגיע.

אויב דער פרייטאג-צונאכטס טיש זעט אויס ווי א ירושלימ'ער שטיבל, איז דער שלש-סעודות מער אויפ'ן חסיד'ישן, אייראפעאישן שטייגער, און זעט אויס ווי נאכקאפירט פונעם גורער שטיבל אין אנטווערפן. עס זענען נישט אנוועזנד יעצט קיין סאך ירושלימ'ער אידן.

דער גאב"ד אליין ליינט אין די תורה ביי מנחה. זיין ליינען איז מיט א שטארקע דקדוק, וועלכעס איז נישט צוגעפאסט פאר די חוץ-לארץ אידן. יעדעס טראפ קריגט זיין פאסיגער ארט. די כללים ווערן ערפילט מיט א שלימות, ווען זיי ווערן ארויסגעזאגט פון דעם ירושלימ'ער רב, וועלכער פירט זיך יעצט כמעט-גענצליך ווי א חסיד'ישער רבי.

נאכ'ן זיך וואשן די הענט, זעצן זיך צו זיינע זייטן מורי צדק און רבנים פון ירושלים און פון אייראפע. די שבת'דיגע זמירות ווערן געזינגען ווי ביי א חסיד'ישער טיש. דערנאך קומט דער צייט פאר די וועכנטליכע דרשה - וואס איז געווענליך געווידמעט צו די אקטועלע טעמעס פון יענער צייט. דעם שבת רעדט דער גאב"ד איבער די וויכטיגקייט זיך צו דערווייטערן פון די ציונ'סטישע השפעות.

"ווען די ציוניסטישע באוועגונג האט זיך אנגעהויבן", זאגט ער, "האבן מענטשן געטראכט אז דאס איז דער אנהויב פון דער ישועה. קעגן זיי זענען געשטאנען אסאך גדולי ישראל, וועלכע האבן אויסגערופן אז די ציונות איז א שורש פורה ראש ולענה. היינט זעען מיר דאס קלאר. מען דארף זיך צושטעלן צו דעם רוף פון 'מי להשם אלי', און זיך צוריקהאלטן פון סיי וועלכע בארירונג מיט זיי".

דריי שטערנס פינקלען שוין לאנג אויף די הימל. דער 'רבינו תם' זמן איז שוין אויך אריבער. בעפאר'ן גאב"ד שלענגלט זיך א רייע פון אידן, וועלכע ווילן קריגן א ווארעמע ברכה פאר "א גוטע וואך". דער גאב"ד ענטפערט זיי אלע און בענטשט זיי מיט א לעכטיג פנים.

אן ענגע גרופע פון די משפחה-מיטגלידער גייען נאך אים אין שטוב אריין. "א גוטע וואך", ענטפאנגט ער זיין רעבעצין, די עזר-כנגדו. די ליכט און די בשמים זענען גרייט, און דער גאב"ד מאכט הבדלה בין קודש לחול. ער באמערקט אין א פאטאגראפירער וואס מאכט בילדער אן אויפהער, און ער פרעגט מיט א פאטערליכער שמייכל: "אלו דברים שאין להם שיעור?" ער געזעגנט זיך פון אונז מיט 'א גוטע וואך'.

נאך א קורצע סעודת מלוה-מלכה, וועט ער אפשאקלען די ברעקלעך פון זיינע קליידער, און זיך איילן צו זיינע וויכטיגע ענינים, אנהייבנדיג א נייע וואך פון אנפירן די וויכטיגע אנגעלעגנהייטן פון די עדה-החרדית.

- ענדע -

בס"ד
ON FILE
TAX & ACCOUNTING
יעקב דוב כהן
845.751.3355
845.751.3356
Info@OnFileAccounting.com
Our Services:
✓ Corporation/LLC Set Up
✓ Sales Tax Filing
✓ Payroll Filing
✓ Corporate Returns
✓ Individual Returns
✓ Tax Planning
✓ Non For Profits
✓ Congregations



בס"ד
קהל ייטב לב סאטמאר
קרית יואל
ישמח מש"ה במתנת חלקו
מתוך שמחה וחדוה לה' אשר כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו, הננו בזה להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, ברכת מזלא טבא
אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, כביר הפעלים בהכשר ויתרון, ברוך הכשרון, רב מוכתר בנימוסין
מש"ה שפיר קאמרת ובחכמה פותח שערים ודברים, מאי"ד לארץ ולדדים בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם
הרבני הנגיד הנכבד, נדיב לב ועושה חסד רודף צדקה
איש חי ורב פעלים לכל דבר שבקדושה
בר אבהן ובר אוריין, מוכתר בכל מדה נכונה
מוה"ר
משה מאיר טייטלבוים
הי"ו
מפארי הנדיבים בעם בקרב קהלתינו הק'
נדיב חדר בית שמעון בבית המדרש הגדול
ועומד במשנה עוז ברוח נדיבה להרים קרן קהלתינו הק'
להרחיב גבולי הקדושה וטהרה בכל עת ועידן
מזל טוב, נחת לרוב!
ובכן הננו מברכים לו ברכת חמה ולבבית
לרגל השמחה השורה במעונו
באירוסי בתו למזל טוב
עב"ג החתן המו"מ בתורה ויראה,
החתן יוסף שאול נ"י
בן מחותנו היקר, הרב הגאון, מורה ודאין, כש"ת
רבי יואל פאשעקס שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק' – וויליאמסבורג
ומיטב איחולינו צרופות לפניו, שיזכה להצליח בכל דרכיו, בדין הוא שיטול שכרו, ויזכה לראות רב
נחת כגפן פורחת, מתוך רב נחת ותענוג דקדושה והרחבת הדעת, ויזכה לילך מחיל אל חיל, לראות
ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, שכרו הרבה מאוד על פי פעליו, בכל אשר יפנה יהי' עמו ה' אלקיו,
וזכות רבינו הקדוש זי"ע מייסד קהלתינו הק' יגן עליו ועלינו להמשיך ביתר שאת ועוז בחינוך בנינו
ודורותינו בדרכו הטהורה, מתוך תענוג שמחה ונחת, עד ביאת גואל צדק, בב"א.
כה דברי המברכים מעומק הלב
הנהלת הקהלה

בס"ד



# זכרון
• תורת מש"ה •

לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל

מוסר • ש"ס • הלכה

• קרית יואל •

# הבחינה ראשונה
## במס' מנחות

יתקיים ברוב עם הדרת מלך
בהתאסף המוני לומדי חבורתינו ותלמודם בידם

## ביום א' תבא
הבעל"ט

## בבית מדרשינו הגדול
בשעה 7:30

יום הבחינה ממשמש ובא!

חלוקת הבחינה עד שעה 8:25

חזרת הבחינה עד שעה 8:50 בדיוק

חבורת
לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון מסכת מנחות
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

לימודי החודש
מס' מנחות: ב. - י"ב:

חזרת החודש
מס' זבחים: ק"ת. - ק"כ:

הפך בה והפך בה ומינה לא תזוע







# יומא דהילולא קדישא פון מרן רבינו הקדוש זי"ע געפראוועט מיט גרויס דערהויבענקייט אין אלע סניפי המוסדות

## ישיבה קטנה ח"א, סניף הרה"ג רבי יואל מארקאוויטש שליט"א

די תלמידי ישיבה קטנה (ח"א) וואס איז קוואַרטירט אינעם קרית הישיבה אין ניו ווינדזאָר, האבן מיט גרויס דערהויבנקייט אָפּגעראָכטן דעם גרויסן טאָג, יומא דהילולא קדישא, וואָס איז אַריבער מיט אַ התעלות בתורה ובתפלה.

נאָך דעם פאַרמיטאָג סדר מיט גרויס התמדה, האָט מען זיך געוואַשן צו רייך געדעקטע טישן, ביי דער יאָרצייט סעודה וואָס איז אָפּגעראָכטן געווארן אין די ראַמען פון די באַקאַנטע "חבורת ירושת הצדיק", וואָס איז פועל גדולות ונצורות, צו מרבה זיין דאס לערנען ספרי רבינו הק' איבער דער גאנצער וועלט, ובפרט אין דער ישיבה וואו אַ גרויסער ציבור בחורים זענען אָנגעשלאָסן אין די הייליגע מסגרת פון לימוד משנתו של רביה"ק זי"ע.

דער מנהל החבורה, העסקן הדגול מו"ה יואל אהרן שווארטץ הי"ו, האט געעפענט דעם מעמד, און דאן האט די חשובע בחורים געהערט א הערליכע אויפטריט פון הרב יעקב שפירא שליט"א רב ביהמ"ד בעיסוואָטער, אַ פלומעניק פון הרבנית הצדיקת ע"ה, וועלכער האָט אין לויף פון אַריבער א שעה צייט אַרומגערעדט דברים נפלאים איבער דעם הייליגן רבי'נס גדלות אין אַלע ג' עמודי העולם און איבער זיין הייליגע שיטה וואָס ער האָט אונז מנחיל געווען מיט אַזאַ קלאָרקייט, ולאורו נסע ונלך עד ביאת הגואל.

נאכמיטאג זענען די תלמידים ארויף פוקד זיין דעם ציון אינאיינעם מיט כ"ק רבינו שליט"א און תלמידי ישיבתינו הקדושות מכל רחבי ניו יאָרק.

## ישיבה קטנה ח"ב, סניף הרה"ג רבי חיים הערש שפירא שליט"א

דינסטאָג אינדערפרי, בעצם יומא דהילולא קדישא, איז געפּראַוועט געוואָרן אַ התרוממות'דיגער לחיים נאָכ'ן דאַווענען, אינאיינעם מיט הרה"ג רבי לייבוש דייטש שליט"א, וואָס האָט מעלה געווען זכרונו הטהור פון רביה"ק זי"ע בקרב די בחורים.

די תלמידים האָבן אינאיינעם געזינגען די הייליגע ניגוני התעוררות מבית מדרשו של רבינו און דערנאָך האָט הרה"ג רבי לייבוש שליט"א מעורר געווען די הערצער מיט אַ געוואַלדיגע ווארימקייט און מיט ריכטיגע דברי הכנה איידער מען גייט עולה זיין זיך צו משתטח זיין אויפ'ן ציון הק' און איבער דעם חיוב וואָס ליגט אויף אונז צו עוסק זיין אין דעם הייליגן רבי'נס ספרים וואָס איז אונזער שמירה אין דעם דור פון עקבתא דמשיחא.

הרה"ג רבי לייבוש שליט"א איז אייגנטליך נישט קיין גאַסט בקרב ישיבתינו הק', זינט די הנהלת הישיבה האָט איינגעשטעלט דאָס יאָר אַ סדר, אַז יעדן אינדערפרי האָבן די בחורים פון אַן אַנדערע סניף די געלעגנהייט צו הערן אַ שיעור פון דעם חשוב'ן מגיד מישרים, וועלכער קומט אַריבער בין כותלי הישיבה משמיע צו זיין אמרותיו בנעימים מיט דעם אש קודש פון ספרי מוסר וחסידות וספרי רביה"ק זי"ע.

דאָס יאָר האָבן די תלמידי הישיבה געהאַט אַ באַזונדערן שייכות מיט'ן יומא דהילולא קדישא, ווען פילע בחורים האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו זאַמלען צדקה געלט פאַר'ן גרויסן "פדיונינו" קאַמפּיין, צו אַרויסהעלפן די הייליגע צדקה פון דעם מגן חינוך הטהור כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואָס איז ב"ה אַזוי שטאַרק מרומם דעם חינוך הטהור, כמשאת נפשו רביה"ק זי"ע.

אין ישיבה קטנה ח"ב פיגורירט אויך מיט פראַכט די חבורת "ירושת הצדיק" וואָס שליסט אן די תלמידי הישיבה צו זיין דבוק און שטענדיג לערנען די ספרים הק' וואָס דער רבי האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה, זיך צו קענען קלאַמערן צו די ריינע אמונה ובדרכיו הקדושים. תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו.

## ישיבה לצעירים: סניף הרה"ג רבי אברהם חיים ליפשיטץ שליט"א

דינסטאג אינדערפרי, ביומא דהילולא קדישא כ"ו אב, האָבן די תלמידי הישיבה אַנטפאַנגען דעם דערהויבענעם גאַסט, וועלכער איז פאַרבעטן געוואָרן אויף די בקשה פונעם מנהל שליט"א, ה"ה הרה"ג רבי לייבוש פריעדמאן שליט"א, דומ"ץ בית מדרשינו הגדול אין וויליאמסבורג, וועלכער איז אַריבערגעקומען צו ווייլן מיט די בחורים אין דעם יומא דהילולא.

מען האָט געדאַוונט תפלת שחרית מיט אַ געוואַלדיגע התרוממות הנפש, און באַלד נאָכ'ן דאַווענען איז פאָרגעקומען אַ מעמד לחיים אין דעם היכל הישיבה, וואו מען האָט זיך געוואונטשן אַז זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו צו ווערן געבענטשט מיט אַלע השפעות טובות.

דער מנהל, הרה"ג ר' אברהם חיים ליפּשיץ שליט"א, האָט דאַן מכבד געווען דעם חשוב'ן דיין שליט"א וואָס האָט אַ לענגערע צייט אַרומגערעדט גאָר יסודות'דיגע ווערטער, מיט הערליכע ענינים און הדרכות פון רבינו הק' זי"ע וואָס איז נוגע פאר יונגע בחורים, פון וואָס ער האָט אליינס צוגעזען בימי נעוריו און וואָס ער האָט מקבל געווען מכלי ראשון, פון יבלחט"א זיין גרויסן פאָטער, כ"ק מרן הראב"ד דקהלתינו זצ"ל.

אַריבער אַ שעה צייט זענען די תלמידי הישיבה געזיצן ווי צוגעשמידט צו די ערטער, הערנדיג מיט אַ געוואַלדיגע ערנסטקייט די וואַרימע ווערטער פונעם דיין שליט"א וואָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ גרויסע רגש, ווען ער האָט זיך צעוויינט עטליכע מאָל אינמיטן שילדערן די הייליגע עבודה פון אבינו רועינו זי"ע שלא כדרך הטבע און משנתו הטהורה וואָס באַגלייט אונז ביז משיח'ס טאָג.

אין די שפעטע נאכמיטאג שעות זענען די תלמידים ארויף צום ציון הק' , אין שפּיץ פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וואו מען האט אינאיינעם מתפּלל געוואָרן פאר ישועות ורפואות למען הכלל והפּרט.

## תלמוד תורה כתות ז' ח' ט'; סניף הרה"ג רבי שמעון שמואל שווארטץ שליט"א

דער גרויסער טאָג בין כותלי התלמוד תורה האָט זיך אנגעהויבן מיט א פייערדיגע תפילת שחרית כראוי וכיאות באתריה דמר. איידער מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען האָט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט א פייערדיגע דרשה במשנתו פון רבינו הקדוש זי"ע, ארויסברענגענדיג פאר די קינדער בתוך הדברים אז דער הייליגער רבי זי"ע האט אונז איבערגעלאזט א ירושה לדורות, זיינע הייליגע ספרים, און זיינע הייליגע וועגן, און ווען מיר לערנען דאס, און מיר גייען אין זיינע וועגן, ווערן מיר גערופן זיינע תלמידים, אפילו מיר האבן דעם רבי'ן נישט געקענט.

דער מנהל האָט דערמאַנט די געוואלדיגע כח און זכי' וואס עס פאַרמאָגן די תינוקות של בית רבן וואס לערנען אין דעם רבי'נס מוסדות, זיי זענען דעם רבי'נס קינדער וואָס דאַרפן אָנהאַלטן די מסורה און די הייליגע וועגן וואס רבינו הקדוש זי"ע האט אונז געלערנט.

## פת שחרית

תיכף נאכן דאווענען האבן זיך די קינדער געוואשן צו פרישטאג אין היכל ביהמ"ד ברך משה, (צוליב וואס דער ריזן עס זאל איז שוין געווען געעפענט, והיו המשכן אחד אַלס אַ היכל אדיר צוגערישט פאַר'ן שלחן הטהור פון רבינו שליט"א שפעטער נאכמיטאג). במשך פון פרישטאג האט דער מנהל שליט"א א לענגערע צייט מאריך געווען מיט סיפורים ועובדות פון רבינו הקדוש זי"ע.

דערנאך זענען עטליכע תלמידים שיחי' אַרויפגעקומען דערציילן ערשטהאַנטיגע סיפּורי וענינים וואָס זיי האָבן געהערט פון זייערע עלטערן אָדער זיידעס וואס האבן דאס אליינס בייגעוואוינט. עס האָבן אויפגעטרעטן הילד כמר וואלף ב"ר נתנאל פריעדמאן הי"ו, הילד כמר אברהם ב"ר יואל פריעדמאן הי"ו, הילד כמר יוסף שלום בן הר"ר חנני' גראסמאן הי"ו, הילד כמר וואלף בער ב"ר יואל טייטלבוים הי"ו.

## הרה"ח ר' שלמה יוסף וואלדמאן שליט"א - יושב ראש קרן הצלה

ארום 12:30 מיטאג זענען די הונדערטער תלמידים אריין אין ביהמ"ד וואו מען האָט געהערט א פלאמפייערדיגע דרשה במשנתו פון הייליגען רבי'ן זי"ע, דורך הרה"ח ר' שלמה יוסף

וואלדמאן שליט"א, יושב ראש מוסד הקדוש קרן הצלה, וואָס איז שוין אַקטיוו אין דער עבודת הקודש מאז התייסדותה בשנת תשל"ח, ווען ער איז שוין דאַן געווען אַ געטרייער סאָלדאַט פאר רביה"ק זי"ע, אויסצופירן יעדע שליחות און עסקנות לטובת די מוסדות הקדושים עטה"ק בארץ הקודש.

ר' שלמה יוסף שליט"א האט פאר די קינדער ארויסגעברענגט דאס גדלות פון רבי'ן זי"ע, זיין געוואלדיגע מסירת נפש כל ימיו לוחם צו זיין איבער דער שרעקליכע קליפה פון ציונות מיט אלע אירע נאכווייען, אבער לעומת זה דאס געוואלדיגע ליבשאפט צו יעדן איד, וואס סיי וואס אימער א איד האט געדארפט האט אים דער רבי אים ארויסגעהאלפן מיט זיין גרעניצלאזע אהבת ישראל, נישט קיין חילוק ווי ווייט דער איד איז געשטאַנען מיט'ן רבי'נס דעת תורה.

אזוי אויך האט ר' שלמה יוסף געשילדערט די געוואלדיגע מסירת נפש וואס דער רבי זי"ע האט געהאט ח"ו נישט משנה צו זיין פון מסורת האבות. וואָס דאָס דארף זיין אונזער לימוד ביומא דהילולא קדישא דיליה אנצוהאלטן די מסורת האבות בשלימות בלי שום שינוי.

קרוב צו א שעה צייט האט רבי שלמה יוסף שליט"א געהאלטן די קינדער געשפאנט מיט זיינע וואַרימע ווערטער ארויסברענגענדיג פעולות צדיק לחיים, און אונזער קשר וואס מיר קענען האבן מיט'ן רבי'ן זי"ע ווען מיר גייען אין זיינע הייליגע דרכים.

## סעודת הילולא וסיום ששה סדרי משנה

אום 2:30 מיטאג זענען די הונדערטער קינדער פון כתות ז' ח' ט' אריינגעקומען אין היכל ביהמ"ד ברך משה ווי מען האָט זיך געוואשן צו דעם גרויסארטיגען סעודת הילולא רבתי, בראשות פון די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א.

אין לויף פון דער סעודה האט דער מנהל שליט"א פאַרציילט שיינע ענינים בגודל קדושתו וצדקתו פון רביה"ק בעל הילולא זי"ע און מען האָט געזונגען אינאיינעם ניגוני התעוררות מבית מדרשו של רבינו זי"ע.

דערנאך האבן איינער פון די חשוב'ע תלמידים שליט"א געמאכט דער "סיום" און דעם "הדרן" אויף ששה סדרי משנה וואס איז צעטיילט געוואָרן צווישן די טייערע קינדער, לעילו נשמת מרן רבינו הקדוש יואל בן מרן חנני' יו"ט זי"ע.

דאן האט דער מנהל שליט"א אנגעפאנגען מיט'ן פארקויפן די זכותים פונעם טאג. וואס אלע זכותים זענען פארקויפט געווארן פאר צענדליגע שעות פון לימוד ברציפות, וואס דער ילד / בחור הקונה האט זיך אינטערגענומען אויף במשך די קומענדיגע צוויי וואכן.

מען האָט פאַרקויפט דעם זכות פון אנצינדען די צוויי גרויסע ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, דעם זכות פון זאָגן דעם הדרן אויף ששה סדרי משנה, און דער זכות פון ברכת המזון, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר גרויסע ציפערן פון לימוד התורה ברציפות!

יה"ר אז דער זכות פון רבינו הקדוש מייסד מוסדותינו זאל מגין זיין אויף די אלע תלמידים וואס לערנען אין זיינע מוסדות צו קענען ממשיך זיין זיינע הייליגע וועגן וואס ער האט מיט אונז געלערנט עד ביאת הגואל.

## תלמוד תורה כתות ד' ה' ו'; סניף הרה"ג רבי ישראל מאיר ראזענבערג שליט"א

לרגל דעם יומא דהילולא קדישא זענען די תלמידים זיך צוזאַמגעקומען אין דעם בית המדרש וואו דער מנהל שליט"א האָט אַרומגערעדט איבער דעם תוקף קדושת היום און איבער אונזער שייכות מיט'ן הייליגן רבי'ן זי"ע.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה הרה"ח ר' יצחק אהרן ווייס הי"ו מפארי אנ"ש, וועלכער האט פארציילט זכרונות און מעשיות וואס ער האט אליינס מיטגעלעבט בהלו נרו על ראשנו. די קינדער האבן זיך צוגעהערט מיט שפּאַנונג און אינטערעסע.

מען האָט דאַן געזונגען אינאיינעם די תוכנ'פולע ניגונים פון הרה"ח רבי יו"ט ערליך ע"ה וועלכע שילדערט מיט זיינע חרוזים וויאַזוי עס האָט אויסגעקוקט די עבודה פון רביה"ק זי"ע, און שפּילט אויף די געגועים צו דעם צדיק אמת, צו פאַרבלייבן דבוק במשנתו הק' עד ביאת הגואל.

## תלמוד תורה כתות א' ב' ג'; סניף הרה"ג רבי לוי חיים שפיטצער שליט"א

שוין אין די טעג און וואָכן בעפאָר די יומא דהילולא קדישא זענען שוין די יונגע קינדער אָנגעוואַרעמט געוואָרן מיט שיינע דרשות זיי צוצוגרייטן צו די יאָרצייט. באַזונדער האָט מען דורכגעפירט אַ אייגנאַרטיגן קאַמפּיין צו איינבאַקן אין זייערע ריינע הערצער דעם געפיל פאַר דעם רבי'נס קאַסע, די קופּת הקודש שקל הטהור, להחזקת החינוך הטהור בארה"ק.

די קינדער האָבן טאַקע געברענגט פון שטוב קליינע סכומים, ופרוטה פרוטה מצטרפת לחשבון גדול, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן לידו פון רבינו שליט"א, ווי באַריכטעט באַזונדער אין דעם היינטיגן נומער.

לרגל די יאָרצייט איז ערשינען אַ ספּעציעלע קונטרס מיט געקליבענע אינטערעסאַנטע מעשיות פון רביה"ק זי"ע בימי ילדותו וואָס איז פאַרטיילט געוואָרן פאַר די קינדערלעך, מיט אַ געוואַלדיגע מוסר השכל זיך צו לערנען דערפון און מיט אַ הייליגע פייער צו פאָרזעצן זיין הייליגע וועגן.

## בית רחל:

אויך צווישן די ווענט פון דעם בית רחל האָט מען אין אַלע קלאַסן און אָפּטיילונגען אויפגעטרעטן פאר די מיידלעך מיט הערליכע דרשות און שיינע ענינים, איבער וואָס מיר דאַרפן זיך אָפּלערנען פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע, צו גייך אין זיינע וועגן און פאָלגן וואָס ער האָט אונז געלערנט אַלע יאָרן מיט אַזויפיל בלוט און טרערן.

ביי די עלטערע תלמידות איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע גאָר אינהאַלטסרייכע פּראָגראַם, וואו מען האָט זיך איינגעטיילט צו אויסזאָגן גאנץ ספר תהלים און די מיידלעך האָבן זיך אונטערגענומען אומצאָליגע קבלות טובות, לרגל דעם גרויסן טאָג פון די יאָרצייט, לעילו נשמתו פון רביה"ק זי"ע.

---

# ישיבה תורה ויראה ויואל משה דרבינו יואל ד'סאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בס"ד

לכבוד די חשובע עלטערן הע"י – כתות א' ב' ג'

מיר ווילן מעלדן פאר די חשובע עלטערן שיחי', אז לכ' די הילולא פון רביה"ק זי"ע מאכן מיר א קאמפיין ביי די קינדערלעך צו ברענגען געלט פאר די הייליגע קאסע **"שקל הטהור"** וואס גיט תמיכה פאר די מוסדות הק' אין ארץ ישראל וואס זענען נישט נהנה פון די מדינה הטמאה, כדאי אריינצוברענגען אין די קינדערלעך חשק פאר די גרויסע מצוה פון צדקה, און ווי אויך די גרויסע זכי' פון שטיצן די ערליכע מוסדות אין ארץ ישראל, וואס פירן די הייליגע מלחמה לה' בעמלק, וואס ווי באקאנט האט זיך די הייליגע רבי זצ"ל מוסר נפש געווען אויף די ענינים,

**די טייערע קינדערלעך וועלן קענען ברענגען געלט אין חדר, ביז א דאללער, וואס וועט ווערן צוזאם גענומען, און וועט אי"ה איבערגעגעבן ווערן פאר רבינו שליט"א נשיא ומייסד הקופה, ווען רבינו שליט"א וועט בעז"ה קומען באזוכן די קינדער די קומענדיגע וואך,**

די אויבערשטער זאל העלפן, אז בזכות זה זאלן מיר שוין בקרוב אויסגעלייזט ווערן, אזוי ווי רביה"ק האט געזאגט ביי די גרינדונג פון קרן הצלה אז **"ווען משיח וועט קומען וועט ער וויזן מיט די פינגער דעס זענען די אידן וואס האבן מקרב געווען די גאולה שלימה" בב"א**





**הנהלה**

די פראגראם איז געווידמעט לע"נ מרן רביהקוה"ט זי"ע

רבינו **יואל** בן רבינו **חנני' יו"ט ליפא** זצוקלה"ה

ולע"נ הגה"צ ר' **משה מנחם** בן הר"ר **משה מנחם** ז"ל

---

בס"ד

## לוח הזמנים לעיר קרית יואל שופטים - כי תצא תשפ"ב

| Day Month | צאת הכוכבים ר"ת | שקיעת החמה | הדלקת הנרות | פלג המנחה מג"א | מנחה קטנה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה גדולה מג"א | חצות היום | סוף זמן תפלה גר"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן ק"ש מג"א | הנץ החמה | עלות השחר | פרשיות ימים טובים | יום לחודש | יום | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Sep. 1 | 8:42 | 7:29 | | 7:05 | 5:28 | | 1:36 | 12:57 | 10:45 | 10:21 | 9:03 | 6:23 | 5:11 | | ה אלול | חמישי | שופטים |
| Sep. 2 | 8:40 | 7:28 | 7:13 | 7:04 | 5:27 | | 1:35 | 12:56 | 10:45 | 10:21 | 9:03 | 6:24 | 5:12 | | ו אלול | ששי | |
| Sep. 3 | 8:39 | 7:26 | | 7:02 | 5:26 | 2:13 | 1:35 | 12:56 | 10:45 | 10:21 | 9:04 | 6:25 | 5:13 | פרק ו | ז אלול | שבת | |
| Sep. 4 | 8:37 | 7:25 | | 7:01 | 5:25 | | 1:34 | 12:56 | 10:45 | 10:21 | 9:04 | 6:26 | 5:14 | | ח אלול | ראשון | כי תצא |
| Sep. 5 | 8:35 | 7:23 | | 7:00 | 5:24 | | 1:34 | 12:55 | 10:45 | 10:21 | 9:05 | 6:27 | 5:15 | | ט אלול | שני | |
| Sep. 6 | 8:34 | 7:21 | | 6:58 | 5:23 | | 1:33 | 12:55 | 10:45 | 10:21 | 9:05 | 6:28 | 5:16 | | י אלול | שלישי | |
| Sep. 7 | 8:32 | 7:19 | | 6:57 | 5:21 | | 1:33 | 12:55 | 10:45 | 10:21 | 9:05 | 6:29 | 5:17 | | יא אלול | רביעי | |
| Sep. 8 | 8:30 | 7:18 | | 6:55 | 5:20 | | 1:32 | 12:54 | 10:45 | 10:21 | 9:05 | 6:30 | 5:18 | | יב אלול | חמישי | |
| Sep. 9 | 8:29 | 7:16 | 7:01 | 6:54 | 5:19 | | 1:32 | 12:54 | 10:46 | 10:22 | 9:06 | 6:31 | 5:19 | | יג אלול | ששי | |
| Sep. 10 | 8:27 | 7:14 | | 6:52 | 5:18 | 2:09 | 1:31 | 12:54 | 10:46 | 10:22 | 9:06 | 6:32 | 5:20 | פרק א - ב | יד אלול | שבת | |

סוף זמן קרי"ש לשיטת הגר"א מאוחר 36 מינוט | מנחה גדולה לשיטת הגר"א מוקדם 6 מינוט | סוז"מ מוסף לשיטת הגר"א מוקדם 12 מינוט | מנחה קטנה לשיטת הגר"א מוקדם 42 מינוט | פלג המנחה לשיטת הגר"א מוקדם 57 מינוט

לע"נ הרה"ח ר' יצחק מאיר ב"ר משה ע"ה (שפירא)

צו באקומען די לוח שיקט אן אימעיל צו KJLIACH@GMAIL.COM

בס"ד

GOLDEN HILLS
HOME FOR 55 AND OLDER

WOODBURY VILLAS

Almost gone!

# FEW HOUSES LEFT

איר קענט זיך נאך אריינציען בעזרת השם פאר ראש השנה תשפ"ג

## GOLDEN HILLS



### Still Available:

- SC Model - Lot 344, 422 - 1700 sqft
- SD Model - Lot 399, 386 - 2150 sqft
- SL Model - Lot 425, 429 - 1773 sqft
- SG Model - Lot 420, 418, 334 - 1702 sqft

## WOODBURY VILLAS



### Still Available:

- BB Model - Lot 170 - 2,600 sqft
- CC Model - Lot 174 - 3,280 sqft

MK REALTY
Residential & Commercial

845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com

48 Bakertown Road
Suite 502, Monroe NY

אברהם חיים לעווי
לייסענס 10401327281
845.238.1162

LISTING AGENT
אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס 10401304475
845.662.3574

משה שמחה קויפמאן
לייסענס 10311206102
845.537.0475

אברהם הערש גפן
אפיס אדמיניסטראטאר
845.782.0205x 115

נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס 10401300864
845.728.1429

דוד לייב קרויס
לייסענס 10401317322
845.274.3765


תוכן פאר דער גאנצער משפחה
3
אינהאלטסרייכע
אויסגאבעס
48
שעה
בליץ
סעיל
פארפאסט נישט די געלעגנהייט, רופט שוין:
718.305.5863 ext. 2
Subscriptions@DeeVoch.com
www.Deevoch.com
די וואך


Enjoy a
FREE RAZZLE or MILK-SHAKE
* Min $50 purchase
Promo valid this Motzei Shabbos
MOTZEI SHABBOS
Special
Tasty
Gourmet Food
Peppermint
supermarket
845.492.8777
33 DINEV RD.
MONROE, NY 10950
www.peppermintsupermarket.com | supermarketkj@gmail.com


פון פאר דער גאנצער משפחה
3
אינהאלטסרייכע
אויסגאבעס
48 שעה
בלויז
סעיל
זונטאג
און מאנטאג
פ' כי תצא
September 4-5
סובסקרייבט צו די וואך
פאר א יאר, און באקומט:
א חודש
בחינם!
סובסקרייבט
אייך היינט!
פארפאסט נישט די געלעגנהייט, רופט שוין:
718.305.5863 ext. 2
Subscriptions@DeeVoch.com
www.Deevoch.com
באקומט אייער "עונג
שבת" פעקל צו דער
טיר, וואך איין וואך אויס.

# א בליק אויף די נייעס
## אין קרית יואל רבתי

### כ"ק הגה"צ גאב"ד יאַוואָזשנע שליט"א האַלט אָפּ קורצע באזוך אין קרית יואל

פאַרלאָפענע וואָך האָט מען געהאַט די זכי' צו האָבן צוגאַסט אין קרית יואל, כ"ק הגה"צ גאב"ד יאוואזשנא שליט"א, וועלכער האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן אויף אַ קורצע צייט אין שטוב פון הרה"ג רבי אליעזר פריעדמאן שליט"א ר"מ בישיבתינו הק'.

דער יאַוואָזשנער רב שליט"א איז אַרויסגעקומען קיין קרית יואל זיך צו באַטייליגן ביי דער מסיבה נהדרה וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין שטוב פון הרה"ג רבי אליעזר שליט"א, לטובת דעם כולל "זכרון ליבא אסתר", וואָס פונקציאָנירט דורכאויס דאָס גאַנצע יאָר אין ביהמ"ד יאַוואָזשנע וויליאַמסבורג, לזכרון עולם פון הרבנית הצדיקת מיאוואזשנא ע"ה.

אַ גרויסער ציבור תושבי העיר האָט זיך באַטייליגט ביי דער מסיבה של מצוה וואו מען האָט געקויפט זכותים מיט דעם לימוד התורה פון די בני הכולל, און דער רב שליט"א האָט אַלעמען געוואונטשן מברכותיו.

דערנאָך האָט דער יאַוואָזשנער רב שליט"א במשך אַ לענגערע צייט אויפגענומען דעם ציבור לקראת ימי הרחמים והרצון. דער שיינער באַזוך האָט איבערגעלאָזט אַ רישומא קדישא אויף דער גאַנצער שטאט.

### דערהויבענע סעודת ראש חודש דורך נאָבעלע חבורת "אור לנתיבתי"

ווי שוין באַריכטעט צווישן די שפּאַלטנס פון דער "וואָכנשריפט" האָט אין די לעצטע תקופה זיך גרופּירט דאָ אין שטאָט די הערליכע חבורה "אור לנתיבתי", וואָס שטייט אין שפּיץ פון דעם באַרימטן משפיע נפלא הרה"ג ר' דוד הירשלער שליט"א פון ארה"ק, וואס איז באַזירט צו לערנען ספרי מוסר בחבורה און נתעלה ווערן בעבודת השי"ת.

אַלס אַ טייל פון די מסגרת החבורה קומט מען זיך צונויף מזמן לזמן זיך צו שטאַרקן אינאיינעם בתורה ובעבודה בדיבוק חברים. דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג, ראש חודש אלול העעל"ט, האבן די בני החבורה זיך טאַקע צאַמגענומען צו אַ באַשיידענע סעודת ראש חודש אין דעם זאל פון גאַרפיעלד מענאָר.

עטליכע פון די חשוב'ע חברים האָבן אויפגעטרעטן מיט דברי תורה והתחזקות לרגל דעם גרויסן זמן פון ראש חודש אלול, און דאַן האָט מען געהערט אַ וואַרימע דרשה דורך דעם אורח הכבוד, הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א, דומ"ץ ביהמ"ד סאַטמאַר דיקעיטאר אין מאנסי וועלכע האט אַרומגערעדט איבער די ריכטיגע הכנה וואָס מיר דאַרפן מאַכן צו די ימי הרחמים והרצון הבאים לקראתינו.

### סעודת הילולא פון הרה"ק מטאָהש זצוק"ל געפּראַוועט אין ביהמ"ד אהל מרדכי

תלמידי וחסידי טאָהש האָבן דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פרשת שופטים אָפּגעצייכנט געוואָרן די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק מטאָהש זיעוכי"א, ווען זיי האָבן מעלה געווען זכרונו הבהיר און געטון פעולות לעילוי נשמתו הטהורה בגנזי מרומים.

שוין ביי פרקי אבות האט מען געהערט דברי הכנה דורך הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א, ראש חבורת עבודת עבודה וועלכע האט שיין ארומגערעדט במשנתו של בעל ההילולא

מוצאי שבת פרשת עקב איז פארגעקומען א סעודת מלוה מלכה אין טאָהשער ביהמ"ד לקראת די יומא דהילולא פון רביה"ק מ'סאטמאר ומ'טאהש זצוק"ל.

בעצם יומא דהילולא, כ"ז אב, האט דער סדר זיך אָנגעהויבן מיטוואָך נאָכמיטאָג 6:00 ביומא דהילולא, מיט'ן אויסזאָגן תהלים ברוב עם, אויסצו'פועל'ן ישועות ורפואות בכלל ובפרט בזכות פון דעם צדיק תמים.

דערנאָך איז אָפּגעראָכטן געוואָרן די סעודות הילולא אינאיינעם מיט אַ "סיום הש"ס ומשניות". מען האָט זיך געוואַשן צו אַ סעודה און חסידי ואנשי מעשה האָבן מעלה געווען זכרונו הבהיר.

נאָכ'ן מאַכן דעם סיום הש"ס ומשניות, זענען געהערט געוואָרן דרשות פון הרב הגאון דומ"ץ טאָהש שליט"א, הרב חיים שלום טובי' גדלי' פעקעטע שליט"א, און הרב משה הערש רובין שליט"א פון וויליאַמסבורג, און הרב פנחס אלימלך ווייס שליט"א, וואָס יעדער אויף זיין שטייגער האָט אַרומגערעדט איבער די געוואַלדיגע עבודת הקודש פון דעם צדיק וקדוש וואָס זכרו הבהיר לא ימוש לעולם, און מיט רירנדע געפילן פון בענקשאַפט צו דעם עמוד צלותהון דישראל דערמאַנט די לעכטיגע רגעים וואָס מען פלעגט מיטלעבן זייענדיג במחיצתו הטהורה.

נאָכ'ן בענטשן האָט דער ציבור געדאַוונט מעריב, פול מיט התרוממות והתחזקות אז דער גרויסער צדיק משמי מעלה – וועלכער האָט זיך אזויפיל געזאָרגט פאר אידישע קינדער במשך ימי חייו – וועט ווייטער באגלייטן עדת צאן מרעיתו און משפיע זיין משמי מעלה פאַר יעדן בני חיי ומזוני רויחי, נחת והרחבת הדעת, צו קענען ממשיך זיין בדרכיו הטהורים, און אויסבעטן פאר אלעמען אַ

### טויזנטער תלמידים ותלמידות בליעה"ר פון די 5 סאטמאר'ער קעמפּס "מחנה רב טוב" האבן די זכי' מקבל פנים צו זיין כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ביי מלכות'דיגער באזוך, אין באגלייטונג פון באַרימטע פילאנטראפּן וועלכע האבן זיך געלאזט קאסטן מיליאנען להחזקת המחנות ולהרחיב גבולי הקדושה פאר'ן נייעם 5'טן קעמפּ


לעכטיגע ילדי תשב"ר פון די ת"ת בהנהלת הרה"ג רבי משה פרידמאן שליט"א אין ביהמ"ד ביים קבלת פנים


שאו סביב עיניך ראו כולם נקבצו: טויזנטער לעכטיגע ילדי תשב"ר פון מחנה רב טוב 'בחורים קעמפּ' מיט התרגשות ביים קבלת פנים אויפן גרויסן פרייען פעלד

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

גוט געבענטשט יאָר וכל מילי דמיטב, עד ביאת גוא"צ בב"א.

### מעמד התעוררות ותפלת יום כיפור קטן אין בית המדרש ראַדאַשיץ בראשות המשפיע הגה"צ רבי יצחק משה ערלאַנגער שליט"א

אַ רגש של קדושה פון די ימי הרחמים והרצון האָט זיך געשפּירט אין דער לופטן, פאַרגאַנגענעם דאנערשטאג ראה, ערב ראש חודש מוקדם, ביי דעם גרויסן מעמד התעוררות וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בית המדרש המפואר וכולל ראַדאַשיץ, אויף ראָוונע קט. שטייענדיג אין דעם הייליגן זמן, ווען מען טרעט אַריין אין די ימי אלול מיט אַ הכנה דרבה צו די ימים הנוראים הבעל"ט.

דער מעמד האָט זיך אָנגעהויבן מיט אמירת יום כיפור קטן בציבור ובהתעוררות, און דערנאָך האָט מען געהאַט די זכי' צו הערן דברים חוצבים להבות אש דורך דעם חשוב'ן גאַסט פון ארה"ק, הגה"צ רבי יצחק משה ערלאַנגער שליט"א וועלכער האָט זיך געפינען צוגאַסט אין שטאָט און האָט אויפגעלאמט די הערצער מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות, זיך צו גרייטן צו די הייליגע טעג מיט דעם ריכטיגן קבלת עול מלכות שמים.

דער משפיע שליט"א האָט דערנאָך אָנגעוואונטשן פאר הרבני החסיד מו"ה שמואל שפּיטצער שליט"א, נשיא ופטרון הביהמ"ד והכולל, ווען דערביי האָט ער אויסגעדרוקט זיין אומגעהויערן התפעלות פון דעם הערליכן בית מקדש מעט, און איבערגעלאָזט ברכתו אַז מען זאָל ווייטער די זכי' האָבן צו מרבה זיין פעלים לתורה ולתעודה.

### מסיבה לטובת "רב טוב" אין שטוב פון הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו

קרית יואל. - אַ קאָלירפולער ציבור האָט זיך באַטייליגט דאָנערשטאָג אָוונט פרשת שופטים ביי די "טיי אָווענט" וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן, אין הויז פון הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו, ראה"ק דקיט"ל 12, חבר ועד הנהלת "רב טוב" קרית יואל, לטובת דעם וועלט-באַרימטן מפעל הצלה "רב טוב", וואָס פירט אָן מיט אירע ברייט-פאַרצווייגטע הצלה אַקטיוויטעטן פאַר אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשבי'.

די מסיבה איז שוין אַן איינפיר פון מערערע יאָרן, נאָך ווען עס פלעגט אָפּגעראָכטן ווערן אין קרית יואל דער יערליכער דינער לטובת "רב טוב" ביומא דהילולא פון מרן הגה"ק הייטב לב זי"ע, וואָס דעמאָלט האָט עס געדינט אַלס אַ בעפאָרברייטונג צום דינער פאר אַן ענגע צאָל געלאַדענטע נגידים און נדיבי לב. אין די לעצטע יאָרן זינט עס איז איינגעפירט געוואָרן די אַפּיעלס אין די בתי מדרשים, דינט די מסיבה פאר'ן ברייטן ציבור תושבי קרית יואל, צו קענען אנגיין מיט די געוואַלדיגע פעולות לטובת אחינו בני ישראל הנאנחים והנאנקים אין דעם טרויעריגן מצב.

ביי די מסיבה זענען געהערט געווארן עטליכע דרשות און אויפטריטן, וועלכע האָבן ערוועקט די פארזאמלטע צו שטיצן "רב טוב" מיט אַ ברייט האנט. מיט "דברי פתיחה" האָט אויפגעטרעטן הרה"ח פה מפיק מרגליות ר' לייבוש הכהן ווײַנפעלד שליט"א, חבר ועד הנהלת "רב טוב", און מגיד מישרים אין קרית יואל, וועלכער האָט געהאַלטן געשפּאַנט די צוהערער מיט זיינע פערל-ווערטער.

מיט די "דבר ההנהלה" האָט אויפגעטרעטן הרה"ח ר' אברהם יודא ראזענבערג הי"ו, חבר ועד הנהלת "רב טוב", וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ באריכט איבער דעם מצב פון די איראַנער פליטים און איבער די פעולות ההצלה פון "רב טוב" לטותבם.

אויך האָט מען געהערט אַ רעפעראַט פון די אַקטיוויטעטן פון "רב טוב" פון הרה"ח ר' אהרן בינער הי"ו, חבר ועד הנהלת "רב טוב", וועלכער איז כסדר פערזענליך אַריינגעטאָן אין דער הצלת נפשות אַרבעט, און האָט אַפּעלירט צום ציבור, אַז זיי זאלן זיך אנרופן ווארים, ביד רחבה וברוח נדיבה, לטובת די פעולות ההצלה.

גאר אַן אינטערעסאנטע אויפטריט איז געהערט געוואָרן פון אַן אַקטיוועער חבר הנהלה און עסקן פאר "רב טוב", הרה"ח ר' וואלף דייטש הי"ו – אַן אייניקל פון להבחל"ח הרה"ח המפורסם איש האשכולות ר' סענדער דייטש ז"ל, פרעזידענט פון "רב טוב" – וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ באריכט איבער די שתדלנות ארבעט ביי די הויכע רעגירונגס פענסטער אַז די איראַנער פליטים זאָלן קענען אַריינקומען אין די פרייע לענדער.

די דרשות וועלכע זענען געזאגט געוואָרן מיט האַרץ און געפיל האָבן טאקע עושה רושם געווען, און די אָנוועזנדע נדיבים האָבן זיך אנגערופן מיט שיינע סכומים לטובת דעם הייליגן מפעל-ההצלה, און עס האָט זיך אָנגעזען אויף די ברייטהאַרציגע נתינות.

### געהויבענע אַטמאָספערע ביי חודש'ליכע סיום חברה ש"ס שע"י קהל בני יואל ד'סאַטמאַר

קרית יואל. – מיט אַ דערהויבענקייט און שמחה של מצוה האָבן די פילצאָליגע לומדים פון די "חברה לומדי ש"ס" דקהל בני יואל ד'סאטמאר זיך ווידעראַמאָל מיטגעפרייט ביים סיום הש"ס וואָס מען האָט זוכה געווען לברך על המוגמר, און איז געפראַוועט



הרה"ג רבי דוד הכהן ראזענבערג שליט"א מנהל המחנות איז מקבל פני כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א



לראות ולהיראות

# א בליק אויף די נייעס אין קרית יואל רבתי

געוואָרן דאָסמאָל אין די זאַלן פון "ששון ושמחה" וואָס איז געווען צוגעשטעלט ברוב פאר והדר ווי עס פּאַסט פאר אזא געהויבענער מעמד.

נאָכדעם וואָס דער ציבור מסיימים האט זיך געוואשן צו די סעודת מצוה לכבודה של תורה, און מען האָט געמאַכט דעם הדרן וסיום הש"ס האָט דאַן אויפגעטרעטן מיט אַ הערליכע שיעור בענינא דיומא, הרה"ג רבי ישראל שמחה שפיגל שליט"א מנהל רוחני אין ישיבה קטנה יאַוואָזשנע. און דער עולם איז אַהיים מיט פרישע קבלות אויף להבא, אָנצוהייבן נאכאמאל דעם ש"ס מיט א פרישקייט.

פקודי ה' ישרים משמחי לב.

## הגה"צ רבי יצחק משה ערלאַנגער שליט"א טרעט אויף מיט דרשת התעוררות אין היכל הכולל אהל יושע

פארגאנגענעם דאנערשטאג האָבן די בני הכולל פון כולל אהל יושע אָנטפאַנגען אַ חשוב'ן גאַסט פון ארה"ק, המשפיע המפורסם הגה"צ רבי יצחק משה ערלאַנגער שליט"א, מח"ס חסידות, וואָס האָט משמיע געווען אַ דרשת התעוררות לקראת די ימי אלול, מתובל מיט פנינים יקרים מפי ספרים וסופרים.

במשך אַ לענגערע צייט האָט דער ציבור געשלינגען מיט דאָרשט די טייערע פערל ווערטער פון התעוררות און התזקות, וואָס איז געווען געבויעט אויף די ספרים פון תלמידי בעש"ט הק' מיט אַ געוואַלדיגן קאָך און התרוממות הנפש. .

## וואוילטעטיגע "קופת קול ששון" שע"י ביהמ"ד בית ברוך העכערט באַדייטנד די סכום הנתינה פאר מחותנים מתפללי בית המדרש

די באַשיידענע קאַסע "קופת קול ששון" שע"י ביהמ"ד בית ברוך האָט אין אַ פריידיגע אַנטוויקלונג געמאָלדן איבער אַ הערליכע הוספה, ווען די קופה וועט אָנהויבן פאַרטיילן די גרויסע סומע פון 5 טויזנט דאָלער! פאר יעדן מחותן ממתפלי בית המדרש, וועלכער שטייט לפני נישואי צאצאיו למז"ט.

די הערליכע קופת קול ששון פונקציאָנירט שוין לאַנגע יאָרן מיט אַ געוואַלדיגע הצלחה, אונטער די געניטע הנהלה פונעם רב הביהמ"ד שליט"א וועלכער באַגלייט אַלע הכנסות והוצאות פון דער קאַסע, וואָס ברענגט ב"ה אַריין אַזוי סאַך רואיגקייט אין די שטיבער פון באי בית המדרש בעת שמחתם. כה יתן ה' וכה יוסיף!

## סוקסעספולע מסיבה של מצוה לטובת ישיבה הרמה "אהל משה" לעיקוואד

אַן אייגנאַרטיגע מסיבה של מצוה איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין קרית יואל לטובת די באַרימטע חסידי'שע ישיבה "אהל משה" אין דער עיר התורה לעיקוואד. וואָס איז אַ הערליכע ווינקל וואָס דינט אַלס אַ חסידי'שע ישיבה אין האַרץ פון לעיקוואָוד, וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן הערליכע פּירות מיט חשובע תלמידים מצוינים וועלכע זענען דאָרט קונה תורה ועבודה.

די מסיבה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שטוב פון הרה"ח מו"ה אלעזר פעלדמאַן הי"ו, און מען האָט געהאַט די זכי' צו אַנטפאַנגען די חשוב'ע ראשי הישיבה אין שפּיץ פון הגאון רבי מלכיאל קאָטלער שליט"א ראש ישיבת גבוה, וועלכער איז געקומען צופאָרן און זיך באַטייליגט ביי דער מסיבה, וואו ער האָט אָנגעוואונטשן פאַר'ן בעל האכסני' און פאר אַלע תומכים ומשתתפים.

## שמחת בר מצוה געפראַוועט בבית טאָהש מאָנסי – טשאטה

אַ שיינע שמחה איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין שטאָט, ביי דער בר מצוה פון הבחור כמר יעקב הכהן נ"ו, בן הרה"ג ר' אהרן יודא כ"ץ שליט"א בן הגה"צ גאב"ד טאהש מאנסי שליט"א, חתן חו"פ הגה"צ אבד"ק טשאטה שליט"א, וואָס איז געפראַוועט געוואָרן אין די זאַלן פון "עטרת מייזעלס", בהשתתפות קרובים ומעריצים.

ביי דער שמחה הגדולה האָבן זיך באַטייליגט אַ גרעסערער ציבור תלמידי וחסידי טאָהש און תלמידים ובאי בית מדרשו פון הגה"צ אבד"ק טשאטה שליט"א.ביידע געהויבענע זיידעס און דער אבי הבר מצוה האָבן אויפגעטרעטן מיט הערליכע דברי תורה וברכה און דער בר מצוה בחור האט געזאגט א חריפות'דיגע פשעטל כנהוג. ויה"ר שמשמחה זו ישפע לנו שפע רב.



רחבות'דיגע טענט מיט מטעמים משקאות און ברייטע פת שחרית פאר די טויזנטער געסט אין שטאט דורכאויס די טעג פון יומא דהילולא



ואין בהם תבונה: מיטן באנק אינדערהייך פארטיפט אינעם סמארטפאן פאר לאנגע מינוטען...

# א בליק אויף די נייעס

אין קרית יואל רבתי

## געניאַלע "צוזאמען - צאן קדשים" איינפיר באַגריסט דורך הונדערטער עלטערן פון תלמידות בית רחל

אַ זעלטענער חידוש'דיגע אויפטוה איז אין די לעצטע וואָכן דורכגעפירט געוואָרן מיט ערפאָלג דורך די געטרייע "לעידיס אקזילערי" פון די סאַטמאַרער מוסדות, וועלכע האָט איינגעפעדעמט אַ סיסטעם פון "צוזאַמען - צאן קדשים" וואו מען האָט פאַרקויפט אַלע נויטיגע סקול סופלייס פאר דעם קומענדיגן שולע יאָר, צו פאַרגרינגערן פאר די עלטערן און גלייכצייטיג אַריינברענגען אַ שיינע הכנסה פאר די מוסדות הק'.

דער "צוזאַמען - צאן קדשים" פראָיעקט איז אַהערגעשטעלט געוואָרן מיט אַ גאָר גענייטן סדר, ווען ס'איז אַהיימגעשיקט געוואָרן פונקטליכע ליסטעס פון אַלע סאָרט סקול סופלייס, אַלעס פאַרקויפט פאר קאָסט פרייז, וואָס איז זייער שטאַרק באַגריסט געוואָרן דורך די עלטערן, וועלכע האָבן דאַדורך זיך איינגעשפּארט אַסאַך צייט און טירחא פון אליינס גיין קויפן די אַלע סופלייס.

צו דער זעלבער צייט איז דאָס געווען נאָך אַ הערליכע רינגעלע אין די פולזייטיגע אקטיווועטעטן דורך די געשעצטע "לעידיס אקזילערי" - ווי דער אַדמיניסטראַטאָר פון די מוסדות הק' האָט ערוועגט ביי דעם גרויסן טעלעפאָן קאָנפערענץ - איז ב"ה פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט פרישע כוחות פון חשוב'ע נשים צדקניות וועלכע לייגן אַריין אַסאַך פלאָג מיט גרויסע פלענער אויפ'ן צוקונפט צו הייבן די הכנסות פאר די הייליגע מוסדות.

## נייער מנין תהלים עטאַבלירט אין ביהמ"ד בית כהנא דקהל יטב לב

אין די יעצטיגע טעג פון חודש אלול, וואָס ס'איז באַקאַנט פון ספרים הק' דאָס גרויסקייט פון אמירת ספר תהלים, איבערהויפּט אין דעם זמן פון בצפרא דשבתא, איז דערפאַר איינגעפעדעמט געוואָרן אַ נייער הערליכער סדר פון אמירת כל ספר תהלים בציבור ובמנין יעדן שב"ק אין דעם נייעם הערליכן בית המדרש המפואר בית כהנא דקהל יטב לב.

דער מנין תהלים שטעלט זיך יעדן שב"ק אינדערפרי, אום 7:45 פונקטליך, מיט דער באַטייליגונג פון אַ גרויסער ציבור תושבי השכונה, וואָס נוצן אויס די געהויבענע צייט צו אויסבעטן אַלעס גוטס בזכות תפלות דוד בן ישי.

## הערליכע "התאספות בחורי חמד" אין שטוב פון הרה"ג רב דביהמ"ד בית ברוך שליט"א

דעם היינטיגן ליל שישי וועט געפראַוועט ווערן אַ וואַרימע "התאספות" פאר די צענדליגער בחורי חמד תושבי השכונה און באי בית המדרש, בביתו נאוה פון הרה"ג רבי דבית המדרש בית ברוך שליט"א, וואו מען וועט פאַרברענגען בדברי תורה שירות ותשבחות און דער רב שליט"א וועט משמיע זיין דברי הכנה צו די הייליגע טעג.

די הערליכע איינפיר איז אַ טייל פון די פילע פעולות לטובה וואָס ווערט דורכגעפירט דורכ'ן רב שליט"א, צו צאַמהאַלטן די בחורי חמד אין אַן אַטמאָספערע פון תורה ועבודת השי"ת. דאָס רעכנט אַריין די חבורה "והיו נכונים" וואו מען נוצט אויס די לאַנגע זומערדיגע ערבי שבתות צו לימוד התורה בדיבוק חברים און די ווינטערדיגע שבתים זיך צו צאַמקומען פרייטאָג צונאַכטס מיט זמירות שב"ק, און נאָך פילצאָליגע גייסטרייכע אקטיוועטעטן להרים קרן התורה והיראה.

כולל סאטמאר קרית יואל שטורמט אויף:

# באַוואונג פון "סאטמאר קרית יואל" קומט צום אויסדרוק מיט ריזיגער "תקופת העולים"

דער שטאָלץ פון די קהלה און די שטאָט דערקלערט "א תקופת העולים" פון 3 חדשים, אלול תשרי און חשון תשפ"ג

געהעכערטע תמיכות מיט גאנצע 35% ברענגט העכערונג דורך "תורתי שותפים" צו $31 א וואָך, ונחשב כאילו לומד בעצמו!

העכערע צאל סיומי מקצועות פון לומדי תורה וועלן אפגעראכטן ווערן במשך ימי התקופה, ברוב פאר וכבוד חכמים

תקופת העולים

כולל סאטמאר קרית יואל עולה ומתעלה

אלול · תשרי · חשון תשפ"ג

# שלחן הטהור און צענטראַלער סעודת הילולא וסיום הש"ס במעמד אלופי אלפי ישראל פארלאפענעם כ"ו אב



טישל ביים צענטראלן סעודת הילולא ושלחן הטהור פאר די הייליגע
מפעל שקל הטהור צו שאפן א מיליאן ביומא דהילולא



מתנדבים ביים הויפט אריינגאנג צום 'פדיונינו' קאמפיין פאר שקל הטהור





ציבור שטראמט לענגאויס די קארידארן פון בנין הת"ת צום סעודת הילולא



פלאטע פון צענדליגער סעודת הילולא באסעס מיט טראנספארטאציע לענגאויס די שטאט



משוררי בית סאטמאר אין שפיץ פונעם מיטב מנגן ר' יששכר גוטמאן הי"ו ביים
זינגען ניגוני וותיקין וואס מען האט געזונגען ביים רבי'ן אין ביהמ"ד

# שלחן הטהור און צענטראַלער סעודת הילולא וסיום הש"ס במעמד אלופי אלפי ישראל פארלאפענעם כ"ו אב







בימת הכבוד פון רבני ודייני העיר שליט"א



ציבור האלפים ביי די דברות קודש אינעם גיגאנטישן היכל הגדול בבנין הת"ת



ספעציעל פאראויסגעגרייטע סעודת פארטיילט פאר די פרחי הישיבות אויף די פארענטשעס



הונדערטער בחורי חמד פון די ישיבות קטנות בהשתתפות מרן רבינו שליט"א אין היכל ביהמ"ד 'ברך משה' בבנין הת"ת ביי די שעות רצופות בעפאר די שלחן הטהור



די בחורי חמד ביים הערן די לעכטיגע זכרונות פון הרה"ח ר' משה גפן שליט"א פון די הויז בחורים ביי מרן רביה"ק זי"ע

# הייזער פאר סעיל

## אין קרית יואל / מאנרא / בלומינגראוו / טשעסטער / וואודבערי


Monroe NY
Winchester / Post

AVAILABLE
FOR SALE!

$830,000



- 4 Bedrooms • 3 Bathrooms •
- 3 car garage 960 sqft. • 2,682 Square feet
- 1,250 sqft basement finished basement •
- basement walk out • Granite countertops •
- Granite backspalash • 12x20 shed

47 POST RD. MONROE, NY 10950

Highland Mills
Ridge Rd.

BRING ALL OFFERS
FOR SALE!

$630,000



- 4 Bedrooms • 3 Bathrooms •
- 2 car attached garage • 2,331 Square feet •
- total 2,955 with basement •
- 1,250 sqft finished basement
- Quartz countertops • Built in 2002

3 MELISSA LN HIGHLAND MILLS, NY 10930


## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 62 Quaker Hill Road | $440,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,696 | 0.7346 |
| 2 Hudson Place | $749,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,128 | 1.3 |
| 13 Whitman Place | $649,000 | 4 | 3 (3 0) | 2,640 | 0.4583 |
| 2 Dara Court | $875,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,578 | 0.8953 |
| 219 Pine Tree Road | $760,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,179 | 1.3 |
| 8 Orchard Street | $640,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,174 | 0.3119 |
| 17 Deangelis Drive | $629,000 | 5 | 4 (3 1) | 2,525 | 0.4591 |
| 167 Mine Road | $819,000 | 4 | 4 (3 1) | 4,349 | 1.3 |
| 26 Winchester Drive | $760,000 | 6 | 3 (2 1) | 3,192 | 0.466 |
| 24 Ironworks Road | $579,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,409 | 0.5051 |
| 7 Orchard Terrace | $634,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,596 | 0.2263 |
| 237 Oakland Avenue Unit#1 | $899,000 | 5 | 5 (3 2) | 3,392 | 1.3 |
| 11 Kasch Court | $810,000 | 5 | 4 (3 1) | 3,548 | 0.239 |
| 3 Alex Smith Avenue | $749,900 | 4 | 4 (3 1) | 2,678 | 0.5 |
| 279 Orchard Drive | $499,900 | 3 | 2 (2 0) | 1,966 | 0.2167 |
| 32 Moulton Circle | $520,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,016 | 0.1802 |
| 39 Deangelis Drive | $849,999 | 4 | 4 (3 1) | 3,338 | 0.4218 |
| 134 Linden Lane | $625,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,012 | 0.34 |
| 112 Forest Avenue | $849,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,022 | 0.65 |
| 538 High Street | $510,000 | 3 | 2 (1 1) | 1,736 | 0.2947 |
| 247 Harriman Heights Road | $749,999 | 5 | 4 (4 0) | 3,400 | 1 |
| 219 Maple Avenue | $1,550,000 | 6 | 5 (4 1) | 4,289 | 1.9 |
| 2 Miller Lane | $525,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,788 | 0.2583 |
| 52 Peter Bush Drive | $575,000 | 4 | 3 (2 1) | 1,868 | 0.4591 |

## Kiryas Yoel (Village)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 18 Hamburg Way Unit#301 | $850,000 | 5 | 3 (2 1) | 2,078 | 0.01 |
| 8 Lemberg Court Unit#312 | $910,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,453 | 0.01 |
| 8 Getzel Berger Blvd. | $1,550,000 | 7 | 4 | 2 units | |

## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 2 Oxford Depot | $289,900 | 3 | 1 (1 0) | 866 | 0.585 |
| 15 Primrose Lane | $1,500,000 | 4 | 4 (2 2) | 4,306 | 2.5 |
| 81 Old Mansion Road | $999,995 | 4 | 5 (3 2) | 4,315 | 4 |

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 35 Buena Vista Terrace | $1,195,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,548 | 3.5 |
| 37 Heather Ridge | $800,000 | 4 | 3 (2 1) | 3,076 | 1 |
| 10 Plum Court | $367,000 | 3 | 3 (3 0) | 1,505 | 0.0826 |
| 3 Shetland Circle | $725,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,700 | 0.25 |
| 3 Melissa Lane | $630,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,331 | 0.9041 |
| 8 Roselawn Road | $760,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,309 | 0.79 |
| 1 Paisley Court | $695,000 | 3 | 3 (2 1) | 3,581 | 0.38 |
| 248 Ridge Road | $599,999 | 3 | 2 (2 0) | 1,092 | 0.4 |
| 415 State Route 32 | $23,000,000 | 11 | 6 (6 0) | 7,420 | 142.4 |
| 13 Dartmouth Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,107 | 0.4371 |
| 2 Berwick Circle | $725,000 | 3 | 3 (2 1) | 3,050 | 0.33 |
| 11 Helene Circle | $359,900 | 3 | 3 (2 1) | 1,363 | 0.0459 |
| 14 Cindy Lane | $649,999 | 4 | 3 (2 1) | 2,486 | 0.3444 |
| 126 Seven Springs Road | $1,199,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,958 | 2.2 |
| 24 Jill Road | $2,400,000 | 7 | 5 (4 1) | 9,928 | 5.7 |
| 11 Stillman Wye | $460,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,794 | 0.22 |
| 22 Stainton Fareway | $649,000 | 1 | 2 (1 1) | 1,702 | 0.24 |
| 23 Stainton Fareway | $729,000 | 2 | 2 (2 0) | 2,180 | 0.22 |

## Blooming Grove (town) / Washingtonville

BARNES AREA
7 AVAILABLE

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 153 Barnes Road | $589,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,310 | 0.4132 |
| 121 Barnes Road | $599,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,040 | 0.4132 |
| 3 Amy Road | $524,999 | 4 | 2 (2 0) | 1,762 | 0.88 |
| 62 Barnes Road | $470,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,740 | 0.6854 |
| 170 Barnes Road | $479,000 | 3 | 2 (2 0) | 1,664 | 0.409 |
| 60 Barnes Road | $499,900 | 4 | 2 (1 1) | 1,692 | 0.5079 |
| 50 Horton Road | $600,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,196 | 1.5 |
| 19 Billy Avenue | $470,000 | 4 | 2 (1 1) | 1,874 | 3.2 |
| 79 Barnes Road | $565,000 | 5 | 4 (3 1) | 2,704 | 0.4756 |
| 1443 Route 208 | $525,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,988 | 1 |
| 101 Mtn Lodge Road | $4,750,000 | 4 | 5 (4 1) | 4,461 | 38.1 |

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

שלמה פריעד 845-309-7262 | יצחק אייזיק ראטטענבערג 845-662-1849 | שלום מאיר טארם 845-629-5186

Not responsible for typographical errors

The REALTY BLUE group

בעזהשי"ת

# לאנג געווארט, אבער ס'האט געלוינט!

שעפט אייך אָן **100** מינוט

מיט **100** פראָצענטיגע הנאה

און לעבט **100** פראָצענט...

## מיט'ן אויבערשטן!




א שעה מיט 40 מינוט פון תענוג רוחני!

- געקליבענע, הערליכע ניגונים
- געשמאקע גראַמען אויף אידיש
- פול מיט חיזוק און שמחה פאַר יעדן מצב
- 12-120 געאייגענט פאַר יונג און אלט
- רייכע קאַפּעליע מיט די בעסטע היימישע זינגער
- הערליכע מוזיקאַלישע אַראַנזשירונגען
- קומט מיט אַ הערליכן ביכל וואָרט ביי וואָרט

"מיט'ן אויבערשטן" אַ פּאַסיגע הכנה, צום הייליגן יו"ט ראש השנה!

**AVAILABLE WHEREVER JEWISH MUSIC IS SOLD**

Distributed By לחיים Lechaim
www.lchaimusa.com • 718-369-2090

#3

בס״ד

למעלה מראש

יעדער לייזט אויס א טשעק



די הוצאות החג
זענען למעלה מראש
און פילע אנשי שלומינו
זענען נישט ביכולת זיי צו דעקן
זיי קוקן ארויס אויף פינאנציעלע שטיצע
וואס זאל זיי ארויסהעלפן מיט די גרויסע הוצאות

״קופת קהילתינו״ וועט אריינברענגען
אין זיי א שמחת יום טוב דורכ׳ן
שענקען פילע טשעקס לכבוד יום טוב

יעדער לייזט אויס א טשעק פאר א משפחה
איש איש כפי מתנת ידו

| א טשעק פון | א טשעק פון | א טשעק פון |
|---|---|---|
| $1000 | $720 | $500 |
| פאר א | פאר א | פאר א |
| גרעסערע משפחה | מיטעלע משפחה | קלענערע משפחה |

לכה״פ דעקט א האלבע טשעק $360
פאר א מיטעלע משפחה

קופת קהילתינו
שע״י
קהל חרדים
קהל בני יואל
מטרתו: ליתן עזר וסעד לצרכי יו״ט, למשפחות ברוכות בילדים
קרן טאלטשאווא
ע״ש הרה״ח אפרים יוסף דוב אשכנזי זצ״ל
נדבת חותנו הגה״צ רבי העניך מרדכי מייזליש שליט״א
אבד״ק טאלטשאווא

בס״ד

# הארציגע ווענדונג

לכבוד אנשי שלומינו היקרים, עס איז נישט קיין סוד פאר קיינעם ווי ווייט די הוצאות החג זענען למעלה מראש ביי פילע משפחות פון בני קהילתינו, און עס איז אונזער פליכט זיי ארויסצוהעלפן מיט סכומים הגונים.

דעם פאראגאנגענעם יום טוב פסח איז געלונגען ב״ה צו שאפן א סכום עצום וואס איז פארטיילט געווארן און האט ארייגעברענגט א שמחת יום טוב ביי פילע היימישע משפחות ברוכות הילדים.

**אט דאס זעלביגע וועט זיך איבערחזר'ן אצינד צום בעפארשטייענדן ימים טובים ביתר שאת וביתר עז, יעדער יחיד וועט העלפן דעקן א טשעק לפי יכלתו, און אזוי ארום וועט מען קענען אויסטיילן פילע נתינות אויפ'ן קומענדיגן ימים טובים סעזאן.**

עס איז אויפגענומען געווארן א ועד, וועלכע וועלן בע״ה אנווארימען די הערצער פון אנשי שלומינו, און ביישטייערן מיט סכומים הגונים איש איש כפי מתנת ידו, הלא הם:

הרה״ח ר' **קלמן ווייס** הי״ו

הרה״ח ר' **מרדכי לייב דייטש** הי״ו

הרה״ח ר' **יצחק וויינשטאק** הי״ו

הרה״ח ר' **אליעזר** ברי״מ **וואלדמאן** הי״ו

**עס איז צום האפן אז יעדער וועט זיך ווארים אנשליסן, און דעקן א טשעק לויט דיין יכולת, און לכה״פ דעקן א דריטל פון א קלענערע טשעק מיט 166 דאלער**

**באזונדער טוען מיר אפעלירן צו די חשוב'ע נדיבים בעלי יכולת זאלן ביישטייערן און דעקן מערערע צו עטליכע טשעקס, און דערמיט ארויסהעלפן די עסקנים דעקן די פילע סכומים וואס וועלן פארטיילט ווערן.**

**איך ווערט געגעבן די געלעגנהייט צו ארויפשרייבן אויפ'ן טשעק לעילוי נשמת, לזכות הנדבן החשוב וכדו'**

## יעדער לייזט אויס א טשעק פאר א משפחה

איש איש כפי מתנת ידו

| | | |
|---|---|---|
| א טשעק פון | א טשעק פון | א טשעק פון |
| $1000 | $720 | $500 |
| פאר א | פאר א | פאר א |
| גרעסערע משפחה | מיטעלע משפחה | קלענערע משפחה |

לכה״פ **דעקט א האלבע טשעק** $360

פאר א מיטעלע משפחה

שע״י
קהל החרדים
קהל בני יואל

**קופת קהילתינו**

מטרתו: ליתן עזר וסעד לצרכי יו״ט, למשפחות ברוכות בילדים

קרן טאלטשאווא

ע״ש הרה״ח אפרים יוסף דוב אשכנזי זצ״ל

נדבת חותנו הגה״צ רבי העניך מרדכי מייזליש שליט״א

אבד״ק טאלטשאווא



#2

# די תפיסה ווענט פארציילן...

צוליב די אומגעהויערע אפקלאנג פאראנגאנגענע צוויי וואכן זעצן מיר ווייטער פאר מיט אינהאלטסרייכע עראירונגען פון צווישן די תפיסה ווענט ביי די דערהויבענע באזוכן אין שכינות'דיגן 'וואלקיל' געגענט, רירנדע ערשטהאַנטיגע שילדערונגען דורך הרה"צ רבי **אברהם יהושע פריינד** שליט"א מנאסוד פון זיינע באַזוכן ביי האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי **נחמי' צבי בן דינא וועבערמאַן** שליט"א.

## אַ אינגערמאַן קומט בעטן חיזוק...

איך געדענק אַז מיט אַ צייט צוריק, ביי אַ באַזוך אין תפיסה, איז הר"ר נחמי' שליט"א אַראָפּגעקומען מיט אַ לעכטיגען שמייכל אויפ'ן פנים. ער זעצט זיך אַוועק און מיר זען אַז ער איז זייער גוט אויפגעלייגט. פרעגן מיר אים: "ר' נחמי' וואָס איז אַצינד געווען אַז איר זענט אַזוי בשמחה ?".

פאַרציילט ער מיר: "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך האב געהאט נעכטן א וויזיט, ס'איז גאנץ א שווערע וויזיט געווען, אבער ס'איז ווערד געווען...".

וואָס איז געווען די מעשה ? אַ אינגערמאַן איז געקומען באַזוכן אין תפיסה. ער האָט זיך פאַרשטעלט וויאַזוי ער הייסט, ר' נחמי' האָט אים קיינמאָל נישט געקענט בעפאָר אָבער דער איד זאָגט: "ר' נחמי' איך בין געקומען דא אהער צו אייך פאר חיזוק".

שטעלט זיך אַרויס אַז דער איד האָט לייִדער פאַרלוירן דאָס ווייב ל"ע, וואָס איז נעבעך נפטר געוואָרן יונגערהייט, און ער האָט אויך אַ נישט געזונט קינד רח"ל. דער אינגערמאַן האָט זיך אויסגערעדט אַז ער וויינט טאָג און נאַכט, ער קען זיך נישט צאמקלויבן. מענטשן זאגן אים ער זאָל גיין וואטשן באל געימס, קוקן ווידעאס, כאילו דאס וועט אים העלפן... ער האט אבער געהערט אז דא קען מען באקומען חיזוק איז ער געקומען אין תפיסה צו ווערן געשטאַרקט!

זאָגט אים ר' נחמי' מיט אַ וואַרימען געפיל: אינגערמאַן, איך קען דיך נישט מחזק זיין, מיין ווייב איז נישט געשטארבן, איך ווייס נישט וואס דאס מיינט ב"ה. אויך דו קענסט מיך נישט מחזק זיין, ביסט נאך קיינמאל אין קיין תפיסה נישט געזעצן ב"ה.

נאר וואס יא? איך וועל דיר זאגן ווי אזוי ס'זעט דא אויס, ס'איז דאך ביטער הייס, וואס מיינסטו טוען די גוים א גאנצע צייט? מען קען דאך נישט אויסהאלטן די היץ? מען גיסט זיך אן מיט וואסער זיך אפצוקילן, נאכדעם וואטשט מען א באל געים, און ביז א צוואנציג מינוט נאכדעם וואס מען האט שוין געענדיגט צו וואטשן דעם געים, איז מען דארט וואו מען איז געווען פריער, און מען שרייט און מען שעלט. מען וואטשט א ווידעא, מען וואטשט דעם טעלעוויזשן, און ס'העלפט נאר אזוי לאנג ווי לאנגט מען וואטשט...

וואס טו איך אין אזא צייט? איך זעץ מיך לערנען, ס'איז דאך ביטער הייס, דער בעל דבר לאזט נישט לערנען, נעם איך מיר אהער דעם ליקוטי אמרים וואס איך האב, און איך חזר איבער דעם שטיקל אין אגרת קודש פרק י"א להשכילך בינה. וואס זאל איך דיר זאגן? דאס איז די בעסטע חיזוק וואס איז שייך.

זאגט ר' נחמי' פאר דעם איד: "לאמיר יעצט טון די זעלבע זאך. לאמיר לערנען צוזאמען וועל מיר זיך ביידע מחזק זיין דערמיט".

## די חברותא אין "להשכילך בינה"...

אזוי האבן זיי טאקע געטון. זיי האבן זיך געזעצט לערנען "להשכילך בינה". דער יונגערמאן האט נישט געהאט קיין אהנונג פון וואס מען רעדט, ער האט קיינמאל קיין ליקוטי אמרים נישט געלערנט. זיי האבן דאס געלערנט עטליכע מאל און ביידע האבן געוויינט.

ר' נחמי' זאגט מיר:

"אונז האבן זיך ביידע אנגעקוקט איינער דעם אנדערן, איך בין סאך עלטער פון אים, אבער מיר זענען ביידע בצרה. איך האב אים געזאגט, געב א קוק, וואס איז די חילוק פון מיר ביז דיר? אונז לערן מיר ביידע, מיר זענען זיך ביידע מחזק, באלד ווען ס'ווערט פארטיג די וויזיטינג אוע"ר גייסטו אהיים, האסטו דאך נישט קיין היים, האסט נישט קיין ווייב לא עלינו ולא עליכם, און דער קאפ טראכט דיר א גאנצן טאג פון דעם קראנקן קינד וואס דו גייסט טאן מיט אים, אבער אז דו קומסט אין ביהמ"ד האסט מיט וועם צו רעדן, זעהסט נאך א מענטש, קענסט געבן א שמייכל טאמער דו ווילסט, און טאמער יענער ווייסט אז דו ווילסט נישט יעצט שמייכלען, אפשר וועט ער דיך מאכן שמייכלען... גייסט אין א גראסערי, גייסט צו דיינע עלטערן, גייסט צו א חתונה, האסט אן אויסוואל, איך האב ליידער דעם אויסוואל נישט.

ווען ר' נחמי' האט מיר דאס פארציילט האט ער אויך געהאט טרערן אין זיינע אויגן.

"האב איך געזאגט ווייטער פאר דעם יונגערמאן, נו געב א קוק, וואו גיי איך צוריק? איך גיי ארויס פון דא אין מיין שטוב, קודם גייט מען דורך אנדערהאלבן שעה יסורי איוב, מען טוט מיך נאכאמאל איבערטשעקן פון אויבן ביז אראפּ, איך קום שוין אריין צו מיר אין שטוב אריין, איך זעץ מיך אראפּ אויף מיין בעט, די טיר פון די שטוב מאכט זיך צו פון זיך אליין, ער געט נאך א קראך צום סוף אויך, צו זיכער מאכן אז איך בין איינגעשפארט הינטער די גראטעס....

"נאר וואס דען, איך לערן און איך חזר עס נאכאמאל און נאכאמאל, ווען איך האב א שווערע מינוט חזר איך נאכאמאל איבער. און אז מען קאכט זיך אריין אין די הייליגע ווערטער פארגעסט מען אביסעלע פון ארום און ארום און דאס געט א חִיות מיט א שמחה צו קענען ווייטער אנגיין."

ר' נחמי' האט אויסגעפירט און געזאגט פאר דעם איד: "זייט וויסן טייערער ר' איד, די אלע זאכן ארום און ארום דאס איז גארנישט מחזק, נעם דיר א שטיקל גמרא, מאך דיר א שיעור, וועסט דיך מחיה זיין, וועט דיך עס מחזק זיין".

געפאלגט וואס ער האט מיר געהייסן און איך חזר דעם אשכילך בינה, און איך קאן זיך אריין דערין!״.

פאר א צוויי וואכן צוריק, איז דער זעלבער אינגערמאן נאכאמאל געווען אין טורמע און ער האט געזאגט פאר הר״ר נחמי׳ שליט״א: ״איר זאלט וויסן איר האט מיר געשאפן א נייעם לעבן! איך קען נישט גלייבן ווי ווייט איך בין געווען באגראבן אונטער דער ערד און בלויז איין וויזיט האט מיך ארויסגענומען אינגאנצן און מיר ערקלערט מיין גאנצן לעבן אז אן די תורה איז נישטא גארנישט. אז מען וויל זיין דבוק צום הייליגן בורא, זיין בשמחה, קען מען נאר דורך די הייליגע תורה!״.

ווען הר״ר נחמי׳ שליט״א האט מיר דאס פארציילט האט ער ארויסגעפירט מיט א געוואלדיגע התרגשות בלשונו:

״..נו נאסאדער רב וואס זאגסטו צו דעם? איז פארהאן א גרעסערע שמחה ווי דאס קען זיין, אז איך האב א חלק אין א צווייטן איך אויך ארויסצונעמען פון אונטער די ערד, אריינצוברענגען עפעס א שמחה אין רבוש״ע.

״איך האף און איך בעט בעט דעם אייבערשטן ער זאל מאכן מדה כנגד מדה, איך בין משמח א צווייטן אין אזעלכע שווערע מצבים, אידן זענען אין גלות, זאל ער אונז אויך משמח זיין, ארויסנעמען מיך מיט אלע אידן אינאיינעם צוזאמען וועט זיין די גרעסטע שמחה וואס איז שייך.

און ר׳ נחמי׳ האט אויסגעפירט:

״לאמיר זיך וואונטשן איינער דעם אנדערן, איך וואונטש אן פאר דיר, השי״ת זאל העלפן די גאנצע כלל ישראל זאל פועל׳ן ביים רבש״ע, אונז אלע זאל מיר אויסגעלייזט, ווערן פון דעם ביטערן גלות, דעם גרויסן תפיסה, און דו וועסט שוין אויך ארויסקומען גלייך תיכף, נאר איך בעט דעם אייבערשטן, ביז דערווייל, ביז די קרעטשמע זאל איך אויך קענען ארויסקומען, ויוציאנו מאפילה לאורה!״

## קרית יואל וואכנשריפט:

מבהיל על הרעיון! א איד צווישן די גראטעס, אין די שווערסטע אומשטענדן. אבער מיט א אמת׳ע טיפע אמונה איז מען גאר דער וואס קען מחזק זיין אנדערע.. עס שיינט ארויס די געהויבנקייט און העכערקייט. רבי נחמי׳ מחייב! מיר לעבן היינט אין אזא שווערע וועלט ארומגענומען צווישן גוים און די גרועים שבאומות. און מען קען זיך דאך אויפהייבן און לעבן מיטן אויבערשטן.

מיר וואלטן געוואלט פרעגן עפעס. מיר האבן געהערט נאכזאגן בשם נאסוידער רב א גאר שוידערליכע געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט מיט רבי נחמי׳. איר האט דאס פארציילט פאר עטליכע אינגעלייט ביי א וואכנאכט. אפשר וואלט איר דאס געוואלט מיטטיילן מיט די וואכנשריפט לייענער?

## הרב מנאסויד שליט״א:

גוט אז איר פרעגט. איך האב דאס אינזין געהאט צו פארציילן, אבער צו שילדערן אזא איבערלעבעניש דארף מען האבן א רואיגע מח, עס לאזט זיך נישט לייכט שילדערן די סטראשונקעס און לעבנס געפארן וואס רבי נחמי׳ שטייט דארט אויס פון די טונקעלע פארברעכער. אבער עס איז נישט פאר היינט. אי״ה אין א קומענדיגע געלעגנהייט.

## קרית יואל וואכנשריפט:

א גרויסן יישר כח פאר אייער צייט. און מיר האפן אויף קומענדיגע וואך צו הערן פון אייך מער איבער ידיד כל בית ישראל רבי נחמי׳ שליט״א ה׳ יוציאים מאפילה לאורה בקרוב ממש.


ב״ה

(1)

מוצאי יוהכ״פ תשפ״ב לפ״ק

לכבוד הרה״ח ר׳ נחמי׳ צבי וועבערמאן שליט״א

א גוט יום טוב, דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן אויפגעפועל׳ט אלעס גוטס, א שנת גאולה וישועה לנו ולכל ישראל, אמן

עכשיו הוא 10:25 מוצאי יוהכ״פ, אחר אויספאסטן, ועבודת עבודה להסוכה, הזמן קצר, מחמת שכל היומים דין התאום הוא שבת, כבחינת דבוקך תאמר מי יתן ׳ערב׳ ולערב׳ תאמר מי יתן בוקר. אוין איך מוכט זיך אין דעם אין דער יום טוב דאן!

בפרק ג׳ איתא ׳מתלמידי יותר מכולם׳, בהאי שתא נתוודע לו אמאי אין אומרין עלינו משך כל היום, רק אחר מוסף, מנחה, נעילה, רק אחר מעריב, לפני יום כשלמדתי מתוך עם תלמידי אמרתי להם שאין אומרין עלינו וכו׳, ואמרתי שאיני יודע אמאי (קוה ... ואין כאלוקינו איתא טעם ע״ז שנתתקן כנגד מנוה בכלל ובכל אומרין פיטום הקטרת דקול רם ויוצאין ע״ז, ובשאר ספרים איתא שאומרו קוה בשעה שמוציאין היום תמידין, וכן הלכות דורש של כ׳) ומה יוד בפשיטות שתפלת עלינו אומרין בשעה שיוצאין מבית המקדש, וביום כבתר אומרין להתפלל אחר תפלת ערבית ובמוצ״ש אומרין עלינו.

זקני הרה״ח ר׳ יחזקאל איזענבערגער ע״ה היה לו החזקה לומר תהלים דלה יום הקדוש בבית מדרשו של רבינו זי״ע ואומר ג״פ וחצי, התחיל לומר בשעה 12:00 וגמרו בשעה 2:00 ואח״כ המשיך עד 4:00 ואח״כ המשיך עד 6:00 ואח״כ אמר עוה״פ חצי תהלים עד 7:00, ואח״כ ישן עד התפלת שחרית

ווי האט יענער געזאגט ברוך שאמר ׳והיה העולם׳ אמאל איז געווען א וועלט!

זקני הנ״ל עבד אצל אחד ׳אמעריקאנער איד׳, פון די אלטע סארט אמעריקאנער והוצרך לבוא חוה״מ, ושאל זקני מרבינו זי״ע אם אמר לו לילך חוה״מ אל העבודה ומה רבינו, שיכול לילך אבל לא יקבל התשלומין, רק יעבוד בחנם, ואמר אותו פעמים כשבאה הבעה״ב שאינו מקבל התשלומין שאל לו לפשר הדבר, ענה זקני שכך צוה לו רבו, אמר הבעה״ב ״אם הדבר כן, אני פוטר

**פאלגענד איז א בריוו געשיקט צו רבי נחמי׳ וואס א חשוב׳ע לייענער האט מיטגעטיילט מיט די רעדאקציע**

## דער באזוכער האט געטראפן א נייע וועלט!

ר׳ נחמי׳ פארציילט מיר ווייטער:

מען האט זיך געזעגנט. דער יונגערמאן איז אהיימגעפארן.

אבער דעם קומענדיגן טאג האט מיין זון געטראפן דעם יונגערמאן אין ביהמ״ד, האט דער איד געזאגט פאר מיין זון, איך בין נעכטן געווען ביי דיין פאטער. איך האב אים נישט געקענט, און איך ווייס נישט וויאזוי איז געשען, אבער איך וועל זאגן דעם אמת: ווען איך בין ארויסגעקומען פון דארט האב איך מיך געטראפן אויף א נייע וועלט, ס׳איז דא א רבונו של עולם, ער פירט אלעס, ער מאכט אלעס זאל זיין, פארשטיי איך יא, פארשטיי איך נישט, דער בורא כל עולמים איז דער וואס ער טוט דאס, ער איז היה הוה ויהיה!

דער אינגערמאן האט צוגעלייגט: ״איך האב געפאלגט דיין טאטן, איך האב מיך געמאכט א שיעור צופרי און ביינאכט און די גמרא איז מיך מחיה, ס׳איז מיך משמח! דאס זעלבע האב איך

**מען קען זיך פארבינדן מיט רבי נחמי׳ דורך אימעיל. מען קען זיך שרייבן מיט אים וויפיל מען וויל. ענגליש און אויך אידיש.**

**עס ארבעט אז מען דארף זיך צוערשט אויפסייענען אויף די jpay זייטל וואס מען סיינט זיך אריין. און דארט שרייבט מען אריין צו וועם מען וויל שיקן.**

**Mr. Nachemya Weberman 13A0438**

**עס קאסט א סטעמפ. מען קען דארט אויפן סייט קויפן א סטעמפס, איינס ווען מען שיקט ארויס א אימעיל צו אים, און איינס קויפט מען פאר אים ער זאל קענען צוריקשרייבן. די קאסט גייט 2 דאלאר פער 10 בריוון. דאס מיינט אז מען קען פאר 2 דאלאר האבן 5 בריוו אויסטוישן אהין און צוריק.**

**אלעמאל ביים שיקן גייט מען ארויף אויף דזשי. פעי. וועב זייטל ווי אויבן געשריבן און דארט קען מען שיקן בריוון. יעדע בריוו איז דא א מעגליכקייט צוצולייגן א בילד, צומאל שיק איך אריין פאטא קאפיע פון א ספר וכדומה. סאיז זייער וויכטיג צו וויסן, אז יעדע אימעיל געדויערט ארום 7 ביז 8 טעג ביז ווען רבי נחמי׳ באקומט עס! זיי קוקן עס איבער בעפאר א.ד.ג. און פון ווען ער שיקט צוריק קען עס אויך נעמען ביז 7 8 טעג ביז סקומט צוריק זיין בריוו.**

**דער אדרעס צו שיקן בריוו דורך פאסט איז:**

**Mr. Nechemya Weberman DIN 13A0438**
**Shawangunk Correctional Facility**
**200 Quick Rd. Wallkill, NY 12589**


בעז"ה
תוקעין ומריעין כדי לערבב השטן
מיר בלאָזן שופר מעורר צו זיין די הערצער לתשובה, פון וואס דער שטן ווערט צעטומעלט און פאַרלירט זיין מאַכט.
אבער ווי קען מען דען ערוואַרטן א "ערבוב השטן", ווען מיר ברענגן דעם שטן אַליין אין בית המדרש אריין?!..
אצינד "בימי אלול" איז מען זיך פריש מחזק אויסצופּאַלגן דעם קלאָרן דעת תורה, אז אפי' דער וואס נוצט בדיעבד א "סמארטפאָון", זאל עס בשו"א נישט ארויסנעמען אין גאַנצן בנין הביהמ"ד!
מחניך קדוש
לחיזוק וביצור חומת הקדושה בקרב מחנינו
להישמר מפגעי הטעכנאלאגיע
מפעל מחניך קדוש דקהל יטב לב ד'סאטמאר
לחיזוק וביצור חומת הקדושה בקרב מחנינו להישמר מפגעי הטעכנאלאגיע
טעל: 347-974-1121

# אֵלוּ.. וְאֵלוּ..

ציטאטן • אויסצוגן • אבזערוואציעס • קרישקעלעך אויסשניטן • נאטיצן

מ. גראסמאן

אייגנארטיגע קאלירפולער אריינבליק אינעם הויפן פובליקאציעס וועלכע ערשיינט רעגלמעסיג איבער עיר רבתי קרית יואל




## המספיק אין שכונת ויואל משה

א גרויסע שמחה הערשט ביי די מיטגלידער פון דעם המספיק דעי העב אין קרית יואל וועלכער איז אונטער די אנפירערשאפט פון דער געטרייער איבערגעגעבענע די. עס. פּי. (DSP) רבי משה הערש בערקאוויטש, וואס איז די גרויסע שמחה? היינט גייט מען באזוכן דעם שפאגל- נייעם געגענט! דער שטעטל וואס זיי האבן שוין אזויפיל געהערט דערוועגן און מיטגעהאלטן די בוי ארבעט די לעצטערע פאר יאר!

די טייערע תלמידים זענען אנגעקומען צו קרית ויואל משה וואו זיי האבן ערשט באזוכט ביי ר' משה הערש אין זיין נייע היים, דערנאך האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויף א רייכער שפאציר איבער די גאסן פון דעם נייעם דעוועלאפמענט זיך צו באקענען פון דער נאנט מיט דעם נייעם שטעטל וואס איז אזוי בארימט אין פאפולער. וואס ווי באקאנט ווערט ביי "המספיק" געלייגט א שטארגן דגוש אז די קינדער זאלן ווי מער קאמיוניקירן און זיך איינגלידערן מיט דעם אלגעמיינעם ציבור וואס דאס בויעט א שטארקע און געזונטע קשר צווישן די קינדער מיט הייליגע נשמות און די מענטשהייט. און אזוי אויך אז די חשובע תלמידים זאלען זיך אויסלערנען ווי אזוי צו באגיין און קענען רייזען פון איין פלאץ צום צווייטען מיט פאבליק טראנספארטאציע אדער דורך אנדערע וועגן.

במשך עטליכע שעה האבן די טייערע תלמידים שפאצירט אין דעם שטעטל, הנאה האבנדיג פון די שפאגל נייע הייזער און שאסייען, אזוי אויך האבן זיי זיך אפגעשטעלט אין דעם שפיל-פארק פארברענגען אביסל געשמאק אויף די פרייע לופט, פארשטייט זיך אליינס אז ווי זיי זענען געגאנגען זענען זיי גאר ווארעם באגריסט געווארן דורך די איינוואוינער וועלכע האבן הנאה געהאט צו פארברענגען מיט זיי און זיי ערקלערן אלעס איבער דעם נייעם געגענט.

**(המספיק גאזעט - שילדערונג איבער באזוך פון תלמידי ישיבה תורה וחסד אין שכונת ויואל משה)**

## אייז קריעם אין שכונת ברך משה




וואוינענדיג אין די ברך משה געגנט, זענען מיר געווען פון די מזל'דיגע אז די route האט זיך אנגעהויבן דווקא ביי אונזער גאס. די קינדער זענען נישט מיד געווארן פון כסדר פרעגן: "מ'קען שוין גיין נעבן Peppermint צוווארטן פאר די spotless ice cream truck?

ווי נאר דער זייגער האט געוויזן צען צו פיר, האבן מיר זיך מיט גרויס באגייסטערונג געלאזט אויפן וועג צום גרויסן מעמד חלוקת אייז-קריעם. איך האב זיך אביסל געשעמט וויאזוי מיין פיר יעריגער האט געזינגען אויפן העכסטן טאן "אייז-קריעם, אייז-קריעם, די אייז-קריעם טראק איז דא..." אבער זעהנדיג אויך אנדערע משפחות וואס גייען מיט טאנצענדיגע טריט האב איך זיך בארואיגט אז אבי נישט נאר מיין קינד איז אזוי איבערמוטיג...

**(באלעבאסטע - באריכט איבער אייז קריעם פארטיילונג נאכן סוקסעספולן 'ספאטלעס' קאמפיין צו האלטן ריין די שטאטישע גאסן)**

## חתימות דרייוו פאר ערליכע מוסדות




צענדליגער בעלי בתים ואברכים האָבן פאַרגאַנגענע וואָך דאָנערשטאָג זיך צוזאַמגענומען אין ספינקער ביהמ״ד, צו די וויכטיגע אסיפה ״על בנינו״ וואָס כשמו כן הוא האָט מען ברוב עם איבערגעשמועסט פאַרשידענע עצות וויאַזוי צו פאַרזיכערן דעם תכלית הנרצה פון די אייגענע קינדער.

בעיקר האָט מען ביי די אסיפה אויסעשמועסט דעם ברענענדיגן פראָבלעם, פון עלטערן פון משפחות וועלכע האָבן צוליב סיי וועלכע סיבה נאָכנישט געהאַ דעם שטאַרקייט זיך אָפצורייסן פון דעם טריפה׳נעם סמאַרטפאָן, וואָס עס ווייטאָגט צו הערן וואָס קינדער פון ערליכע משפחות קומען צומאָל אַהיים דערציילן אין שטוב, איבער פאַרשידענע שעדליכע זאַכן וואָס מען האָט געהערט פון קינדער פון עלטערן וואָס פאַרמאָגן נאָך סמאַרטפאָונס.

במשך די אסיפה האָט מען מטכס עצה געווען וואָס עס איז שייך צו טון, און מען האָט געהערט פאַרשידענע הצעות און פאָרשלאגן. אַלס ערשטע שריט איז אונטערגענומען געוואָרן א מאַסיווע חתימות-דרייוו דורך די חשוב׳ע עלטערן פאָרצושלאָגן פאר די הנהלת המוסדות, אַז מען זאָל איינטיילן עקסטערע חדרים, און די קינדער פון משפחות אָן קיין סמאַרטפאָונס זאלן לערנען עקסטער, אָפגעטיילט פון די קינדער פון משפחות מיט סמאַרטפאָונס.

דער חתימות דריוו האָט אין די עטליכע טעג זינט די אסיפה, שוין אָנגעשלאָסן הונדערטער עלטערן וואָס זענען באַזאָרגט אויפ׳ן חינוך פון די טייערע קינדער שיחיו.

**(קרית יואל זשורנאל)**

## די שטאָט בויעט זיך



אַ טייל זענען געקומען פון די ׳סיטי׳, וויליאמסבורג, וואו מ׳פלאָגט זיך מיט קליינטשיגע הייזער; אַנדערע זענען געקומען פון שכינות׳דיגן קרית יואל וואו אויך דאָרט מוטשעט מען זיך מיט אַ דירות מאַנגעל; ווידעראום אַ שיינער צאָל קונים זענען ביז-איצטיגע לאָקאַלע איינוואוינער פון ״קרית יטב לב״, וועלכע האָבן געדונגען ביז היינט, אָדער געוואוינט אין קליינע הייזער, און אַצינד האָבן זיי זיך פערמאַנענט באַזעצט אין רחבות׳דיגע דירות.

דאָס איז זייער אַ ווייטגרייכענדע איבערצייגונג; דאָס ווייזט ווי די שטאָט בויעט זיך, אינערליך

ווי אויסערליך! די אייגענע איינוואוינער זענען גליקליך און צופרידן, זיי זענען עקאָנאָמיש מסודר מיט לאָקאַלע פרנסות און ביזנעסער, זיי גלייכן די שטאָט, חן המקום על יושביו,

**(קרית יטב לב ׳וויזיע׳ באריכט איבער דראמאטישע הרחבת גבולי העיר)**

## פארטיגע פרישטאג



א דראמאטישע באריכט צייגט אז איינקויפן פארטיגע מאלצייטן קען אויסקומען ביליגער ווי קויפן די מעניו זאכן אין גראסערי. דער באריכט זאגט אז גראסערי פרייזן אין אמעריקע זענען די פארלאפענע 12 מאנאטן געשטיגן כמעט דאפעלט ווי דעלי און רעסטוראנט פרייזן.

דער באריכט שפיגלט אפ די וואקסענדע פאפולעריטעט פון פארטיגע פרישטאג-מיטאג-נאכטמאל פארציעס אפילו אין גראסעריס וואס פלעגן עס נישט האבן פריער.

**(קרית יואל מעגענעט)**

## גלוטען פרי אין קרית יואל




קרית יואל געשעפטן באריכטן אנגייענדע גוטע סעילס פון ״גלוטען פרי״ פראדוקטן במשך די זומער.

**(קרית יואל היימשטאַט)**

## די מטרה פון א צייטונג

פון די אומצאָליגע שמועסן, געדאַנקען און אָבזערוואַציעס, וואָס מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו הערן פון ר׳ מענדל איבער די יאָרן דערמאַנט זיך פון גאַנץ לעצטנס. נישט לאַנג צוריק האָבן מיר געהערט פון אים איינס פון די ״דער איד״ יסודות; ״כאָטש עס קומט פאָר איבערקערענישן אין די גוי׳אישע וועלט, ברויך ״אידישע טעמעס״ זיין די ערשטע און אָנהייב, ווייל דער רבי זי״ע האָט נישט געגרינדעט אַ צייטונג ״דער איד״, צו דעקן וועלט נייעס, דער ציל איז געווען — האָט ר׳ מענדל האַסטיג געפאָדערט — די אידישע נושאים און ערליכע נייעס בשייכות אחינו יושבי ארץ הקודש, אַלעס אַנדערש איז צווייט ראַנגיג״. עס האָט ווי געפלאָסן פון אים; ודברת ב״ם, ולא בדברים בטלים.

**(דער איד - עדיטאריעל פון הרב י. עקיבא איבער די פטירה פון הרב החסיד הבלתי נשכח ר׳ מנחם מענדל בן ר׳ יחזקאל בינער ז״ל מנאמני בית כ״ק אדמו״ר שליט״א)**

## עיר עוז לנו

בלומינגראַווער אידן גייען בעזר השי״ת ״אַריינברענגען דעם רבי׳נס שטריימל״ אין נאָך אַ געגנט דאָ אין ווילעדזש!

מיר גייען זיכער מאַכן אַז אין דער נאָנטער צוקונפט וועט מען זען אויף די גאַסן פון

״טענעדזשער״ חסיד׳ישע שטריימלעך, ווייסע טליתים און געבלומטע בעקיטשעס! מיר גייען דאָרט אַריינברענגען דאָס לעכטיגקייט פון אַ שבת קודש, דאָס ווארימקייט פון אידישע שטיבער, און די פלאַם פון אַ סאַטמאַרער היימישע געגנט, פונקט ווי מיר האָבן עס געטון מיט אַזויפיל סייעתא דשמיא אין ״ווארלי הייטס״, אין ״לעיק שאור״ און אין ״קעפיטל הילל״.

ואין חכם כבעל הנסיון! פאר אונז תושבי בלומינגראוו דאַרף מען נישט צופיל ערקלערן וויאַזוי מען באַלייכט אַ געגנט מיט דאָס ליכטיגקייט פון תורה און חסידי׳שקייט, מיר קענען דאָס שוין פון אייגענע ערפאַרונג, בדוק ומנוסה, און מיר ווייסן אויך אַז דאָס איז נישט קיין ״על מנת שתעלה לרקיע״. עס פאַרלאַנגט בלויז אַביסל אַנטשלאָסנקייט און גרייטקייט צו פאַרלייכטערן דעם מצב און אַרומנעמען דעם געגנט מיט אַ חומה בצורה פון אידישקייט און ערליכקייט.

**(בלומינגראוו שטימע - עדיטאריעל פון די ראשי העיר)**



## א פארצייטישער מקובל

מודעה חשובה!

א בנש״ק א גרויסער מקובל וואס האט א קמיע פון א פארצייטישער מקובל וואס פויעלט גרויסע ישועות וועט ווילן אין קרית יואל די קומענדיגע וואכן פאר אינטרעסירטע רופט 845.274.8740

אידן פון מאנסי, וויליאמסבורג, קרית יואל, האבן געזען ישועות אין ביזנעס, זרש״ק, שידוכים, קאורט קעיסעס וכו׳.

**(דבר יום ביומו)**

## אפגעבראטן די פאפריקא



אַזוי נעמט יעדע פון די מאכלי שבת א לאנגע ווײלע דאס אנצוגרייטן, ווען אלעס ווערט געמאכט

מיט די בלויזע צוויי הענט, און דעריבער איז נישטא קיין צייט אויף א פרייטאג אויפצונעמען געסט ווען די גאנצע הכנות אויפצונעמען דעם גרויסן גאַסט, דעם הייליגן שב״ק, לייגט מען אריין דעם גאנצן התעוררות און הכנות ׳כי בא אורח׳.

ווער עס געדענקט איז יענע וואָך געווען גאָר ביטערע היצן. אין די שטעטעלע ״וואָלקיל״ איז די היץ גראַד געווענליך מיט 6 ציפערן העכער ווי אין קרית יואל. ווען אין קרית יואל איז 80 איז דארט 86 . מען מעג בלויז האבן א בלאָזער (פען בלע״ז) וואס מען מעג בלויז האלטן אין די האנט..! און דאס טאר נישט זיין גרעסער ווי זיבן אינטשעס. עיר קאנדישאן איז אפגערעדט אז דארט איז נישטא. אויבן אין די שטוב איז צווישן 6 און 7 גראַד הייסער ווי אין די אונטערשטע שטאק.

דאס צו באגרייפן: די לעצטערע וואכן ווען די היץ דא איז געווען אומדערטרעגליך האט רבי נחמי׳ געהאט א פאָפריקא ביי זיך אין שטוב, און פון די שרעקליכע היצן איז עס איינפאַך געווארן... אפגעקאכט!

**(קרית יואל וואכנשריפט - פון די סעריע אינטערוויאו׳ס ״תפיסה ווענט פארציילן״ מיט הרב אברהם יושע פריינד שליט״א מנאסויד איבער זיינע באזוכן ביי האי איש חסיד ונכבד הרה״ח רבי נחמי׳ צבי בן דינא וועבערמאן שליט״א אפגעהאלטן)**


Orange Collision Inc. אין פאר פון אן עקספערט ח״ן, רופט גליך: 24 Hour Towing, Car Rental, Auto Body Repair 845-782-2426

We Patch It, We Paint It, We Clean It. WE CLOSE ANY WALL ANY SIZE. 2-HOUR SERVICE. PatchMan 845.388.1444 WWW.GOPATCHMAN.COM

YOUR GPS From Renter To Homeowner 845-818-0750

OWL SECURITY 845.782.8090 | אברהם יהושע בינעט sales@owlsecurityinc.com

קרית יואל מענער דריי-גודס הויפט קווארטיר. MEN'S CORNER 27 QUICKWAY RD UNIT 104 Free Delivery 845.782.6756

Qbin Closets A Custom Experience. CALL NOW FOR YOUR FREE ESTIMATE 845.324.0004 sales@qbinclosets.com

Berry's Landscaping We Grow Satisfaction 845.204.8138 berryslandscaping@gmail.com

kj vitamins & health food 845.783.8711 21 Hayes Ct. we carry all major brands

די נומער פאר אלע אייערע שמחות! 845 782.1340 בעדין תדוות. טראנספארטאציע רוט איינפארמאציע 845.782.1340

COLORIFIC 845 783.6863

HANDYWORK for a complete job, well done יואל זאק ווייסמאן 845-248-3585

FishDirect 845.253.8040 | מרדכי וואלף בראון

elite healthcare 14 Raywood Dr. 782-4000

פלאמבינג – עלעקטריק 845-239-7697 לייבל קופשטיק

AWR WINDOWS REACH US AT: 845.774.6495 SERVICE@AWRWINDOWS.COM

F&W BOOKKEEPING 845.492.3945

Upstate Collision LEASING RENTAL COLLISION 24 HR TOWING 845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400



# וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק

ליכטיגע שטריכן אַרום דאָס שטורמישע לעבנס געשיכטע פון דעם מרא דארעא דישראל

# כ"ק מרן הגה"ק רבי יצחק טובי' ווייס זצוק"ל
## גאב"ד ירושלים עיה"ק

(פאַרזעצונג פון פריערדיגן נומער)

## התקשרות באילני דחיי

פרשה זו יפה נדרשת - א באזונדער קאַפיטל פאר זיך איז די געוואלדיגע דביקות און התקשרות און אויסנאַמליכע צוגעבינדקייט וואס דער רב זצוק"ל האָט געהאט אין מרן רבינו הק' זי"ע, א טיפער קשר וואָס האָט נישט נאכגעלאָזט עד זיבולא בתרייתא.

ביי יעדע געלעגנהייט, איבערהויפט ביי זיינע פילצאָליגע דרשות היוצאים מקרב לב טהור האָט דער רב זצ"ל אַרויסגעוויזן זיין אינערליכן ברען און התקשרות וואָס ער האָט פאַרמאָגט צו מרן רביה"ק זי"ע, און דערביי איבערגע'חזר'ט ממשנתו הטהורה והצרופה, און צומאל אויך איבערגעגעבן זיינע פערזענליכע אינהאַלטסרייכע זכרונות און איבערלעבענישן וואָס ער האָט מיטגעלעבט בצל הקודש שטייענדיג נעבן דעם גרויסן אור האורות.

אין דער אַלטער היים האָט דער רב זצ"ל נאָכנישט געהאַט די מעגליכקייט צו קענען-לערנען דעם רבי'ן פונדערנאָענט, וואוינענדיג אין די אויבערלענדישע שטאָט "פעזינג", וועלכע איז געווען זייער ווייט פון די געגנטער וואו דער רבי האָט פאַרשפרייט זיין ליכטיגקייט. דאך - פלעגט דער רב אַלץ באַטאָנען ביי זיינע התרגשות'דיגע דרשות ביום כ"א כסליו - תיכף נאך די צווייטע וועלט קריג, אין יאר תש"ה, ווי- נאָר עס איז אים אָנגעקומען די בשורה טובה אַז דער רבי זי"ע איז געראַטעוועט געוואָרן פון די דייטשן ימ"ש, האָט אים דאַן אַרומגענומען אַזא שמחה וחדוה עד אין לשער, ווי אַ שטראל פון ליכטיגקייט אין די שוידערליכע פינסטערניש.

דער רב זצ"ל האָט צוגעגעבן אַז כאָטש ער האָט זיך דאן געפונען אין אַ סביבה וואו מ'האָט נישט אַזוי נאָענט געקענט דעם רבי'ן זי"ע, דאך האָט מען געקענט טאַפן אין דער לופט די שמחה וואָס דער אַלגעמיינער חרדי'שער ציבור פון אלע שיכטן האָבן געהאַט, וויסנדיג אַז די הצלה פון דעם צדיק אמת איז גארנישט קיין הצלה פאַר'ן יחיד הדור, נאר דאָס איז א הצלה פאַר'ן גאַנצן כלל ישראל.

דער רב זצ"ל האָט אַלץ גערעדט דערפון מיט גרויס התרגשות, אַז ווען דער רבי זי"ע איז געראַטעוועט געוואָרן האָט זיך די גאַנצע וועלט מיטגעפריידט דערמיט, אַז דער צדיק הדור וואָס איז ידוע בצדקותו ובפרישותו, האָט אַדורכגעלעבט דעם ביטערן גיהנם. יעדער האָט זיך געפריידט וויסנדיג אַז מיט זיין הצלה איז דאָ אַ האָפענונג פאַר אונזער דור צו גיין אין די פיסטריט פון די קדושי עולם פונדערהיים, און דורכאויס די יאָרן איבערצייגט מען זיך טאַקע אַז דער נס ההצלה איז נישט געשען בלויז לשעתו, נאָר עס איז אַ נס וואָס האָט אַן המשכה און עס געשעט ווייטער טאָג טעגליך. ווען די אַלע נאָכפאַלגנדע דורות, די צענדליגער טויזנטער אידן וואָס גייען בדרך התורה והיראה, איז אלץ צו פאַרדאַנקען דעם רבי'נס הצלה. עס איז געווען אן הצלה פאַר די אַלע דורות ביז משיח וועט קומען.

דאָס ערשטע מאל וואָס דער רב זצ"ל האָט געהאָט די זכי'ה צו זען צורת קדשו פון רבי'ן זי"ע, און זיך אָנצוזאַפן מאורו, איז געווען אין יאר תשי"ב, ווען דער רבי זי"ע האָט אָפגעשטיגן אין לאָנדאן אויפ'ן וועג צוריק פון ארץ ישראל.

דער רב זצ"ל פלעגט אַלץ געבן די "קרעדיט" דערויף פאַר מורו ורבו הגאון הגדול רבי שלמה בוימגאַרטן זצ"ל דיין דקהל "עדת ישראל" און רב "דביהמ"ד "תורה עץ חיים" אין לאָנדאן, וועלכער האָט מיט עטליכע וואָכן פריער זיך מסתופף געווען בצל קדשו פון רבי'ן אין אַנטווערפען, וואו דער רבי האָט געוויילט אויף צוויי שבתים זייענדיג אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל.

דער רב פלעגט באַטאָנען אַז כאָטש זיין רבי ר' שלמה בוימגאַרטן זצ"ל האָט לגמרי נישט באַלאַנגט צו קיין חסידי'שן קרייז, און האָט ביז דאַן נישט געהאַט קיין גרויסן שייכות מיטן רבי'ן, דאך איז ער שטאַרק איבערגענומען געוואָרן פון די טעג וואָס ער האָט געוויילט במחיצת קדשו פון רבי'ן זי"ע אין אַנטווערפען, ער איז גאָר שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן פון דעם רבי'נס מבהיל'דיגן כח התורה, פון די מורא'דיגע דרשות און דברי



גאבד אצל ציון הק' בקרית יואל

תורה, און הייליגע עבודת הקודש, וואָס ער האָט צוגעזען ביים רבי'ן זי"ע, און באַלד נאך שבת, ווען ר' שלמה זצ"ל איז צוריקגעקומען פון אַנטווערפען, האָט ער איבערדערציילט פאר'ן רב זצ"ל מיט אַן אויסטערלישע התפעלות און באַגייסטערונג וועגן די געהויבענע און ערהאַבענע טעג וואָס ער האָט זוכה געווען צו געניסן במחיצת הקודש ביים רבי'ן אין אַנטווערפען, און דאָס האָט אָנגעצינדן אין אים א ברענענדיגע תשוקה אויך צו האָבן די זכי' חוסה זיין בצל הקודש פון רבי'ן זי"ע, און דאָס האָט אים באַוואויגן צו מאַכן דעם וועג פון גע'יטסהעד קיין לאָנדאן, וואו ער האָט זיך טאַקע מסתופף געווען צום ערשטן מאל בצל הקודש פון רבי'ן זי"ע.

יענער שבת פר' ראה תשי"ב איז ווירקליך געווען דער "אבן היסוד" ווען עס האָט זיך איינגעפעדימט דער אויסטערלישער שטאַרקער קשר און דביקות פון רב זצ"ל צום רבי'ן זי"ע. כל ימי חייו האָט דער רב זצ"ל איבערדערציילט מיט התרגשות פון יענע געהויבענע מאָמענטן וואָס ער האָט זיך מסתופף געווען בצילא דמהימנותא, און כסדר נאָכגעזאָגט ביי אַלע געלעגנהייטן פאַר רבבות אלפי ישראל פון די פלאַמפייערדיגע דרשות וואָס ער האָט דאַן געהערט מפה קדשו פון רבי'ן וואָס זענען אים געבליבן ממש ווי נכסי צאן ברזל עד זיבולא בתרייתא.

דער רב זצ"ל פלעגט זאָגן אַז בלויז פון די געציילטע דרשות פון יענעם שבת האָט ער זיך מיטגענומען כלשון קדשו "פיל יסודות היהדות אין אלע ענינים". באַזונדער פלעגט דער רב באצייכענען די לענגערע דרשה וואָס דער רבי האָט דאַן געזאָגט שבת צופרי פאַר קריאת התורה אין דעם 'אביגדור' האל אין לאָנדאָן, ביי וועלכן דער רבי האָט אַוועקגעשטעלט גאָר שטאַרקע און וויכטיגע יסודות בעניני הדת, ובעניני השקפה טהורה, ווי ער האָט אין זיינע הייליגע ווערטער אַריינגעדרינגען אין אידישע הערצער לויטערע ריינע אמונה, מ'זאל ח"ו נישט נאָכגעשלעפט ווערן נאך די בייזע ווינטן וואָס בושעווען אין די גאַסן, און זיך האַלטן פעלזן פעסט מיטן דרך המקובל מאבותינו ורבותינו הק'. דער רב זצ"ל האָט אָנגעטייטלט אויף די דרשה בלשון קדשו: "אָט פון די איינציגע דרשה האָב איך מיטגענומען שטאף אויף אַ גאַנצן לעבן!".

עס איז מערקווירדיג, כי מאת ה' היתה זאת, אַז פונקט אויף יענעם שבת זענען געקומען צו פאָרן קיין לאָנדאן די צוויי צוקונפטיגע מנהיגי ורועי ישראל, מרן הגה"ק בעל מנחת יצחק זצ"ל ווען טאַקע ביי יענער דרשה האָט דער רבי גאָר ברייט אַרומגערעדט און אויסגעשמועסט די יסודות בעניני הדת ובהשקפה טהורה, וועלכע דינען ווי אבני יסוד אינעם דרך הרבנות וההנהגה ע"ד המסורה. און די הייליגע ווערטער האָט טאַקע שטענדיג באַגלייט די צוויי מאורות הגדולים וואָס אויף זיי איז שפעטער געפאַלן דאָס שליחות צו שטיין אין שפיץ פונעם כלל ישראל להורות לבני ישראל את המעשה אשר יעשון ולנחותם הדרך.

מיט נאָסטאַלגיע און בענקשאַפט פלעגט דער רב אויספירן זיינע ווערטער רעדנדיג איבער יענעם שבת: "דעם שבת וואָס איך האָב מיטגעהאַלטן ביים רבי'ן אין לאָנדאן. איז געווען אַ מורא'דיגער שבת! דאָס קען מען נישט פאַרגעסן, איך וועל עס קיינמאל נישט פאַרגעסן!". דער רב האָט צוגעגעבן: "דאַכט זיך מיר אַז יעדער וואָס איז דאָרט געווען קען נישט פאַרגעסן וואָס מען האָט דאָרטן געזען און געהערט".

עס איז פאַסיג אַראָפצוברענגען לשונו הזהב פון מרן הגאב"ד זצ"ל אין זיין הסכמה אויפ'ן ספר "באילנא דחיי" אין וועלכן ער דערמאַנט מיט התרגשות איבער יענעם שבת:

זכיתי להתענג מהוד קדושתו ולשהות במחיצתו של צדיק כמה פעמים מאז אותו שבת קודש פרשת ראה בשנת תשי"ב שנסעתי לעיר לאָנדאָן יצ"ו בעצת קדשו של מו"ר הגאון רבי שלמה בוימגאַרטן זצ"ל אשר בעצמו התלהב בהתפעלותו לאחר שזכה לשבות במחיצתו בשב"ק פר' שלח תשי"ב בעיר אנטווערפען יצ"ו, והרבה תמכתי יתדותי על אותם הדברים הקדושים ששמעתי אז יוצאים מפורש מפה קדשו, לא משו ולא ימושו מאתי עד עולם. עכל"ק.

*

פון דאַן און ווייטער איז דער רב זצ"ל געבליבן מקושר אין די תורת אמת פון רבי'ן זי"ע, און איז געוואָרן דבוק בשיטתו הק' מיט אַ געוואַלדיגע דביקות.

מיט עטליכע יאר שפעטער, שבת קודש פרשת בהעלותך שנת תשי"ט, האָט דער רב זצ"ל נאָכאמאל זוכה געווען מיטצוהאַלטן אַ שבת מיט'ן רבי'ן זי"ע אין לאָנדאן. דער רב האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין לאָנדאן, און האָט ווי פאַרשטענדליך אַלעס מיטגעהאַלטן ביים רבי'ן זי"ע.

דער רב זצ"ל פלעגט דערציילן אַז ער האָט דעמאלט בייגעוואוינט די פעולות וואָס דער רבי האָט דאַן עוסק געווען מיט שתדלנות פאַר פדיון שבויים פון די סקולענער רביים כ"ק אדמו"ר הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זצ"ל ובנו כ"ק אדמו"ר הרה"ק מהרי"א מסקולען זצ"ל וועלכע האָבן דאַן געשמאַכט אין טורמע אין רומעניע אונטער דעם קאָמוניסטישן רעזשים, און דער רבי זי"ע האָט זיך שטאַרק אָפגעגעבן מיט פעולות און שתדלנות זיי צו באַפרייען פון טורמע.

דער רב האָט דערציילט אַז יענעם שבת ווען דער רבי האָט געווילט אין לאָנדאָן, בשעת'ן עריכת השולחן, איידער דער רבי איז צוגעגאַנגען מאַכן קידוש, איז צוגעקומען צום רבי'ן דער באַרימטער עסקן הר"ר אהרן גודמאַן ע"ה און דער רבי האָט זיך אַוועקגעשטעלט רעדן מיט אים א לאַנגע צייט איבער די אַנטוויקלונגען פון די שתדלנות וועגן די באַפרייאונג פון סקולענער רבי. עס איז געווען אַ גרויסער חידוש אין אַלעמענ'ס אויגן, ווי אינמיטן פירן טיש, ווען דער פאַרזאַמלטער עולם שטייט און וואַרט צו הערן דער רבי זאל אָנהייבן קידוש מאכן, איז גאָר דער רבי פאַרנומען מיט שתדלנות פאַר פדיון שבויים.

דער רב זצ"ל פלעגט אויך אַסאַך נאָכזאָגן און ציטירן פון די פלאַמפייערדיגע דרשה וואָס דער רבי האָט משמיע געווען יענעם שבת נאָכמיטאָג, אין וועלכן דער רבי האָט ברייט אַרומגערעדט פילע און וויכטיגע יסודות אין אידישקייט ובתיקון הדת.

צווישן אַנדערן האָט דער רבי אויסגעטייטשט די פסוקי המקרא, און אַרויסגעברענגט דערפון אַ וויכטיגן מוסר השכל, אַז אפילו מציאת חן אין די אויגן פון די גוים איז געוואָנדן צי די אידן זעלבסט גייען נאך די וועגן פון זייערע עלטערן, וואָס נאר דעמאָלט קען מען האָבן נשיאות חן אין זייערע אויגן, אַנדערש טוט דאָס פונקט די פאַרקערטע פעולה. אַזוי ווי מיר זעען דאָס בחוש אין די



**אדמורי"ם לבית סקולען זצוק"ל**

לעצטערע דורות, אז דוקא אין די מדינות וואו אירע אידישע איינוואוינער זענען נאָכגעגאַנגען די וועגן פון די גוים און האָבן פרובירט זיי צו געפעלן, אָט פון דאָרט איז אַרויסגעקומען דאָס שלעכטס אויף אידן און שנאת ישראל רח"ל.

*

בתלתא זימני הוי חזקה - דאָס דריטע מאל וואָס דער רב זצ"ל האָט חוסה געווען בצל קדשו פון רבי'ן איז געווען שב"ק פר' מטות מסעי שנת תשכ"ה אין לאָנדאָן. דאַן איז דער רבי געווען אויפ'ן וועג צוריק פון ארץ ישראל וואו ער איז געווען עטליכע וואָכן. דער רבי איז פאַרבליבן אין לאָנדאָן ביז מיטוואָך פר' דברים, דאַן איז דער רבי געפאָרן קיין שווייץ אויף אָפרוה וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף דריי שבתים.

אין לאָנדאָן איז דער רב מיטגעגאַנגען מיט'ן רבי'ן אויף א באַזוך אין הויז פונעם מרא דאתרא הגה"צ רבי חנוך דוב פאַדוואַ זצ"ל. הרב פאַדוואַ האָט דאַן געבעטן פון רבי'ן זי"ע ער זאל קומען זען די מקוה וואָס מען האָט דאַן געבויעט אין לאָנדאָן. האָט זיך דער רבי זי"ע אָנגערופן: "די לאָנדאָנער מקוה שטייט איין אין גוטע הענט, איך ברויך עס נישט זען".

אויף שבת פרשת ואתחנן, שבת נחמו, איז דער רב זצ"ל געפאָרן קיין שווייץ וואו דער רבי האָט געווײַלט אויף אָפרוה. דער רב איז דאָרט אָנגעקומען פרייטאָג צופרי ווען דער רבי האָט געהאַלטן פאַר'ן דאַווענען, און ער איז תיכף געגאַנגען אין ביהמ"ד מיטצוהאַלטן דעם רבי'נס עבודת התפילה, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט גאנץ נאָענט צום רבי'ן זי"ע.

א מערקווירדיגע זאַך האָט דער רב דערציילט, אַז אויך שבת צופרי פאַר'ן דאַווענען האָט ער זיך אוועקגעשטעלט נאָענט צום רבי'ן, צוצוקוקן די עבודת התפילה פון רבי'ן, און בעפאָר דער רבי האָט אָנגעהויבן צו דאַווענען האָט ער געהערט ווי דער רבי זי"ע האָט אַ שריי געטאָן: "הריני מוכן ומזומן להתפלל תפילת שחרית". דער רב האָט דאָס געשילדערט: "דער רבי האָט דאס געזאָגט מיט אַזאַ ברען און אַ קאך אַז עס האָט מיר אָנגעכאַפט אַ ציטער און אַ סקרוך איז מיר אַדורכגעלאָפן אין מיינע ביינער. די שפעזן האָט זיך מיר שוין אויסגעצאָלט בלויז דאָס צו הערן! עס שטייט מיר נאך יעצט פאַר מיינע אויגן די מראה ווי איך שטיי נעבן רבי'ן, און דער רבי זאָגט מיט אַ קאך די ווערטער הריני מוכן וגו', עס איז מיר אריין אין אלע ביינער".

דער רב האָט בשעתו אפגעשריבן דעם תוכן פון די לאַנגע שלוש סעודות תורה וואָס ער האָט דעמאָלט זוכה געווען צו הערן פון רבי'ן זי"ע. דער רבי האָט דערביי מאריך געווען איבער דעם איסור פון נעמען אַ גאולה פאַר די צייט, און אַז נאָר דער אייבערשטער קען אונז אויסלייזן פון גלות.

דער רבי האָט דאָס אַריינגעטייטשט אין די הפטורה - נחמו וואָס דער פסוק (אין ישעי', מ) חזר'ט עטליכע מאל איבער די ווערטער "יבש חציר נבל ציץ" וגו', אכן חציר העם יבש חציר נבל ציץ וגו', און ער פירט אויס 'ודבר אלוקינו יקום לעולם', מרמז צו זיין אַז נאר די גאולה וואָס וועט קומען פון אייבערשטן דאָס וועט האָבן אַן אייביגן קיום, משא"כ אַ פאַלשע גאולה וואָס קומט דורך מעשי בני אדם, וואָס אידן נעמען זיך אַליין בזרוע בשר.

דער רב פלעגט דערציילן מיט התרגשות אַז יענעם מוצאי שבת איז ער אַריינגעגאַנגען זיך געזעגענען ביים רבי'ן זי"ע. דער רבי איז דעמאלט געזעסן אַליין אין זיין צימער פאַרטון אין זיין עבודת הקודש, און ווי נאר דער רב האָט איבערגעטרעטן דעם שוועל פון רבי'נס צימער האָט אים דער רבי ענטפאַנגען מיט אַזא "ברוך הבא", און האָט זיך אָנגערופן צו אים הויך אויפ'ן קול מיט אַזא העפליכקייט: "וואָס טוט איר?".

ברוב ענוותנותו פלעגט דער רב באַטאָנען אַז ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס עפעס האָט ער זוכה געווען צו אזא ברוך הבא, ער פאַרשטייט נישט וואָס האָט דער רבי איינגעזען אין אים. ווי דער רב פלעגט דאָס שילדערן בנעימות לשונו: "איך בין נאך געווען גאנץ אַ יונגערמאַן, און איך ווייס נישט צי דער רבי האָט מיך בכלל געקענט, און דאָ האָט מיך דער רבי אויפגענומען מיט אַזא העפליכקייט באַקומענדיג אזא אומגעריסן קבלת פנים פונעם גרויסן צדיק וקדוש. איך בין אַזוי איבערגענומען געוואָרן אַדורך און אַדורך, און די האַרציגע ווערטער מיט וואָס דער רבי האָט מיר דעמאָלט ענטפאַנגען קלינגען מיר נאך ביז יעצט אין די אויערן".

*

אין יאָר תשכ"ו איז געווען גאָר אַן ערנסטער מדובר, אויפצונעמען דעם רב זצ"ל אלס ר"מ אין די ישיבה הק' ד'סאַטמאַר. דער רעיון איז אויפגעקומען דורך דער ראש ישיבה הגה"צ אבד"ק שאָפּראָן זצ"ל, וועלכער האָט גוט געקענט דעם רב זצ"ל און האָט אים רעקאָמענדירט, אָבער די התמנות איז למעשה נישט אַרויס מן הכח אל הפועל, צוליב דעם וואָס דער רב האָט דאַן שוין געדינט ברבנות אין אַנטווערפען, און ס'איז אים אָנגעקומען שווער זיך אַוועקצוציען פון דאָרט.

*

אין די שפעטערע יאָרן שוין זייענדיג אַ רב ויושב על מדין אין אַנטווערפען, האָט דער רב זצ"ל פאַרגעזעצט צו פאָרן קיין אַמעריקע זיך מסתופף זיין בצל הקודש פון רבי'ן זי"ע. ווי דער רב פלעגט זיך אויסדריקן: "עס איז כדאי געווען צו פאָרן פון איין עק וועלט צו די אַנדערע בלויז צו זען דעם רבינ'ס הייליגע צורה".

פילע אידן אין אַנטווערפען האָבן כסדר מיטגעשיקט מיט'ן רב קוויטלעך און הזכרות צום רבי'ן. יעדער באַזוך עקסטער האָט אויף אים איבערגעלאָזט גאָר שטאַרקע איינדרוקן, און זענען נישט פאַרגעסן געוואָרן פון אים לעד ולנצח.

דאָס לעצטע מאל וואָס דער רב זצ"ל איז געווען ביים רבי'ן זי"ע איידער זיין הסתלקות לחה"ה, איז געווען שבת חנוכה שנת תשל"ט. דער רב איז אָנגעקומען קיין קרית יואל דאָנערשטאָג אָוונט, און דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען אל הקודש פנימה צום רבי'ן זי"ע. דער רב האָט צוערשט איבערגעגעבן פאַר'ן רבי'ן זיין אייגענעם קוויטל, און דערנאך האָט ער איבערגעגעבן פאַר'ן רבי'ן נאך עטליכע קוויטלעך וואָס זיינע ידידים פון אַנטווערפען האָבן מיטגעשיקט מיט אים.




היות די קוויטלעך פון די אַנטווערפענער אידן האָבן זיי אַליין געשריבן - און זענען נישט געשריבן געוואָרן דורכ'ן משב"ק - דעריבער האָט דער רבי האָט איבערגעלייענט יעדעס וואָרט פון די קוויטלעך פאַמעליך און געלאַסן, און וואָס ער האָט נישט געקענט לייענען האָט ער געבעטן דעם רב ער זאל אים דאָס פאַרלייענען.

ביי איינע פון די קוויטלעך פון אַ איד, נישט קיין סאַטמאַרער חסיד, וועלכער האָט אַריינגעשריבן אינעם קוויטל אַז זיינע קינדער זאָלן אויסוואַקסן תלמידי חכמים און יראי ה' און מצליח זיין בלימודם, ווען דער רבי האָט דאָס געענדיגט לייענען, האָט זיך דער רבי אפגעשטעלט און געפרעגט דעם רב: "ער האָט גאַרנישט באַפוילן נאך עפעס צו מזכיר זיין?" האָט דער רב געענטפערט אַז ניין!

דער רבי קוקט ווידעראַמאל אַריין אינעם קוויטל, און פרעגט נאָכאַמאל דעם רב: "ער האָט גאַרנישט באַפוילן עפעס צו מזכיר זיין?". דער רב וועלכער איז געשטאַנען פאַר'ן רבי'ן באימה וביראה האט פרובירט זיך צו דערמאַנען, אָבער ניין, ער געדענקט נישט אַז דער איד זאל אים האָבן עפעס אָנגעזאָגט ער זאל מזכיר זיין פאַר'ן רבי'ן. אָבער צום רב'ס שטוינונג האָט דער רבי נישט נאָכגעגעבן און ער פרעגט אים אַ דריטן מאל: "ער האָט גאַרנישט באַפוילן מזכיר צו זיין אַ ספעציעלע הזכרה?..."

ערשט ביים דריטן מאל, האָט זיך דער רב געכאַפּט, אַז די פרוי פון דעם איד איז געוויטיגט אין אַ גרויסע ישועה, און ווי עס ווייזט אויס האָט דער איד זיכער פאַרגעסן אַריינצושרייבן אינעם קוויטל זיין עיקר בקשה אַז זיין אידענע ברויך געהאָלפן ווערן מיט אַ רפואה. אַזוי ווי דער רב האָט זיך דאָס דערמאנט, האָט ער זיך אָנגערופן צום רבי'ן אַז דער איד האָט אים גאַרנישט געהייסן מזכיר זיין אָבער ער ווייסט אַז זיין אידענע איז זייער נישט געזונט. דער רבי האָט זיך אינטערעסירט איבער איר קראַנקהייט, און דאַן

האָט דער רבי אָנגעוואונטשן מברכות קדשו אַז זי זאל האָבן אַ רפואה שלימה ומהירה בתוך שאר חולי ישראל, און דאַן האָב זיך דער רב געזעגנט וועלנדיג אַרויסגיין מביתו נאוה קודש.

ווען דער רב האָט דערציילט די מעשה האָט ער געזאָגט בנועם לשון קדשו: "אי בעית אימא רוח הקודש, אי בעית אימא סייעתא דשמיא, למעשה - איבעריג צו זאגן - אז נאך אַ קורצע צייט איז די פרוי ב"ה פולקאָם געזונט געוואָרן, זי איז צוריקגעקומען צו אירע כוחות, און האָט נאך געלעבט איבער דרייסיג יאָר זינט יענע פאַסירונג".

ביי יענעם באזוך, ווען דער רב איז אַרויס מן הקודש פנימה, איז געקומען צו לויפן איינער פון רבי'נס גבאים און געזאָגט פאַר'ן רב זצ"ל אַז דער רבי בעט ער זאל צוריק אַריינקומען. אריינקומענדיג צום רבי'ן האָט אים דער רבי געזאָגט: "דער איד האָט געשיקט טויזנט בעלגישע פראנק [פאַר א פדיון], איר קענט מיר אויסרעכענען וויפיל עס קומט אויס אין אַמעריקאַנער דאלאַר?". האָט דער רב געענטפערט פאַר'ן רבי'ן אַז עס קומט אויס דריי און דרייסיג דאלאָר!. - לויט ווי מ'האָט דעמאָלט געזאָגט פאַרן רב אַז דער רבי גיט אַראָפ מעשר פון די קוויטל געלט, דעריבער האָט דער רבי געוואָלט וויסן וויפיל עס קומט אויס אין דאלאַרן.

נאָך האָט דער רב זצ"ל דערציילט איבער יענעם שבת חנוכה וואָס ער האָט געווײַלט בצל הקודש: אויף יענעם שבת חנוכה איז געקומען א גרויסער עולם צו פאָרן קיין קרית יואל צו ווײַלן דעם שבת בצל הקודש פון רבי'ן זי"ע. און אינמיטן יענע וואך האָט לײַדער פאַסירט א שווערער אומגליק, ווען אַ יונגערמאַן איז געפאָרן מיט אַ קאַר פון וויליאַמסבורג קיין קרית יואל און עס האָט אים באַטראָפן אַ שווערער עקסידענט אויפ'ן וועג פון וואָס ער איז לײַדער אומגעקומען.

יענעם שבת צופרי פאר קריאת התורה האָט מען געמאכט אַן אַפיעל לטובת די אלמנה און יתומים, די משפחה פונעם נפטר, און מ'האָט דאן אויסגערופן אז דער רבי האָט געהייסן איבערגעבן, אַז דער פשט פון 'אחד מן החבורה שמת ידאגו כל החבורה' מיינט אויך, אַז יעדער פון די חבורה דאַרף צו זארגן אויף די בני המשפחה פונעם נפטר אַז זיי זאלן ווייטער קענען אָנגיין און זיך ערנערן בדרך כבוד. און אויסער דעם פשוט'ן פשט פון 'ידאגו כל החבורה' אז די בני החבורה דאַרפן זיך מתעורר זיין לתשובה ותיקון המעשים, מיינט אויך די כוונה 'ידאגו' אַז זיי זאָלן זארגן אויף די משפחה פונעם נפטר וועלכע זענען געבליבן יתומים אן קיין פאַרזאָרגער, זיי אויסצוהאַלטן און מפרנס זיין.

כ"ו מנחם אב תשל"ט, דער יום המר והנמהר ווען דער רבי זי"ע איז נסתלק געוואָרן לגנזי מרומים, האָט דער רב זצ"ל דאַן פונקט געהאַלטן אינמיטן רעדן טעלעפאָניש מיט'ן בעלזער רב פון מאָנטרעאַל הגה"צ ר' יעקב יצחק ניימאן זללה"ה איבער א געוויסן ענין. אינמיטן דעם טעלעפאָן געשפרעך איז מיטאמאל אָנגעקומען די טרויעריגע ידיעה איבער די הסתלקות פונעם רבי'ן זי"ע.


בס"ד
וויכטיגע מיטטיילונג פאר
בעלי שמחה!
בעת איר מאכט חתונה אייער קינד, מאכט זיכער אז אייער שמחה ווערט געזעהן דורך אייערע גוטע פריינט און באקאנטע
ווען איר אדווערטייזט אייער חתונה איינלאדענונג אין
"קרית יואל וואכנשריפט"
קענט איר זיין רואיג אז דאס וועט געזען ווערן דורך אלע תושבי קרית יואל רבתי
כדי דאס צו ערמעגליכן פאר יעדן בעל שמחה, האבן מיר איינגעשטעלט דעם ספעציעלן סייז חתונה איינלאדונגען פאר א צוגענגליכן פרייז פון $100
ביטע, לאזט דאס נישט אויף די לעצטע מינוט!
שיקט עס אריין צייטליך אויף אימעיל: Ads@kyweekly.com
פאר סיי וועלכע פראגע רופט אריין אין אפיס: 845.774.6234


מער האָבן זיי נישט געקענט ממשיך זיין צו רעדן פון גרויס צער און ווייטאָג. מ'האָט תיכף געמוזט שליסן דעם שמועס און אַראָפלייגן דעם טעלעפאָן.

מיט עטליכע מינוט שפעטער איז אַריבער-געקומען צום רב עטליכע יונגעלייט פונעם סאַטמאַרער ביהמ"ד אין אַנטווערפען, וועלכע האָבן אים אַריבערגערופן צו קומען תהלים זאָגן אין ביהמ"ד לרפואת דעם רבי'ן זי"ע. דער רב האָט זיי נישט געוואָלט דערציילן די ביטערע בשורה, ווי שלמה המלך ע"ה זאָגט אין משלי (י, יח) המוציא דיבה הוא כסילי, דעריבער איז ער אַריבערגעגאַנגען אינעם סאַטמאַרער ביהמ"ד צו תהלים זאָגן. אינמיטן תהלים זאָגן איז אָנגעקומען אין ביהמ"ד די ביטערע בשורה איבער די פטירה פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע.



הרב פאדווא זצ"ל

*

אין די לעצטערע יאָרן, זייט י"ד תמוז תשס"ג, ווען דער רב זצ"ל איז אַרויף לכהן פּאֵר אויפ'ן הייליגן בענקל - וואו עס איז געזעסן דער רבי זי"ע - דאָס ירושלימ'ער רבנות, האָט ווי פאַרשטענדליך אָנגעהויבן מער ארויסשיינען ביתר שאת ועוז זיין שטאַרקער קשר ודביקות צו כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, און זיינע הייליגע ספרים

זעענדיג דעם געוואַלדיגן קשר עליון וואָס איז געשאפן געוואָרן צווישן רב זצ"ל און דעם הייליגן רבי'ן זי"ע אין יענע תקופה, איז צום שטוינען צו זען באַשיינפערליך די דרכי ההשגחה העליונה, וועלכע האט געפירט מיט אַריבער אַ יובל יאָרן צוריק, אַז דער צוקונפטיגער רב ומנהיג פון די יהדות החרדית אין ירושלים, זאל אָנבינדן אַזא שטאַרקן קשר צו כ"ק מרן רביה"ק זי"ע, וועלכער האָט דאַן געדינט בפועל אַלס ירושלימ'ער רב און האָט אָנגעפירט מיט אַלע עניני הדת והיהדות, און זאל ווערן דבוק ומקושר בתורתו ובשיטתו הק'.

זיצענדיג על כס הרבנות אַלס ירושלימ'ער רב, וואו עס איז אים אַסאַך אויסגעקומען צו רעדן אל הכלל והפרט איבער די עניני השעה און די אַלע מערכות קודש על שמירת הדת בארה"ק, האָט דער רב כסדר דערמאַנט דעם שטוינענדן פאַקט, אַז צענדליגער יאָרן נאך וואָס דער רבי זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט זיין הייליגע שיטה און השקפה, און בשעתו זענען געווען פיל אידן וואָס האָבן נישט יורד געווען לסוף דעתו הק', האָבן אָבער אלע מודה געווען בפה מלא אַז דער צדיק אמת האָט מיט זיינע ווייטע אויגן פאָראויסגעזען וואָס אַנדערע האָבן נישט געזען.

רעדנדיג איבער די גורל'דיגע ענינים פון געלט-נעמען פאַר די ישיבות, און די גזירה פון גיוס בני הישיבות, האָט דער רב דערמאַנט כסדר אַז מ'זעהט שוין לײַדער היינט אַז חכם עדיף מנביא, ווי גערעכט דער רבי איז געווען בשעתו ווען ער איז אַרויס בחרב ובחנית קעגן די עושי רשע, און האָט געפירט אַ מלחמה אָן קיין פשרות. און אפי' מענטשן וואָס זענען געווען גאָר ווייט פון דעם שטייגער השקפה, זענען היינט מודה בפה מלא כמה גדולים דברי חכמים, דער סאַטמאַרער רב איז געווען גערעכט.

ווער עס האָט נאר באַזוכט בבית מדרשו פונעם רב זצ"ל אויף רח' גבעת משה אין ירושלים, האָט געקענט הערן ביי יעדן שמועס, יעדע דרשה פאַר די בני הכולל, יעדע וואך ביי די שלש סעודות תורה, ווי דער רב זצ"ל האָט זיך שטאַרק געקאָכט אין די ספרי דב"י רב, און האָט כסדר נאָכגעזאָגט פון די הייליגע ספרים פון רביין זי"ע וועלכע זענען געבליבן ווי וועג ווייזער פאַר אונז דעם דור האחרון.

ביי זיינע דרשות האָט דער רב כסדר געפאדערט פונעם ציבור, מ'זאָל זיך חזר'ן די הייליגע השקפה וואָס דער רבי זי"ע האָט אײַנגעפלאַנצט אין כלל ישראל. ווען דער רב זצ"ל האָט גערעדט פאַר א ציבור אנשי שלומינו חסידים פון רבי'ן זי"ע, האָט ער דערמאַנט אַז די אידן וואָס האָבן נאך זוכה געווען צו הערן די דברות קודש פון רבין זי"ע, און די וואָס האָבן געזען זיין הייליגע צורה קענען דאָס קיינמאל נישט פאַרגעסן, זיי דאַרפן דאָס איבערגעבן ווייטער פאַר די קינדער און פאַר די תלמידים. די דברי תורה, די דברי השקפה, און סיפורי מעשיות פונעם הייליגן צדיק "אין וועלכן עס ליגט א לימוד פון אמונה בה' ובמשה עבדו", דאָס איז דער כח אין דעם היינטיגן דור אַז מיר זאלן זיך קענען האַלטן ווייטער צו זיין דבוק אינעם גרויסן אור דער רבי זי"ע תחת הדרכתו פונעם ממשיך דרכו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ביז ביאת המשיח.



# דער כח פון תפילה

## חודש אלול

הרה"ג רבי **שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ ק"ק טאהש

### דער כח פון תפילה

בשעה טובה ומצלחת האבן מיר שוין זוכה געווען אריין צו גיין אין די הייליגע טעג פון חודש אלול, וואס איז א זמן וואס ס'איז געגעבן געווארן פאר אידישע קינדער צו תשובה טוהן צו השי"ת, א זמן וואס אידישע קינדער זענען מער מרבה בתפילה ותחנונים פארן הייליגן באשעפער, אזויווי ס'שטייט אין שולחן ערוך אז ס'איז דא וואס פירן זיך פון ר"ח אלול שטייט מען שוין אויף יעדן טאג פארטאגס און מ'זאגט סליחות, און אפילו אין אונזערע מקומות וואס מ'פירט זיך נישט אזוי, מ'זאגט נאך נישט קיין סליחות, איז מען אבער מער מרבה באמירת תהילים, מ'זאגט מער תהילים פון א גאנץ יאר אזוי ווי ס'שטייט אין מטה אפרים אז יעדן טאג פון חודש אלול זאל מען זאגן מער תהילים פון א גאנץ יאר, און מ'בלאזט שופר יעדן טאג אין בית המדרש און מ'זאגט דעם קאפיטל לדוד ה' אורי וישעי צוויי מאל א טאג, ס'איז א זמן וואס אידישע קינדער שפירן מער א נאנטקייט צו השי"ת.

### בנים אתם לה' אלקיכם

ס'שטייט אין ספר אמרי נועם אן אינטערסאנטע רמז אז אויב מ'וועט אנהייבן צו ציילן די טעג פון נאך יו"ט שבועות ביז ר"ח אלול, ד.ה. יו"ט שבועות איז ו' סיון און די ערשטע זיבן טעג באלאנגט נאך צום יו"ט שבועות, און פון נאך די זיבן טעג וואס באלאנגט נאך צו שבועות אז מ'וועט אנהייבן ציילן די טעג וועט אויסקומען פונקטליך 76 טעג, דאס איז כמספר עבד וואס איז טייטש א קנעכט. און אז מ'וועט רעכענען די טעג פון ר"ח אלול ביז שמחת תורה איז פונקטליך 52 טעג וואס איז כמספר בן, וואס דאס מיינט אז מ'איז זוכה אנגערופן צו ווערן א קינד פון השי"ת, אזויווי ס'שטייט בנים אתם לה' אלקיכם. ביז ר"ח אלול איז מען נאך אין א קלענערע מדריגה מ'ווערט נאר אנגערופן עבד, אבער פון ר"ח אלול און ווייטער איז מען שוין אין א גרעסערע מדריגה און מ'ווערט שוין אנגערופן א קינד פון השי"ת.

קען זיין אז דאס איז די סיבה אז פון ר"ח אלול און ווייטער הייבט מען אן מער מתפלל צו זיין צו השי"ת, ווייל אז מען איז שוין א קינד פון השי"ת, א קינד וואס ער דארף פון וועם בעט ער? ער בעט פון זיין טאטן, פאר א קינד איז נישט דא אזא זאך אז מען שפארט צו די טיר, א קינד קען אייביג אנקומען צו זיין טאטע. א קנעכט קען נישט אייביג אנקומען צו זיין האר, א קנעכט קען נישט אלעס בעטן פון זיין בעה"ב, אבער פאר א אייגן קינד איז נישט דא אזא זאך אז מען שפארט צו די טיר, פאר א אייגן קינד איז נישט דא אזא זאך אז מען גיבט נישט נאך וואס ער בעט, וויפיל ס'איז שייך נאכצוגעבן, און דער הייליגער באשעפער איז דאך אלעס שייך נאכצוגעבן, איז ממילא פון ר"ח אלול און ווייטער, וויבאלד אידישע קינדער ווערן שוין אנגערופן בחי' 'בנים' הייבן אידישע קינדער אן מער מרבה צו זיין בתפילה ותחנונים פארן הייליגן באשעפער.

### די גאולה שלימה דורך תפילה

דער הייליגער מדרש זאגט, ס'שטייט און פסוק, דער נביא הושע זאגט, שובו ישראל אל ה' אידישע קינדער זאלן תשובה טוהן צום אייבערשטן, קחו עמכם דברים נעמט מיט ענק ווערטער ושובו אל ה' און קערט'ס ענק צוריק צו השי"ת. זאגט דער הייליגער מדרש אז אידישע קינדער פרעגן פונעם אייבערשטן, "רבוש"ע אמאליגע צייטן ווען ס'איז געווען א ביהמ"ק, און מען האט ח"ו געטון אן עבירה, האט מען געברענגט א קרבן אין ביהמ"ק און דער אייבישטער האט מכפר געווען אלע עבירות, וואס זאלן מיר טון מיר האבן שוין ליידער נישט קיין ביהמ"ק, און מיר קענען נישט מקריב זיין קיין קרבנות", זאגט דער מדרש אז דער הייליגער באשעפער ענטפערט פאר אידישע קינדער "דברים אני מבקש, ווערטער בעט איך פון ענק", דאס מיינט דברי תורה, זאגן אידישע קינדער ווייטער פארן אייבערשטן, "רבונו של עולם אין אנו יודעים, אונז ווייסן דאס אויך נישט, אונז קענען נישט אזוי גוט קיין דברי תורה", זאגט דער אייבישטער פאר אידישע קינדער "בכו, וויינט'ס, והתפללו לפני, און זייטס מתפלל פאר מיר" און דער אייבישטער זאגט צו "ואני מקבל, איך וועל מקבל זיין אידישע תפילות" אז אידן בעטן פון מיר, אז אידן וויינען צו מיר וועל איך אן נעמען אידישע תפילות.

און דער אייבישטער ברענגט א ראי' פאר אידישע קינדער, און דער אייבישטער זאגט: "אייערע עלטערן ווען זיי זענען געווען אין מצרים און וועלכע זכות האב איך זיי אויסגעלייזט איז דאס דען נישט געווען אין זכות פון תפילה?" אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק ויאנחו בני ישראל מן העבודה אידישע קינדער האבן געקרעכצט פון די שווערע ארבעט ויזעקו און זיי האבן געשריגן ותעל שועתם אל האלקים און זייער געשריי איז ארויף געגאנגען צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט צוגעהערט זייערע תפילות, זאגט דער אייבערשטער פאר אידישע קינדער "זעהט מען דאך פון דעם אז



But you shouldn't be.
HUDSON VALLEY AUTO GLASS
ALL INSURANCES ACCEPTED
845.774.6526
sales@HVautoglass.com
We come to you!

'איני מבקש מכם' איך בעט נישט פון ענק גארנישט 'לא זבחים ולא קרבנות' איך בעט נישט פון ענק קיין קרבנות און נישט גארנישט 'אלא דברים' נאר ווערטער", מ'זאל רעדן צום אייבערשטן מ'זאל מתפלל זיין צו השי"ת דאס בעט דער אייבערשטער פון אידישע קינדער

דער הייליגער באר מים חיים ברענגט אראפ דעם מדרש אין זיין ספר שער התפלה אין די הקדמה און ער זאגט: ווען א מענטש איז קראנק ל"ע און ער זוכט א מעדעצין וואס זאל אים היילן, זוכט ער די בעסטע מעדעצין וואס איז די מערסטע אויספראבירטע געווארן אז עס היילט, זאגט דער באר מים חיים, וועלכע מעדעצין איז די מערסטע אויספראבירט און עס איז זיכער אז עס העלפט אז דורך דעם זאל מען זוכה זיין צו ביאת המשיח? דאס איז תפילה, דאס וואס אידישע קינדער זענען מתפלל צום אייבערשטן און רעדן כסדר צום אייבערשטן דאס איז די מערסטע אויספראבירטע מעדעצין וואס דורך דעם איז מען זוכה צו ביאת המשיח.

## נאנטקייט צו השי"ת נאר דורך תפילה

ס'איז באקאנט וואס ס'שטייט אין ספרים הקדושים, אז 'אלול' איז ראשי תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י איך בין נאנט צו השי"ת און השי"ת איז נאנט צו מיר, מען קען עס זייער גוט פארשטיין מיט א משל. לאמיר זיך פארשטעלן, ווען א מענטש זעצט זיך ארויף אויף א באס, און ער גייט פארן א לאנגע וועג פון ארום 6-7 שעה, און נעבן אים זעצט זיך אראפ אן אנדערע מענטש בערך אין זיין עלטער, און במשך די גאנצע נסיעה איז נישט אויסגעקומען אז ער זאל עפעס רעדן אדער שמועסן מיט יענעם, נאר ער זיצט זיך שטיל א גאנצע צייט און קוקט אריין אין א ספר וכדו' און טוישט נישט קייןווארט מיט יענעם, איז אפילו מען וועט פארן אזוי 6-7 שעה, איז נאכדעם ווען דער באס קומט אן דארט וואו מען דארף אנקומען, און ער גייט אראפ פונעם באס, שפירט ער בכלל נישט אז ער געזעגנט זיך דא פון א גוטע פריינד, ער האט גארנישט מיט יענעם, אפילו ער איז געזעצן אזוי נאנט נעבן אים אזוי לאנג, וויבאלד ער האט גארנישט געשמועסט מיט יענעם.

טאמער אבער, א מענטש פארט אפילו נאר א קורצע נסיעה פון א שעה צייט, און נעבן אים זעצט זיך אראפ א צווייטער וואס ביז יעצט האט ער אים אפילו נישט געקענט, אבער אזוי במשך דעם קורצן וועג וואס מ'פארט, הייבט מען אן אזוי צו שמועסן און רעדן צווישן זיך און ס'ווערט א געשמאקע שמועס, דעמאלט ווען מען קומט אן דארט וואו מען דארף אנקומען, און ער גייט אראפ פונעם באס, דעמאלט שפירט ער וואו ער געזעגנט זיך פון א גוטע פריינט, ער שפירט וואו ער פארלירט א גוטע פריינט, ווען ער וועט אים טרעפן א וואך צווי ארום, וועט ער זיך פרייען צו אים, ער וועט אים געבן א ברייטן שלום עליכם, ווייל ער איז שוין געווארן זיינער א גוטע פריינט.

לכאורה שטעלט זיך א קשיא, דער ערשטער מענטש מיט וועם ער איז געפארן אזא לאנגער וועג פון 6-7 שעה און ער איז געזעצן נעבן אים אזוי לאנג, איז ער גארנישט געווארן נאנט מיט אים, און פארוואס דא ווען ער פארט מיט אים נאר א קורצע נסיעה פון איין שעה, שפירט ער שוין אז ער זיינס א גוטע חבר? די תירוץ איז זייער פשוט, דא האט ער געשמועסט און גערעדט מיט אים, און אז מ'רעדט און מ'שמועסט איינער מיטן צווייטן, דאס ברענגט צוזאם צוויי מענטשן אז זיי זאלן ווערן נאנט איינער צום צווייטן,

די זעלבע זאך קען מען אויך זאגן כביכול אויפן הייליגן באשעפער, דער הייליגער באשעפער איז מלא כל הארץ כבודו, ער איז אייביג נאנט צו אונז, וואו א מענטש גייט איז ער נאנט צו השי"ת, אבער פארוואס אסאך מאל שפירט מען נישט די נאנטקייט צו השי"ת? דער תירוץ איז, אז טאמער רעדט מען נישט צום אייבערשטן, דעמאלט שפירט מען טאקע נישט די נאנטקייט צו השי"ת, אפילו דער אייבערשטער איז דא מיט אים א גאנצע צייט, אבער דו רעדסט נישט צו אים שפירסטו נישט קיין נאנטקייט צום אייבערשטן, משא"כ א מענטש וואס געוויינט זיך צו, אז אלעס וואס ער דארף בעט ער פונעם אייבערשטן, אלעס וואס ער דארף רעדט ער זיך אויס צו השי"ת, דעמאלט שפירט ער טאקע א נאנטקייט צו השי"ת.

ס'שטייט און ספה"ק ליקוטי מוהר"ן, אז ווען מ'רעדט צו השי"ת און מ'דאווענט פאר אים איז כביכול רעדט דער אייבערשטער צוריק צו דעם מענטש אויך, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק און פרשת כי תבוא את ה' האמרת היום וה' האמירך דו האסט געמאכט אז השי"ת זאל רעדן צו דיר דורך דעם וואס דו האסט גערעדט צו אים. אפילו מען הערט נישט, אבער די נשמה שפירט דאס, איז ממילא נאר ווען מען רעדט צום אייבערשטן נאר דעמאלט קען מען שפירן א נאנטקייט צום אייבערשטן.

ווען ס'קומט חודש אלול און מען הייבט אן מער צו רעדן צו השי"ת, דעמלט שפירט מען טאקע דעם אני לדודי ודודי לי, מען שפירט דעם נאנטקייט צום אייבערשטן, און השי"ת ווארט אויף אידישע תפילות, און אז מען בעט פון השי"ת העלפט דער אייבישטער.

## כח פון תפילה פון קליינע קינדער

מיין טאטע שליט"א האט מיר פארציילט אן אינטערסאנטע מעשה, וואס מ'זעהט פון דעם די כח פון תפילה, אפילו איינער וואס איז נישט דער גרויסער בר- דעת אבער אז ער בעט פון אייבערשטן מיט א תמימות העלפט דער אייבערשטער.

ס'איז געווען ווען ער איז געווען א קליין אינגל אין כיתה ד', און די קינדער האבן געשפילט אין חדר א שפיל, יעדער האט געווארפן די קאגעלעך, און ווער ס'האט באקומען א זעקסער, האט געקענט אנהייבן צו גיין מיט די גייער. זיצן דארט די קינדער, און יעדערווארפט די קאגעלעך, אבער פאר קיינעם געלונגט נישט קיין זעקסער, איז געווען דארט איינע פון די קינדער, וואס איז געווען זייער א ערליך תמימות'דיג קינד, האט ער זיך אנגערופן אז ווער ס'גיבט אים א געוויסע מטבע וואס ער האט געבעטן זאגט ער צו אז ער גייט האבן א זעקסער, ס'איז געווארן דארט א געלעכטער צווישן די קינדער, ער ווערט שוין א רבי, א בעל מופת, ער זאגט שוין צו ישועות, און ער לאזט זיך שוין בעטן געלט, און מ'האט געמאכט אזוי חוזק פון דעם אינגל. און איינע פון די קינדער, האט אזוי פאר א חוזק געגעבן א ווארף די מטבע, נא! דא האסטו! לאמיר זעהן! ער האט דאס געמיינט סתם פאר א ליצנות, אבער דער אינגל האט עס אנגענומען ערנסט, ער האט זיך אויפגעשטעלט, און געגאנגען צום ווינקל ער האט ארויף געלייגט די צוויי הענט אויף די אויגן, און ער האט אנגעהויבן מתפלל זיין שטילערהייט צו השי"ת און געבעטן אז יענער אינגל זאל האבן א זעקסער, ער האט זיך אויסגעדרייט מיט רויטע פארוויינטע אויגן און ער זאגט פאר יענעם אינגל: יעצט פרוביר! און ער האט פראבירט און געווארפן די קוגעלע און ער האט באקומען א זעקסער!!! די קינדער האבן געזעהן אז ס'איז גארנישט אזוי פשוט ער קען יא, האבן עטליכע קינדער געגעבן א מטבע, און ווער ס'האט אים געגיבן די מטבע האט ער זיך אויסגעדרייט צום ווינקל און ארויף געלייגט די הענט אויף די אויגן, און געוויינט צום אייבערשטן, און געבעטן מיט א תמימות אז דער אייבערשטער זאל העלפן און יענער זאל האבן א זעקסער, און פאר וועמען ער האט מתפלל געווען האט געהאט א זעקסער!

זעהט מען פון דעם א מורא'דיגע זאך כאטש ער איז געווען א פשוט אינגל נישט קיין בנן של קדושים און נישט קיין ספעציעלע צדיק ער איז געווען א פשוט אינגל אבער ער האט געוואוסט מיט א תמימות אז אויב מען בעט דעם אייבערשטן העלפט דער אייבערשטער.

*

א שטיקל צייט צוריק בין איך געווען אין וויליאמסבורג, האט א אינגערמאן מיר געבעטן איך זאל אריבער קומען צו אים אין די דירה. איך קען שוין דעם אינגערמאן אסאך יארן, ער האט געוואוינט פאר דעם אין א קליינע דירה, אזוי ווי מען וואוינט אין וומסב"ג. לעצטנס האט ער זיך אריבער געצויגן אין א גרעסערע דירה, האט ער מיר געבעטן איך זאל אריבער קומען זעהן זיין נייע דירה, בין איך טאקע אריבערגעאנגען, ער וואוינט נישט ווייט פון די אלטע געגנט פון וומסב"ג, א שיינע גרויסע דירה. זייענדיג דארט אין די דירה בעט ער מיר איך זאל ארויסקומען אויפן 'פארטש', זעה איך אז ער האט זייער א גרויסע פארטש, און איך וואונדער מיר אין וויליאמסבורג אזא גרויסע פארטש, זאגט מיר דער אינגערמאן איך וועל פארציילן די מעשה וואס ליגט אונטער די דירה מיט דעם פארטש.

פארציילט ער אזוי: און די אלטע דירה וואו ער האט געוואוינט - פון די חתונה, איז געווען נאר איין שלאף שטוב מיט א קליינע קאך, ממש גאר קליין, און ב"ה ער האט שוין א פילע שטוב מיט קינדער קע"ה, און ס'איז שוין געווען פארשטייט



זיך זייער ענג די דירה, און בפרט ווען ס'איז געקומען די יו"ט סוכות, איז עס געווען נאך שווערער, מ'האט זיך געדארפט ארייננציען צו די עלטערן יעדן סוכות, כדי צו קענען מקיים זיין מצות סוכה און עס איז געווען זייער א גרויסע אפקומעניש יעדן סוכות.

וואס האט דער אינגערמאן געטוהן? יעדן אויפדערנאכט ווען ער האט געליינט קריאת שמע מיט די קינדער, וואס אלע זענען זיי נאך געווען זייער קליין אונטער די בר מצוה, און נאך קריאת שמע האט די טאטע צוזאמען מיט די קליינע קינדער געזאגט צוזאמען א תפילה צום אייבערשטן אויף אידיש: "הייליגער באשעפער, העלף מיר זאלן טרעפן א גוטע דירה, מיט גוטע שכנים, און א גוטע געגנט, מיט א גוטע סוכה", דאס איז געווען דער נוסח וואס ער האט מתפלל געווען א יעדע נאכט נאך קרי"ש מיט די קליינע קינדערלעך בתמימות, פשוט אויף אידיש, אזוי האבן זיי מתפלל געווען 'צוויי און האלב יאר' ברציפות יעדע נאכט נאך קרי"ש.

ווען איך בין דארט געווען, האב איך געזען די פארטש, ס'איז גרויס 680 סקווער פיס!!! און הארץ פון וויליאמסבורג! נאנט צום געגנט! ס'איז מקויים געווארן 'אלעס' וואס זיי האבן געבעטן, א גוטע דירה, א גוטע געגנט, און א גוטע סוכה!, איין זאך האט ער נאר געקרעכצט אז ס'איז אויף די זיבעטע שטאק... ער דארף ארויפגיין זיבן שטאק אנצוקומען צו די גרויסע דירה און גרויסע סוכה... דאס איז ער אבער אליין שולדיג... ווייל אויף דעם האט ער נישט מתפלל געווען, ס'איז אים נישט איינגעפאלן צו בעטן אויף א גוטע שטאק... וואלט ער אויף דעם אויך מתפלל געווען וואלט ער דאס אויך באקומען... דער הייליגער באשעפער קען אים געבן אזא גרויסע פארטש אויך אויפן ערשטן שטאק אין וויליאמסבורג, נאר דאס איז אים נישט איינגעפאלן צו בעטן, אבער אלעס וואס ער האט געבעטן בתמימות פשוט אויף אידיש מיט א ריין הארץ פון קליינע קינדערלעך האט ער אלעס באקומען.

# א תפילה פון א מיידל

עס האט מיר פארציילט א איד וואס זיין מאמע איז ל"ע נפטר געווארן, אז ביי די מלחמה איז זיין מאמע געווען א מיידל, און אזוי ווי די פארצייטישע פרויען האט זי נישט געקענט אזוי גוט לשון הקודש, אבער דעם קאפיטל תהילים קכ"א "שיר למעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבוא עזרי" דאס האט זי זייער גוט געקענט און כסדר האט זי דאס מתפלל געווען.

עס איז געווען שוין ביים סוף פון די מלחמה ממש פארן באפרייען, און די עראפלאנען האבן באמבאדירט פון אויבן, עס איז געפלויגן באמבעס פון אלע זייטן, און ס'איז געווען זייער א גרויסע סכנה, אז מ'זאל חלילה אומקומען און די לעצטע מינוט פארן באפרייאונג. איז זי געלעגן אויף דער ערד צוזאמען מיט אנדערע מענטשן, און אינמיטן די שווערע מינוטן האט זי זיך אויפגעשטעלט און מתפלל געווען צום אייבערשטן איר תפילה וואס האט זי גוט געקענט שיר המעלות וגו' 'מאין יבוא עזרי' פון וואו וועט קומען מיין הילף ס'זעהט אויס עק וועלט 'עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ' מיין הילף וועט קומען פונעם הייליגן באשעפער, און אזוי האט זי מתפלל געווען מיט א תמימות און ערליכקייט.

דארט נעבן איר איז געלעגן אן אנדער מענטש אויך א איד, וואס פון די גרויסע צרות און מיטמאכענישן וואס מען איז דארט נעבעך אדורך געגאנגען, האט ער גערעדט ווערטער וואס א איד דארף נישט צו רעדן - ס'איז נישט פאר אונז דן צו זיין די סארט אידן - האט ער איר געזאגט וואס זאגסטו דא? דו זעסט דען נישט וואס דא גייט פאר? ער האט נעבעך געשפעט פון דאס מיידל וואס בעט אזוי ערליך פון באשעפער, זי האט זיך אבער נישט וואוסנדיג געמאכט פון אים, און ווייטער מתפלל געווען צום אייבערשטן עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ.

פארציילט מיר דער איד, וואס איז געווארן דער סוף? א באמבע איז נעבעך תיכף געפאלן אויף יענעם איד, און ער איז נעבעך צושמעטערט געווארן ל"ע אויפן פלאץ. אבער 'מיין מאמע האבן די וואך באגלייט צום אייביגן רוה 200 אייניקלעך און אור אייניקלעך קע"ה אלעס אויפן ערליכן אידישן וועג יראים ושלמים ע"ד ישראל סבא! זי האט אויסגעלעבט אירע יארן מיט אסאך אידיש נחת, דאס איז געווארן דער סוף פון איר תפילה! זי האט מתפלל געווען צום אייבערשטן א ערליכע בקשה, זי האט זיך פארלאזט אויפן אייבערשטן עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ, האט השי"ת איר באצאלט, זי האט דערלעבט אידיש נחת און זוכה געווען אויפצושטעלן ערליכע אידישע דורות.

*

זעהט מען פון דעם, אז אויב מען בעט פון השי"ת העלפט דער אייבערשטער, איז ממילא יעצט אין די טעג פון חודש אלול וואס איז טעג פון תשובה, טעג פון תפילה, טעג וואס מען רעדט כסדר צום אייבערשטן, איז כדאי אויסצונוצן די צייט זאגן תהילים וויפיל מען קען, רעדן צום אייבערשטן אפילו אויף אידיש, און זיך פארלאזן נאר אויף השי"ת אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק לדוד ה' אורי וישעי ממי אירא ה' מעוז חיי ממי אפחד, וואס ס'קוועטשט אויפן הארץ וויינט מען זיך אויס פאר השי"ת, דעמאלטס איז מען פארזיכערט אז דער הייליגער באשעפער וועט זיכער אנעמען אונזערע תפילות, אזוי ווי דער מדרש זאגט 'דברים אני מבקש' איך בעט נאר איין זאך, מען זאל רעדן צו מיר. און ווי דער הייליגער באר מים חיים זאגט אז דאס איז א אויספרובירטע רפואה אז אויב מען וועט רעדן צום אייבערשטען וועט דער אייבערשטער אונז זיכער אנשרייבן א כתיבה וחתימה טובה, און א שנת גאולה וישועה בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.




בס"ד
בית הוראה

## רשימת מורי צדק דקהלתינו
העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

**הגאון הדומ"ץ שליט"א**
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

הרה"ג רבי **יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

הרה"ג רבי **מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

הרה"ג רבי **בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

הרה"ג רבי **שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

הרה"ג רבי **שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

הרה"ג רבי **שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd. #302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

הרה"ג רבי **יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

הרה"ג רבי **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

הרה"ג רבי **יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

24 שעה הוראה ליין:
**845.783.5688 #3**



והיה כמלאות שבעים שנה
- חלק ג' -

זיבעציג יאר פון דעם

# ריבינ'ס נסיעה

קיין ארץ ישראל בשנת תשי"ב

געקליבענע שילדערונגען, אריגינעלע זכרונות, פון חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געהאט די זכי' מיטצולעבן די געהויבענע באזוך.

- חלק ג' -

## ביים שבע ברכות און פדיון הבן אין לוגאנא

ווי דערציילט (אין פאריגן נומער) איז דער רבי אפגעשטיגן אין 'לוגאנא' זייענדיג אויפ'ן וועג צוריק פון אנטווערפען, אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל, כדי זיך צו משתתף זיין ביי א שמחת השבע ברכות בבית הרה"ח ר' לייבוש רובינפעלד ע"ה.

די סיבה צוליב וואס דער רבי איז אהינגעפארן, איז געווען צוליב דעם וואס דער רבי האט געהאט א שטארקע הכרת-הטוב געפיל צו ר' לייבוש, נאך פון דער צייט ווען דער רבי האט זיך אויפגעהאלטן אין שווייץ נאכ'ן קריג, אין יאר תש"ה. ר' לייבוש האט אין יענער תקופה פיל ארויסגעהאלפן דעם רבי'ן, סיי פערזענליך, און סיי אז ער זאל קענען אנגיין מיט זיינע פעולות למען הכלל.

אלס ספעציעלע הכרת הטוב, האט דער רבי אנגענומען די איינלאדונג פון ר' לייבוש צו קומען זיך באטייליגן ביי דער שמחה וואס ער האט געמאכט פונקט אין דער צייט וואס דער רבי האט זיך געפונען דארט אין שכינות. דער רבי איז געפארן מיט'ן באן פון אנטווערפן קיין לוגאנא.

ארום האלב עלף פארמיטאג, איז דער רבי אנגעקומען קיין לוגאנא. עס איז דארט פארגעקומען א שיינע קבלת פנים דורך די ארטיגע אידן, און דערנאך איז מען אינאיינעם אריינגעפארן אין שטאט אריין צום הויז פון ר' לייבוש רובינפעלד ע"ה.

דער רבי האט שוין געהאט געדאווענט פריער אויפ'ן באן, און אצינד האט ער גענייגט רבינו-תם'ס תפילין און מען האט געלייענט אין דער תורה.

יענעם טאג איז אין לוגאנא אויך פארגעקומען א פדיון הבן פון א זון פון הרה"צ ר' ירחמיאל צבי יהודה ראבינאוויטש זצ"ל אדמו"ר מביאלא-פשיסחא (זון פונעם ביאלער רבי הרה"צ ר' יחיאל יהושע זצ"ל) איז דער רבי אריבערגעפארן אהין זיך באטייליגן ביי דער שמחה.

ביי דעם פדיון הבן האט דער כהן פארגעזאגט א לאנגן נוסח, און בשעת מעשה האט זיך געקענט דוכטן פאר די ארומיגע אז דער רבי דרימלט און האלט נישט מיט. פלוצלינג, ווען דער כהן האט געהאלטן ביי ברכת כהנים, גיט זיך דער רבי א כאפ-אויף און זאגט: "נו, ברכת כהנים".

באלד נאכ'ן פדיון הבן איז מען צוריקגעפארן צו ר' לייבוש, וואו ס'איז פארגעקומען די סעודת שבע ברכות.

אינמיטן דער שבע ברכות איז ארויפגעקומען דארט אויפ'ן טיש א שמועס וועגן הכשרים, האט זיך א שווייצער איד אנגערופן: "דא אין שווייץ איז אנדערש. דא זענען נישטא קיין שאלות, אלעס איז אין ארדענונג!"

האט דער רבי רעאגירט דערויף, זאגנדיג: "איך וועל אייך דערציילן פארוואס דא איז אנדערש: עטליכע יאר פאר'ן קריג, זענען געווען זייער שווערע צייטן. דער אנטיסעמיטיזם איז אנגעגאנגען מיט גרויס רשעות. צווישן אנדערע, האבן אידן זיך נישט געטארט באשעפטיגן מיט פארשידענע סארטן האנדל. אידן דארפן דאך אבער פרנסה, האבן זיי געהאנדלט 'אונטער'ן טיש', איינשטעלנדיג דערמיט זייער פרייהייט.

"איינמאל האט מען געפאקט ביי א איד געוויסע צעטלעך אין פארבינדונג מיט געשעפטס-ענינים. אויף די צעטלעך זענען געווען אויפגעשריבן: אזויפיל שטאף האב איך געקויפט, פארקויפט; און נאך פארשידענע חשבונות, וועלכע האבן אנטפלעקט אז דער איד האנדלט מיט א זאך וואס עס איז פאר אידן געזעצליך פארבאטן. ווען מען האט אים פארגעהאלטן פארוואס ער האנדלט אומלעגאל, האט דער איד זיך אנגעהויבן צו פארענטפערן אז די צעטלעך זענען 'פונקט' געווען ביי אים. האבן אים די באאמטע געפרעגט: 'וואס איז דער באדייט פון דעם, וואס ווען אימער מען כאפט ענק, טרעפט מען אלץ ביי ענק אזעלכע צעטלעך, און אויף אלעם האט איר אויסריידן, אז עס האט זיך 'פונקט' געטראפן; פארוואס טרעפט זיך נישט ביי אונז אויך 'פונקט' אזעלכע צעטלעך?' האט


קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל
CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL
5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699
בזה הננו מודיעים אשר בעהשי"ת מתקיים
מנין ותיקין
קבוע מידי יום ביומו
בחדר בית שמעון
שע"י ביהמ"ד הגדול
והן ידוע בשער בת רבים גודל הענין
והסגולה להתפלל ותיקין
זריזים מקדימים למצוות
ואשרי למי שזוכה להצטרף לקבוע תפלתו,
וכל הקבוע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו!
הנהלת הקהלה

דער איד געענטפערט: "יא, יא, ווייל ביי אייך זוכט מען נישט, דעריבער טרעפט מען נישט"'...

האט דער רבי אויסגעפירט צו יענעם איד: "ווייל אין שווייץ זוכט מען נישט, דעריבער איז אלעס אין ארדענונג. אבער ווי-נאר מען וועט אנהייבן צו זוכן וועט מען שוין איינמאל זען אז עס איז גארנישט אזוי אין ארדענונג"...

ביי יענער געלעגנהייט האט הרב ר' שמחה בונם סופר ז"ל און זיין ברודער הרב ר' יצחק לייב סופר ז"ל פון לוגאנו, קינדער פונעם פרעשבורגער רב הגאון ר' עקיבא סופר זצ"ל, געבעטן דעם רבי'ן ער זאל איבערזאגן די דרשה וואס ער האט געזאגט אין אנטווערפן. האט דער רבי זיי איבערגעזאגט די גאנצע פשט'ל און אלעס וואס ער האט דארט גערעדט. אויך האט דער רבי געזאגט קורצע דברי תורה לכבוד דער שמחה, און נאכדעם האט ער געזונגט דעם עולם.

## דער רבי בעט מחילה ביים ראחוב'ער רב

זייענדיג אין לוגאנא, האט דער רבי געוואלט גיין אפצאלן א באזוך ביים מרא דאתרא, דעם ראחוב'ער רב זצ"ל, וועלכער האט פריער באזוכט ביי אים אין אנטווערפן, אבער היות די שיף קיין ארץ ישראל האט זיך שוין געדארפט ארויסלאזן אין וועג, איז שוין נישט געווען קיין מעגליכקייט צו גיין אים באזוכן.

שפעטער האט זיך געמאכט אז דער ראחוב'ער רב זצ"ל איז אויך געפארן קיין ארץ ישראל, צו באזוכן דארט זיין זון, הבחור העילוי והמצויין חיים ע"ה, וועלכער האט דארט געלערנט אין ישיבת "בית יוסף צבי" דושינסקיא. ער האט דאן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אריבערגעקומען באזוכן דעם רבי'ן. דער רבי איז געווען איבערראשט פון זיין אומגעריכטער ערשיינונג און האט זיך אנגערופן צו אים: "שלום עליכם, ראחוב'ער רב! וואס טוט איר דא?"

עס האט זיך אנטוויקלט צווישן זיי א שיינער שמועס, ווען אינצווישן זאגט דער רבי פאר'ן ראחוב'ער רב: "איך בעט אייך, ראחוב'ער רב, איך וויל אייך מפייס זיין! איר ווייסט אודאי אז איך בין געווען אין לוגאנא, און איך האב דארט געפלאנט אריבערצוקומען אייך באזוכן, נאר עס האט זיך פשוט אויסגעשטעלט אזוי אז איך בין דארט געווען זייער פארנומען. ס'איז געווען א פדיון הבן און א שבע ברכות, און עס איז מיר פשוט נישט אויסגעקומען קיין צייט פאר'ן באזוך. איך האב זיך אבער שטארק מצער געווען די גאנצע צייט, וואס איך האב נישט אפגעשטאטן ביי אייך דעם באזוך. איך בעט אייך, זייט מיר מוחל".

דער ראחוב'ער רב האט אוועקגעמאכט די זאך און געזאגט, אז דער רבי האט אים נישט געדארפט אפגעבן קיין באזוך, אבער דער רבי האט נישט צוגעשטימט דערצו, טענה'נדיג: "אז מען איז אין שטאט דארף מען גיין באזוכן דעם מרא דאתרא".

## דרך אניה בלב ים: אויפ'ן שיף קיין ארץ ישראל

פון דארט האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין איטאליע. מ'איז אנגעקומען קיין מילאנא, און פון דארט איז מען געפארן מיט דער באן קיין בארי, וואו עס האבן אפגעווארט עטליכע אידן וועלכע האבן גערעכנט מיטצוקומען מיט'ן רבי'ן קיין ארץ ישראל. אויפ'ן וועג האט מען געהאט פונקט א מנין, וואס איז באשטאנען פון די פאלגענדע פערזענליכקייטן: דער רבי זי"ע; דער משב"ק ר' יוסף אשכנזי ז"ל; הגה"צ ר' יואל זוסמאן מערץ זצ"ל; זיין זון הגה"צ ר' יחזקאל מערץ זצ"ל; דער טשאקאווער רב הגה"צ ר' שמואל אברהם זעלטנרייך ז"ל; הרה"ח ר' נחום מרדכי שפיטצער ע"ה; הרה"ח ר' אהרן הערש סאמעט ע"ה; הרה"ח ר' שמואל פריינד ע"ה; זיין ברודער, הרה"ח ר' אנשיל פריינד ע"ה; ולהבחל"ח דער הויז בחור הרה"ח ר' חיים יחזקאל שטיין הי"ו.

אינאיינעם האט מען ממשיך געווען דעם וועג צום האפן שטאט אין "מארסיי" וואו דער רבי מיט זיין ענגע פמליא זענען בשעה טובה ארויפגעשטיגן אויף די "אבאציא" שיף אויפ'ן וועג צום קיין ארה"ק.

דער טשאקאווער רב זצ"ל וועלכער איז מיטגעפארן מיט'ן רבי'ן אויפ'ן שיף האט דעמאלט זייער אסאך פארברענגט מיט'ן רבי'ן זי"ע (ער פלעגט שטענדיג באדויערן פארוואס ער האט נישט פארצייכנט די אינהאלטספולע שמועסן וואס ער האט געהאט מיט'ן רבי'ן). צווישן אנדערן האט דער טשאקאווער רב געזאגט פאר'ן רבי'ן, אז ער האט א קלער זיך צו באזעצן אין ארץ ישראל און פלאנט יעצט פארנדיג אהין זיך אומצוקוקן דארטן. דער רבי האט אים אבער זייער שטארק אפגערעדט פון דעם געדאנק, טענה'נדיג אז נאכדעם וואס ארץ ישראל געפינט זיך לײדער אונטער א ממשלת הכפירה וועלכע איז געשטעלט אויף עקירת התורה והאמונה, דרויעט א רוחניות'דיגע געפאר אויף יעדן איד וואס וואוינט דארט, און עס איז נישט ראטזאם פאר קיין שום אידיש קינד אהינצוגיין זיך דארט באזעצן.

דער טשאקאווער רב האט פרובירט צו טענה'ן פארשידנס צו פארגרינגערן דעם ענין פון וואוינען אין ארץ ישראל, אבער אויף אלעם האט דער רבי אים אפגעוואנדן, באזירנדיג זיך אויף די הייליגע ווערטער און יסודות פון חכמינו ז"ל.






אן אינטערעסאנטע זאך האט דערציילט איינער פון די פאסזאשירן הרה"ח ר' אהרן הערש סאמעט ז"ל וואס ער האט בייגעוואוינט מיט'ן רבי'ן אויף דער שיף:

פרייטאג צו-נאכטס, האט זיך די שיף אנגעהויבן שטארק צו וואקלען, און דאס האט אים פאראורזאכט א שווערן קאפ-ווייטאג. ער האט דעמאלט באקומען די "ריא" ים-קראנקהייט וואס באטרעפט אפט פאסאזשירן רייזנדיג איבער'ן ים. ער האט נישט געקענט עסן די סעודות שבת און זיך באטייליגן ביים טיש, וואס דער רבי האט געפראוועט אין איינעם פון די צימערן אויפ'ן שיף. ער איז נאר ארויפגעגאנגען אויפ'ן דעק פון שיף צו שעפן פרישע לופט כדי צו פארלייכטערן זיינע קאפ שמערצן.

אזוי שפאצירנדיג אויפ'ן דעק פון שיף, זעט ער מיטאמאל ווי די רביצין ע"ה קומט ארויף די שטיגן וואס האבן געפירט צום דעק. ווי נאר די רביצין האט אים באמערקט, האט זי אים געזאגט: "זייער גוט אז דו ביסט דא, דער רב שפירט זיך זייער נישט גוט, ער וועט מוזן מקצר זיין דעם טיש, און באלד דערנאך וועט ער דא ארויפקומען שעפן לופט".

ביז עטליכע מינוט איז טאקע דער רבי ארויפגעקומען אויפ'ן דעק פון שיף. דאן איז די רביצין צוריק אראפגעגאנגען, און ר' אהרן הערש איז געבליבן אליין מיט'ן רבי'ן.

ר' אהרן הערש איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און זיך מתנצל געווען אז ער האט זיך נישט געקענט באטייליגן ביים טיש, היות עס האט אים אנגעכאפט א גאר שטארקער קאפ-ווייטאג. האט דער רבי אויפגעהויבן זיינע הענט כלפי מעלה און אים געזאגט, ווייזנדיג מיט זיינע הענט אויפ'ן הימל: "זיי דיר מצייר דעם שם הוי"ה".

ער האט טאקע אזוי געטון, ער האט זיך מצייר געווען דעם שם הוי"ה בצבע תכלת (בלוי), און עס איז אים באלד לייכטער געווארן. דער קאפ-ווייטאג איז פארשוואונדן געווארן, און ער האט אנגעהויבן צוריק גוט צו שפירן אזוי ווי פריער כאחד האדם.

שפעטער האט דער רבי זי"ע דערציילט א מעשה פלא בקשר צו דער סגולה, ווי פאלגנד:

"איידער איך בין געפארן דאס ערשטע מאל קיין ארץ ישראל, אין יאר תרצ"ב, בין איך געפארן אויף א שבת קיין זענטא. בשעת'ן געזעגענען דעם עולם, איז צו מיר אריינגעקומען אן אייניקל פון הרה"ח ר' זכרי' ברייטנער ז"ל, און האט מיר געצייגט גאר אן אינטערעסאנטן בריוו פונעם זיידן דער ישמח משה זי"ע, וואס ער האט געשריבן צו ר' זכרי' ז"ל. אין דעם בריוו, האט דער זיידע דער ישמח משה אים געגעבן א סגולה פאר שמירת הדרך ווען מ'פארט איבער'ן ים, אז מ'זאל שרייבן אויף א שטיקל פארמעט דעם שם הוי"ה בצבע תכלת, וואס דאס איז די בעסטע שמירה פון אלע שמירות".

דער רבי האט צוגעגעבן: "די זאך איז מיר געווען א פלא, ווייל דער איד איז שוין עטליכע מאל געווען ביי מיר, און ער האט מיר קיינמאל נישט געוויזן דעם בריוו פונעם זיידן ז"ל. פונקט דעמאלט, ווען איך האב זיך געגרייט צו פארן קיין ארץ ישראל, האט מיר דער איד געברענגט דעם בריוו פונעם זיידן, ווען'ס כתב איך דערקען דאך זייער גוט". דער רבי האט אויסגעפירט, אז דאס איז געווען פאר אים א גוטער סימן מן השמים איבער זיין נסיעה קיין ארץ ישראל.

# התפללו דרך ארצם: שחרית-דאווענען אויף דער שיף

די שיף האט לויט'ן פלאן געזאלט אנקומען קיין ארץ ישראל מאנטאג פרשת פנחס צופרי, אכט אזייגער. די נאכט פריער, האט דער רבי געזאגט אז ער וויל דאווענען אויפצומארגנס שחרית אויף דער שיף. דער גבאי ר' יוסף אשכנזי ז"ל האט פרובירט אפרעדן דעם רבי'ן דערפון, זאגנדיג אז עס איז זייער איינגעשטעלט, וויבאלד אכט אזייגער וועט מען שוין דארפן אראפגיין פון דער שיף, אבער דער רבי האט זיך געהאלטן ביי זיינס אז ער וויל נאך דאווענען אויף דער שיף, און מען זאל שוין זעקס אזייגער זיך שטעלן דאווענען.

ביינאכט האט דער רבי געמאכט די הכנות צום דאווענען און געטון אלעס וואס מעגליך זיך צוצואיילן כדי צו קענען זיין גרייט צום דאווענען נאך פארטאגס. און טאקע אויפצומארגנס זעקס אזייגער פארטאגס, האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית. דער רבי האט געדאווענט מיט אן אויסטערלישן ברען און התלהבות, אסאך מער ווי געווענליך.

ווען מען האט געהאלטן ביי דער הויכער שמונה עשרה, האט מען שוין געזען דעם עולם וואס האט אפגעווארט דעם רבי'ן ביים פארט אין חיפה. ווען זיי האבן באמערקט פונדערווייטנס די שיף וואס דערנענטערט זיך, זענען זיי ארויס אין פייערליכע, התרגשות'דיגע טענץ, וואס מ'האט גוט אריינגעהערט ביי אונז אויף דער שיף. די מיטפארער אויפ'ן שיף זענען צוגעלאפן קוקן ביי די פענסטער ווי די אנשי שלומינו ווארטן אפ דעם רבי'ן, אבער דער רבי האט זיי אויפגעמערקט: "נו, נו..." און געוואונקען מען זאל מיטהאלטן די הויכע שמונה עשרה.

וויבאלד מ'האט שוין געדארפט אראפגיין פון דער שיף, האט דער רבי גלייך נאך דער הויכער שמונה עשרה זיך אויסגעטון די תפילין, און מען האט זיך גענומען גרייטן אראפצוגיין.

פארזעצונג קומט אי"ה









דער וואכנשריפט



34

# פון נאצישן יאמערטאל

**אַ סעריע רירנדיגע זכרונות**

פון הגאון האדיר

## רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל

**אב"ד מאָנטרעאָל**

איבער די ערב-מלחמה יאָרן, די אַריינמאַרש פון די נאַציס ימ"ש אין זיין שטעטל, און וויאזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן קיין יאַפּאַן

(פארזעצונג פון פריער)

די דאזיגע פריידיגע ידיעה האט זיך בליץ-שנעל צוטראגן איבער דער גאנצער שטאט. ר' חיים עוזר האט אין דער גזירה געזעהן אן "אצבע אלקים", א זכות פאַר דער פראווינץ וואס שטיצט ישיבות מיט א ברייטער האַנט און האט נישט די זכיה צו האבן א ישיבה ביי זיך אין קליינעם שטעטל.

ר' חיים עוזר האט געהאַלטן אז אויך די דאזיגע גזירה קען מען פאר געלט "אפשרייען", ער האט אבער נישט געפינען פאר נויטיג אפצושרייען די גזירה ווייל ער האט בשום אופן נישט באטראכט פאר א גזירה. ער האט, אדרבא, געקוקט אויף דער גזירה ווי אויף א "סייעתא דשמיא", ער האט אין דער גזירה געזען דעם הייליגן רצון פון דער השגחה אז: "כי מווילנא תצא תורה". און האט זיך געריבן די הענט פאר נחת.

קיין נייע ארעסטן זענען נישט פארגעקומען און די ביז איצט ארעסטירטע האט מען נישט באפרייט, די פאליציי האט אנגעגעבן אז זי האט נישט באקומען קיין אינסטרוקציעס פריי-צולאזן די ארעסטירטע.

אונטער'ן אויפזיכט פון "ועד הישיבות" האבן זיך די ישיבות אריבערגעצויגן אין דער פראווינץ: די קלעצקער ישיבה איז אַריבערגעפארן קיין יאנאווע, די קאַמענעצער ישיבה - קיין ראסיין וכדומה.

אויך אונזער ישיבה האט זיך באדארפט ארויסקלייבן אין דער פראווינץ, אבער איך האב באשלאסן אז אונזער ישיבה זאל בלייבן אין ווילנע און צוליב דעם צוועק האב איך זיך געזען מיט אדוואָקאַט אַלטמאן פון קאוונע (א פרומער איד) און ער האט מיר געזאגט אז פאר 1500 ליט (אן ערך פון 300 אמעריקאנער דאלער) קען מען דאס פועל'ן.

עס איז פארשטענדליך געווען אז ווענדן זיך צו ר' חיים עוזר'ן אז ער זאל אונז שטיצן אין דעם פרט האבן מיר נישט געקענט, האבן אַלע ישיבה






בחורים זיך צוזאמגעקליבן, אוועקגעגעבן פון זיך דעם לעצטן גראשן און צוזאמענגעשטעלט די סומע פאר וועלכער מיר האבן באקומען די דערלויבעניש צו בלייבן אין ווילנע.

דאס אז די ישיבה האט זיך געגנצליך גערעטעוועט קיין אויסלאַנד איז צו פארדאנקען דעם פאַקט וואס אונזער ישיבה איז פארבליבן אין ווילנא.

# מיר באפרייען אונזערע ביידע ארעסטירטע חברים

די ישיבה-בחורים. איבער טויזענט אין צאל, האבן אויסגעוואנדערט אין דער פראווינץ וועלכע האט זיי אויפגענומען מיט אפענע ארעמעס.

דעם "ועד הישיבות" איז געגנצליך ארונטער א זארג פון קאפ - אויסצוהאלטן די ישיבות, מחמת יעדער פראווינציעל שטעטל האט - אויס גרויס התפעלות פאר דער זכיה צו האבן ביי זיך אין שטאט א ישיבה - אנגעווארפן בערג מיט געלט.

אבער די איבעריגע פליכטלינגען - שיעור נישט פופצן טויזענט אין צאל - האבן קיין חשק נישט געהאַט זיך צו שיידן מיט'ן צענטער - מיט ווילנע. די אויסרעכענונג איז געווען: עמיגראציע; פון דער גרויסער שטאט איז לייכטער צו עמיגרירן; אין דער גרויסער שטאט זענען פארהאן כלל טוער, שתדלנים, עסקנים, אינסטיטוציעס. קאנסולאטן וכדומה און די פליטים האבן זיך נישט גערירט פון ארט.

קיין נייע ארעסטן זענען נישט פארגעקומען, בעת די ביז איצט ארעסטירטע האט מען נישט באפרייט; די ארעסטאנטן האבן זיך דאס נישט גענומען צום הארצן, זיי האבן זיך ווייניג וואס געקימערט פאר זייער באפרייאונג, מחמת זיי האבן געגלויבט אז אין טעג ארום וועלן זיי באפרייט ווערן דורך די סאוועטישע ארײַנדרינגער.

איך און הרב אייזענשטאדט, וויסענדיג דעם סוד אז פאר געלט קען מען ביי דער ליטווישער פאליציי אלץ פועל'ן, האבן מיר באשלאסן צו באפרייען אונזערע צוויי ארעסטירטע חברים; מיר זענען אוועק צו ר' חיים עוזר'ן און מיר האבן זיך מיט אים מיישב געווען איבער דעם ענין.

ר' חיים עוזר האט אונז גלייך דערלאנגט 150 ליט פדיון שבויים געלט און מיר זענען תיכף ומיד אוועק צום פאליציי-שעף.

הרב אייזענשטאַדט האט זיך פאר אים פארגעשטעלט אלס דער פירער פון דער ישיבה און האט אים געבעטן אז ער זאל באפרייען די צוויי ארעסטירטע ישיבה-בחורים, באשר זיי באדארפן בקרוב אויסוואנדערן קיין ארץ ישראל.

דער געשפרעך צווישן דעם פאליציי-שעף און הרב אייזענשטאַדט איז אנגעגאנגען אין רוסיש, און דער שעף האט אויסגעדריקט התפעלות פאר דעם פרעכטיגן רוסיש וואס הרב אייזענשטאדט האט באנוצט, עס איז געווען צו מערקן אז דער שעף האט גרויס דרך ארץ פאר דער פערזענליכקייט אייזענשטאדט.

דער שעף האָט פארשפראכן אז ער וועט זיך פאראינטערעסירן אין דעם ענין און האָט זיך ארײַנגעלאזט אין אן אלגעמיינעם געשפרעך מיט הרב אייזענשטאַדט.

בעת הרב אייזענשטאַדט האָט געשמועסט מיט'ן שעף, איז דעם שעף'ס א קינד, א אינגעלע פון 7 יאר, צו מיר צוגעגאנגען און האט מיך געפרעגט צי איך האב מארקעס. דער אינגעלע האַט צו מיר גערעדט ליטוויש און זיין ווענדונג איז געווען מלא חן, האב איך זיך באמיט אים צו ענטפערן אויך אין דער ליטווישער שפראך, האט ער מיר געהאַלטן אין איין אויסבעסערן די שפראך.

איך האב אים געפרעגט צו וואס ער באדארף די מאַרקעס, האט ער מיר געענטפערט אז ער קלייבט א קאַלעקציע פון פארשידענע מארקעס.

איך האב אים פארשפראכן צו ברענגן מארקעס, האט ער מיר געפרעגט: "ווען?" האב איך געענטפערט: "מארגן".

דער אינגעלע האט אראפגעלאזט דעם קאפ. געווארפן אויף מיר א פארדעכטיגן קוק מיט זיינע שווארצע קלוגע, דורכגעטריבענע אויגן און האָט זיך אנגערופן: - זעט נאר איר זאלט האלטן ווארט. עס איז נישט שיין אפצונארן.

איך האב אים געגעבן מיין עהרן-ווארט אז מארגן, מיטאג צייט, וועל איך אים ברענגן מאַרקעס און זיין פנים האט אויפגעלויכטן מיט קינדערישער פרייד.

מיר האבן זיך געזעגענט מיט'ן שעף און האבן פאַרלאזט זיין קאנצעלאַריע. ארויסקומענדיג אינדרויסן האט מיר הרב אייזענשטאַדט געזאגט אז דער "אדון" האט זיך פאר אים באַקלאגט, אז זיין געהאַלט איז זייער א קליינער... א רמז אויף א מתנת יד... און דער ענין וועט אי"ה מארגן ערלעדיגט ווערן על צד היותר טוב.

איך האב געהאלטן ווארט: איך בין אויפ'ן צווייטן טאג, מיטאג-צייט, געקומען צום פאליציי שעף מיט א גרויסער קאלעקציע פון פארשידענע מאַרקעס און דער שעף האט מיר דערציילט, אז דער אינגעל פאַרהילכט די הויז אין דערווארטונג אויף דער מתנה.

דער אינגעל איז געווען אין א צווייטן צימער, דער שעף האט אים ארײַנגערופן און איך האב אים דערלאנגט די מתנה, ער האט געזאגט "א דאַנק" און האט, פאר גרויס פרייד, גענומען טאַנצן






אויף איין פוס מאַכענדיג דערביי פארשידענע פריידיגע העויות און אויסרופן. דער פאטער האט אים איינגעהאלטן, געצוימט און דער אינגעל האט צו מיר געזאגט: "איך דאנק אייך, איך וועל אייך קיינמאל, קיינמאל, קיינמאל נישט פארגעסן".

איך האָב זיך געזעגענט מיט'ן שעף, מיט זיין בחור'ל און בין אוועק אין מרחץ אַריין לכבוד שבת.

פרייטאַג פארנאכט, פונקט נאך מנחה, האט זיך דער פאליציי-שעף אַריינגעיאוועט אין ישיבה אַריין, ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף הרב אייזענשטאדט, איך האב געענטפערט אַז הרב אייזענשטאַדט איז איצט נישטא און האב אים דערלאנגט א שטול צום זיצן.

איך האב ערווארטעט אַז ער זאל זיך אפזאגן פון זיצן, אבער ער האָט זיך לאַנג נישט געלאזט בעטן און האט זיך גאנץ ברייטליך אַוועקגעזעצט. איך האב פאַרשטאנען צוליב וואָס ער איז געקומען און בכדי אונזער געשפרעך זאל זיך נישט פארציען און זאל נישט גורם זיין קיין חלול שבת, האב איך זיך אַנטשולדיגט פאַר אים און בין אַריינגעלאפן צו זיך אין צימער אַריין, און געכאַפט די 150 ליט פדיון שבויים געלט וואס ר' חיים-עוזר האט אונז געגעבן און האב זיי אים, אן קיין שום הקדמות, דערלאנגט אין דער יד אַריין.

עס איז קענטיג געווען, אז ער האט זיך אליין נישט גערעכט אויף אַזא מנה-יפה, מחמת ער איז געווארן מאדנע באגייסטערט און צוגעלאזן, ער האט גענומען אַרויסווייזן איבערגעטריבענע העפליכקייט און האט פאַרשפראכן: מארגן אינדערפרי וועלןביידע אַרעסטאנטן זיין באפרייט. און כך הוה: שבת אינדערפרי צו קריאת התורה זענען ביידע אַרעסטאנטן געקומען אין ישיבה אַריין און עס איז געווען "ליהודים".

# מיר שטייען אין דער רייע מיט פייערטעפ אין די הענט און כאפן א טענצל

די פאליציי האט, מיט דעם גאנג פון טעג, שטופענווייז באפרייט שיעור נישט אלע ארעסטירטע פליטים, מ'האט פאר יעדן באזונדער אפגעצאלט א געוויסן סכום "כופר-נפש" געלט און דער פראצעס פון זייער באפרייאונג איז צוגעגאנגען אויף א שטילן, כמעט אומבאמערקבארן אופן.

דער "דזשאוינט" האט אויפסניי אנגעהויבן צו פונקציאנירן, אבער אויף א שטילן, באשיידענעם אופן, אן רעש. אן טומל. די פליכטלינגען האבן זיך נישט געטארט ארומדרייען גרופעסווייז אין די גאסן און אלץ האט זיך געהאלטן אין א שטילקייט.

אבער אין א שיינעם פרימארגן האבן זיך באוויזן פלאַקאַטן אויף די טעלעגראַף-סלופעס וועלכע האבן געמאלדן א באפעל אז אלע פליכטלינגען מוזן זיך, אין א משך פון דרייסיג טעג, רעגיסטרירען אין די פּאליצייאישע ביוראען, דערביי מוזן זיי צושטעלן פּאַטאַגראפישע בילדער און אויספילן א "לעידימאס", אזא בויגן פּאַפיר מיט פראגעס אויף וועלכע דער פליכטלינג מוז זיך אונטערשרייבן און לייגן זיינע פינגער-צייכענס.

אין די "לעידימאס" זענען געווען קאמפליצירטע פראגעס אויף וועלכע די פליכטלינגען האבן נישט געוואוסט וואס און וויאזוי צו ענטפערן.

עס זענען דארטן געווען אזוינע פראגעס ווי:

1) ווען מ'איז געקומען?

2) אויף וואספארא אופן מ'איז אריינגעקומען אין לאַנד?

3) פונוואנען מ'איז געקומען?

4) "טינקא" אדער "נעטינקא": פעאיק אדער אומפעהיג אויף פיזישער ארבייט?

די פליטים האבן זיך געשראקן פאר'ן אמת'ן תירוץ אויף די דאזיגע פיר קשיות.

נעמט צום ביישפיל, די ערשטע פראגע: "ווען געקומען?" ענטפערן אז מ'איז געקומען נאך דעם 28'טן אַקטאבער 1939 מיינט - אנערקענען אז מ'איז אומלעגאל, און ווער פון די פליכטלינגען איז דען געקומען פאר'ן 28'טן אַקטאבער?

די צווייטע פראגע: "אויף וואספארא אופן אריינגעקומען אין לאנד?" - זיכער נישט אויף קיין לעגאלען אופן.

די דריטע פראגע: "פונוואנען געקומען?" אויב ענטפערט מען אז מ'איז געקומען פון דער סאוועטיש-אַקופירטער טייל איז פאַרהאן די געפאר אז מ'זאל צוריקגעשיקט ווערן צו די סאוועטן און עס איז א פראגע צי די סאַוועטן וועלן אויפנעמען אזעלכע, וואס האבן זיי דעזערטירט.

תושבי קרית יואל
שהשמחה במעונם
עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI
ברכת מזל טוב

להולדת הבנים
ר' שלום יוסף אייזענבערג נ"י
ר' משה הערמאן נ"י
ר' יהוסף (ברב"נ) שווארטץ נ"י
ר' שלמה הערש (בהר"א) פעלדמאן נ"י
ר' משה מאיר וויטריאל נ"י
ר' מנחם מענדל פירטה נ"י
ר' הערשל פירטה נ"י
ר' יואל בכור סרוגא נ"י
ר' בערל פיליפף נ"י
ר' אלכסנדר יצחק ווייס נ"י
ר' יואל (בר"ב) טייטלבוים נ"י
ר' חיים שלמה פארקאש נ"י
ר' שלמה (בר"נ) פיש נ"י
ר' חיים אברהם שווארטץ נ"י
ר' שמעון מענדל פאלקאוויטש נ"י

להולדת הבנות
ר' נחמן פריעד נ"י
ר' אליעזר יוסף בלום נ"י
ר' יואל (בהרי"ד) הירש נ"י
ר' יואל (ברא"א) אקער נ"י

ר' אברהם פרענקל נ"י
ר' בערל לעבאוויטש נ"י
ר' פנחס חיים זאנוויל קויפמאן נ"י
ר' נפתלי יחזקאל לאנדא נ"י
ר' יואל שמאיע נ"י

להכנסת בניהם לעוה"מ
ר' מאיר מרדכי בוידעק נ"י
הרה"ג אהרן יודא כ"ץ שליט"א
ר' אשר זעליג (ברי"י) בלייך נ"י
ר' אברהם גאלדבערגער נ"י
ר' מנחם אלי' גראס נ"י
ר' שלמה ברוך טייטלבוים נ"י
ר' פנחס מענדלאוויטש נ"י
ר' אביגדור יוסף סאמעט נ"י
ר' יואל שווארטץ נ"י

לנישואי צאצאיהם
ר' שרגא גאנדל נ"י
ר' יונה דוד פערל נ"י
ר' יואל אברהם יודא שווארטץ נ"י
ר' אברהם שלום שווארטץ נ"י

ר' אהרן וויינשטאק נ"י
ר' יעקב הערש פערל נ"י
ר' גדלי' מתתי' לענעראוויטש נ"י
ר' ישראל לייב (ברש"א) כהן נ"י
ר' יואל (בר"ה) בראך נ"י
ר' יואל (ברי"י) שווארץ נ"י
ר' נתנאל חיים טורנהיים נ"י
ר' יושע דוד טייטלבוים נ"י
ר' משה יצחק גליק נ"י
ר' שמעון קרעמער נ"י
ר' דוד רובין נ"י
ר' ברוך שווארטץ נ"י
ר' משה אלימלך זאבעל נ"י
ר' יודא שניטצער נ"י
ר' דוד חנני' ווייס נ"י
ר' זלמן לייב שרייבער נ"י
ר' דוד ביקעל נ"י
ר' אברהם יודא שלום שווארטץ נ"י
ר' אברהם משה גאלדשטיין נ"י
ר' חיים הלל יחיאל היללער נ"י
ר' משה מענדל פאלקאוויטש נ"י
ר' משה יודא פאלאטשעק נ"י
ר' יצחק אליעזר רובינשטיין נ"י
ר' אהרן דוד קעניג נ"י
הרה"ג משה עמרם הערמאן שליט"א

ר' יואל (ברמ"וו) פאלקאוויטש נ"י
ר' יואל (בר"ב) לויפער נ"י

לנישואיהם
ר' ישעי' גדלי' גאנדל נ"י
ר' יעקב אליעזר שווארטץ נ"י
ר' שמואל וויינשטאק נ"י
ר' יעקב יוסף לענעראוויטש נ"י
ר' מיכאל כהן נ"י
ר' מרדכי שווארץ נ"י
ר' מענדל גרשון טייטלבוים נ"י
ר' יושע יערמיאש נ"י
ר' יואל יושע רובין נ"י
ר' בערל זאבעל נ"י
ר' אליקים יודא ווייס נ"י
ר' ישראל דוד ווייזער נ"י
ר' יהוסף שווארטץ נ"י
ר' ליפא שפילמאן נ"י
ר' חיים הערש רובינשטיין נ"י
ר' יואל הערש הערמאן נ"י
ר' עקיבא יוסף היללער נ"י
ר' יעקב זיכערמאן נ"י
ר' וואלף פאלאטשעק נ"י

לאירוסי צאצאיהם

| | | |
|---|---|---|
| הרה"ג אברהם מאיר יעקב מויזקאפף ז"ל, קרית יואל | משה נ"י | ר' ישראל העניך שעהר נ"י, קרית יואל |
| הר"ר מנחם זאב מאקובעצקי שליט"א, קרית יואל | משה דוד נ"י | הרה"ג אברהם יעקב ברוין שליט"א, מאנסי |
| ר' חיים דוד פריעד נ"י, קרית יואל | ליפא נ"י | ר' מאיר שפיטצער נ"י, קרית יואל |
| הר"ר יואל שפיטץ שליט"א, בארא פארק | אברהם ברוך נ"י | הר"ר משה יעקב טענענבוים שליט"א, קרית יואל |
| ר' בעריש גראס נ"י, מאנטעראל | שלמה נ"י | ר' שמואל לאנדא נ"י, קרית יואל |
| ר' ישכר בעריש ווייזער נ"י, מאנסי | יוסף נ"י | ר' שי שלום וואהלבערג נ"י, קרית יואל |
| ר' ישעי' טארים נ"י, קרית יואל | מענדל נ"י | ר' יודא יושע כהן נ"י, קרית יואל |
| ר' בנציון ניעדערמאן נ"י, קרית יואל | שמעון דוב נ"י | הרה"ח אליעזר מאיר נאווי ע"ה, קרית יואל |
| ר' זלמן לייב פאלקאוויטש נ"י, קרית יואל | יצחק נ"י | ר' יוסף רפאל האפפער נ"י, קרית יואל |
| ר' וואלף פארקאש נ"י, קרית יואל | ליפא נ"י | ר' דוד עמרם מארגערעטן נ"י, מאנסי |
| ר' שמואל שעהנברון נ"י, וויליאמסבורג | יואל יצחק נ"י | ר' יואל (ברש"ד) מארקאוויטש נ"י קרית יואל |

חתונות • פדיון הבן • סעודת מצוה
תנאים • בר מצוה • שבע ברכות
אהערגעשטעלט!

עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI

STANDARD • PREMIUM • DELUXE
845-781-2288
פאר באשטעלונגען און פאר מער אינפארמאציע רופט היינט

ווידער ענטפערן: "פון דער נאצי-אַקופירטער טייל" איז דא די געפאר אז מ'זאל צוריקגעשיקט ווערן צו די נאציס.

איבער דער לעצטער פראגע: "ארבייטספעהיג אדער נישט" האבן זיך מענטשן גע'פלפול'ט: געווען א יש אומרים וואס האבן געהאלטן אז עס איז בעסער זיך אנצוגעבן "ארבייטספעהיג" מחמת ארבייטספעהיגע מענטשן זענען געווינטשן פאר'ן לאַנד, בעת אנדערע האבן געהאלטן אז "אומפעהיגע" וועט די רעגירונג צורוה לאזן בעת ארבייטספעהיגע וועט מען פארשיקן אויף ארבייט "אונטער די הרי חושך".

איבער דעם תירוץ אויף די פיר קשיות האט מען זיך גע'פלפול'ט א פאר טעג, זיך שואל עצה געווען מיט כלל טוער, מיט אדוואקאטן און סתם "חכמים" און קיין איינער פון זיי האָט קיין קלארן ענטפער נישט געגעבן, האבן די פליטים באשלאסן ארויסצוקומען מיט'ן אמת און "ווי אזוי דער אויבערשטער וועט פירן אזוי וועט זיין, כאשר אבדתי אבדתי און פטור אן עסק".

אויף פיר פארשידענע פונקטן האט מען זיך באַדאַרפט רעגיסטרירן אין א משך פון דרייסיג טעג אין דריי אזייגער נאכמיטאג האבן זיך די רעגיסטראציע-ביוראען געשלאסן און די ביוראַקראַטן וואס האבן זיך געפארעט ארום דער ארבייט האבן זיך נישט געאיילט, אנגעגאנגען מיט דער ארבייט לאנגזאם, פויל און צוקראכן.

האבן זיך מענטשן אויפגעכאפט פון שלאף פיר אזייגער פארטאג און זענען געלאפן כאפן "פאזיציעס" אין די פאדערשטע רייען. אין איינעם אזא פרימארגן האב איך זיך געשטעלט אין דער רייע: דער פראסט איז געווען א 40 גראדיקער און דער ווינט האט געבוזשעוועט, מרעיש-עולמות געווען.

אין די שווערע הונדערטער זענען מענטשן געשטאנען אין דער ריי, דורכגענומענע פון דער מורא'דיגער קעלט און האבן זיך געריבן די הענט און אונטער-געטאַנצט מיט די פיס בכדי דאס בלוט אין זייערע אדערן זאל חלילה נישט איינגליווערן.

נישט ווייט פון מיר האט געטאנצט אין דער ריי דער סענאטאר יעקב טראקענהיים און נעבן אים איז, מיט א פייערטעפל אין די הענט, געגאנגען אין א רקוד'ל, לייבעלע מינצבערג, א מיטגליד פון פוילישן סיים.

ארום 6 אזייגער פארטאג האבן צוויי בארעמהערציגע פרויען געברענגט פייערטעפ מיט הייסע קוילן פאר אונז און, אויף זיי קוקענדיג, זענען מיט א פערטל שעה שפעטער, געקומען פרויען אין די הונדערטער מיט פייערטעפ וועלכע זיי האבן אפגעגעבן צו די דערפרוירענע פליכטלינגען.

אזא פאַעטיש בילד פון הונדערטער פרויען וואס טראגן פייערטעפ און פון הונדערטער מענטשן וואס שטייען אין דער ריי, מיט פייערטעפ אין די הענט, און טאנצן דערביי אונטער א "רקוד'ל" לכבוד דעם קאַפריז פון א "רעגירונג" וואָס האט געצייילטע חדשים צום לעבן - אַזאַ טראַגיש בילד האט נאך קיין שום מעלער נישט געמאלן און איך האַלט אז עס איז גוטער מאַטעריאל פאר א קינסטלער.

צו דער קאַלעקציע גלות-בילדער וואס זענען נאכנישט געמאלן געווארן געהערט אויך דאָס דאזיגע בילד.

(פארזעצונג קומט אי"ה)

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

# זמני מניני מעריב
· בביהמ"ד הגדול ·

בכל 10 מינוט מזמן מעריב עד שעה 11:00

בחדרי התפלה למטה

10:40 | 11:00 | 11:15 | 11:30 | 11:45 | 12:00

היכל בית המדרש הגדול

קהל יטב לב סאטמאר

בעזרת השם יתברך
שנת **בא סימן טוב ומזל טוב לדוד יושע וחי לביא,**
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון ▪ וקול שמחה ▪ קול חתן ▪ וקול כלה
בתודה וזמרה לשוכן מעונה
שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
אנו מתכבדים לקרא למאהבינו המה יכבדונו
לבא לקחת חבל בראש שמחתינו יום כלולת בנינו שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
דוד יהושע נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
חיה לביאה תחי'

"מלא שבוע זאת"
**יום ב' תבא** שבע ברכות ע"י משפחת ווייזער נ"י
River Terrace Hall - 31 Division Ave, Brooklyn NY 11249
שמחת חתן וכלה 9:45
▪ ▪ ▪
**יום ג' תבא** שבע ברכות ע"י משפחת גליק נ"י
Shopping Center Hall - 51 Forest Rd. Monroe NY 10950
▪ ▪ ▪
**יום ד' תבא** שבע ברכות ע"י הורי החתן נ"י באולם עטרת מייזעלס
3 YD Goldberger Dr. Monroe NY 10950
ברכת המזון 8:15 קודם צאה"כ כיצד מרקדין 9:00

וביום שמחתכם ומועדיכם נשמח עמכם אי"ה
וה' הטוב ישיב גמולכם לראות שמחת עולם על ראשינו בביאת גואלינו בקרוב בימ

הורי החתן
שמעון ישראל ראטענבערג וב"ב
קרית יואל יצ"ו
בלאאמו"ר נפתלי נטע זללה"ה
חתן הרה"ח ר' אביגדור כהנא ז"ל

הורי הכלה
יואל יהושע ווייזער וב"ב
מאנטריאל יצ"ו

העלי' לתורה תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת שופטים
בביהמ"ד עץ פרי בעהוץ
230 Mountainview Dr.
זמן תפלת שחרית בשעה 9:30
קידושא רבא אחר התפלה

קידוש לנשים בביתי
24 Raywood Dr.

החתונה במאנטריאל

בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
אהרן עוזר ני"ו
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
מינדל תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' לסדר "למען ייטב לך והארכת ימים" (כי תצא)
ט' לחודש אלול תשפ"ב לפ"ק ולמס' Sep 5

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnai Yoel Dr Highland Mills, NY

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בל"נ
ידידיכם המצפים לקבל פניכם באהבה ובשמחה

הורי החתן
חיים משה האס וב"ב
קרית יואל יצ"ו

הורי הכלה
נחום אלעזר הכהן מאשקאוויטש וב"ב
קרית יואל יצ"ו

העלי' לתורה תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת שופטים
בביהמ"ד בן ביתי
2 Krolla Dr.
זמן תפלת שחרית בשעה 9:30
קידושא רבא אחר התפלה

*

שבת שבע ברכות תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת כי תצא
בביהמ"ד אוהל מרדכי טאהש
34 Satmar Dr.


בע"ה
בע"ה
JEWELRY MASTER
Fine Jewelry & Diamonds
52 Bakertown Rd.
BUSINESS CENTER II
845-782-6365
FOR PVT APPTS. PLEASE CALL
845-248-8644
Sun-Thurs: 11am-6:30pm / Fri. 11am-1pm
for special hours call: 845-248-8644